STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05677

OT AZOY HOT MEN GESHPILT TEATER

Samuel Iris

Permanent preservation of this book was made possible
by Loren & Marna Shapiro
in memory of
Victoria S. Gold

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל איריס

אָט אַזוי האָט מען געשפּילט טעאַטער

ש מ ו א ל א י ר י ס

אַט אַזוי האָט מען געשפּילט טעאַטער

★

אַרויסגעגעבן פון
אַ ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ן ק אָ מ י ט ע ט
בוענאָס־איירעס, 1956.

דעם [illegible] ייִדן און קינסטלער [illegible] מיין פֿרײַנד
[illegible]
מיט דרך ארץ
שמואל איריס
23/ז 1957

שמואל איריס

אינהאַלט:

אַ מין הקדמה — 13
דערמאָנעניש — 17
אייניקע אויטאָביאָגראַפּישע שטריכן — 19
הפקרות — 39
ערגערניש — 53
וואַנדערונגען — 63
אָט אַזוי האָט מען געשפּילט טעאַטער — 77
בריטשעווער זומער־טעאַטער — 91
מ׳פאָרט אין דער וועלט אַריין — 105
דער לאָבעשניק — 121
בלאָטעס — 131
סיגוראַנצאַ (זיכערקייט־פּאָליציי) — 155
מיט יעקב פּ. אַדלער — 191
פּאָרטרעטן — 231

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון בעסאַראַבער לאַנדסלייט פאַריין, צוזאַמען מיט אַ קאָמיטעט פון פאָלגנדע פערזאָנען :

סימאָן אָרנשטיין, אייזיק פורמאַן, יוסף לערנער, כאָסע און ישכר פרידמאַן, לואיס אַלטמאַן, כאַקאָבאָ כאַקובאָוויטש, קאַרלאָס טשערווין, סאַלאָמאָן סאַלאָמאָן, מאַוריסיאָ זילבערט, סאַלאָמאָן יאַנקילעוויטש און מאַריאַנאָ פעלדשטיין.

דאָס בוך איז געווידמעט מיין געטרייער פרוי

ס אָ נ י ע א י ר י ס ,

וואָס האָט מיט מיר דעם וואַנדער־וועג מיטגעמאַכט.

אַ מין הקדמה

די מעמואַריסטיק —דער ליטעראַרישער זשאַנער וואָס באַשטייט פון שרייבן זכרונות— איז נישט נאָר איינער פון די פּאָפּולערסטע און דער־פּאָלגרייכסטע צווייגן פון דער ליטעראַטור, נייערט אויך איינער פון די באַלערנדיקסטע. זייער אָפּט פּאַסירט, אַז ערשט ווען איר לייענט איבער די פּערזענלעכע זכרונות פון אַ שרייבער, הייבט איר אָן צו פאַרשטיין אַ סך שטעלן פון זיין ליטעראַריש ווערק, וועלכע איר האָט פריִער נישט געקאָנט „צעקייען", ווי מען זאָגט. דורך די זכרונות פונעם שרייבער אָדער שוי־שפּילער, דערוויסט איר זיך איינצלהייטן פון די אומשטענדן און באַדינ־גונגען וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם אויפטריט און די אַנטוויקלונג פון דעם באַטרעפנדיקן קינסטלער. איר באַקענט זיך מיט עפּיזאָדן און פאַקטאָרן וואָס האָבן געווירקט, אַז ער זאָל ווערן דאָס וואָס ער איז געוואָרן, אָדער האָבן געשטערט, אַז ער זאָל ווערן דאָס וואָס ער האָט געקאָנט זיין. ווען די זכרונות זענען פון איינעם וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע, געבן זיי אייך אָפּט דעם שליסל צו פאַ־סירונגען פון געשיכטלעכן פאַרנעם, וועלכע איר הייבט אָן צו פאַרשטיין בעסער ווי איר האָט זיי פריִער פאַרשטאַנען.

און כאָטש עס ווייזט זיך אויס, אַז שרייבן זכרונות איז אַ לייכטער ענין, איז די ווירקלעכקייט גאָר אַן אַנדערע. שרייבן זכרונות איז אַ גרויסער און שווערער נסיון פאַר דעם וואָס שרייבט זיי. נישט אַלע אינטערפּרעטירן דאָס שרייבן זכרונות אַלצאיינס. פאַראַן אַזעלכע וואָס זעען נאָר זיך אַליין אַלס דאָס וויכטיקסטע פון דעם וואָס זיי געדענקען און האָבן וואָס צו

דערציילן און דאָס איבעריקע באַטראַכטן זיי נאָר אַלס אַ מין „דעקאָראַציע״ אָדער אַלס הינטערגרונד צו ווייזן וואָס בולטער זיך אַליין; און פאַראַן אַנדערע, וואָס באַטראַכטן זיך אַליין נישט מער ווי אַלס באַשטאַנדטייל פון דעם וואָס זיי געדענקען און האָבן וואָס צו דערציילן און דאָס וויכטיקסטע איז פאַר זיי דאָס אַלגעמיינע בילד, אין וועלכן זיי שפּילן בלויז אַ רעלאַטיווע, פּראָפּאָרציאָנעלע ראָלע. דער צווייטער צוגאַנג איז דער ריכטיקסטער און —איך וואָלט געזאָגט— דער אָרנטלעכערער. און אָט דעם דאָזיקן צוגאַנג האָט שמואל איריס אין זיינע זכרונות וועגן יידישן טעאַטער.

די געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער איז איין גרויסע און שפּאַנענדיקע דראַמע און ש. איריס ברענגט אין זיין בוך אַרויס איניקע עפּיזאָדן אין וועלכע די דאָזיקע דראַמע שפּיגלט זיך אָפּ ווי די זון אין אַ טראָפּן וואַסער. איך זאָג ווי די זון אין אַ טראָפּן וואַסער, ווייל דאָס איז נישט מער ווי אַ קליינער ברוכטייל פון דעם וואָס דער מחבר האָט צו דערציילן פון זיינע איבער פופציק יאָר שפּילן יידיש טעאַטער, וווּ ער האָט דורכגעמאַכט נישט נאָר צייטן פון ליידן, מוטשעניש און עגמת־נפש, נאָר אויך מאָמענטן פון דערהויבנקייט, פון קינסטלערישן דערפאָלג און פון נחת־רוח. אין דעם דאָזיקן בוך מיידט ער אָבער אויס צו דערציילן אויספירלעכער וועגן זיינע דערפאָלגרייכע און ליכטיקערע צייטן און באַגרענעצט זיך בלויז איבערצוגעבן איניקע עפּיזאָדן וואָס ברענגען אַרויס אויף אַ וווּנדערבאַר־קלאָרן אופן דעם ליידנס־וועג פון די וואָס האָבן פאַרשפּרייט דאָס יידישע וואָרט דורך שוישפּיל אין אַלע תפוצות ישראל. זיין ציל איז צו ווייזן אַ ווינקעלע פון אָט דעם גרויסן שלאַכטפעלד אויף וועלכן עס איז אויסגעקעמפט געוואָרן דאָס רעכט פונעם יידישן טעאַטער צו פאַרנעמען זיין פלאַץ אין דעם אַלגעמיינעם אויפשטייג פון דעם יידישן וואָרט, — דאָס ווינקעלע הייסט: בעסאַראַביע און רומעניע — און דער פּרווו גיט זיך אים פולשטענדיק איין.

עס איז אַ גוט־באַקאַנטער פאַקט, אַז אין דורכשניט וויל יעדער שוישפּילער שפּילן גוט טעאַטער. עס איז אָבער אויך גוט באַוווּסט, אַז די אומשטענדן צווינגען דעם גרעסטן טייל שוישפּילער צו אַקטואירן אין אַ רעפּערטואַר וואָס איז זיי נישט צום האַרץ. דאָס פּאַסירט אין טעאַטער בכלל און אין יידישן טעאַטער בפרט. די באַדינגונגען און אומשטענדן אין וועלכן דאָס יידישע טעאַטער איז געבוירן געוואָרן און האָט זיך אַנטוויקלט,

זענען געווען אַזעלכע אומנאַרמאַלע און שווערע, אַז זיי האָבן סך־הכּל אַ תּל־געמאַכט פון די שטרעבונגען צו דערהייבן דאָס ייִדישע טעאַטער. די דאָזיקע אומשטענדן האָבן צונישט־געמאַכט די אָנשטרענגונגען פון גאַנצע קאַדרען פּיאָנערן וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר דעם העכערן ניוואָ פון דער ייִדישער בינע. וואָס שייך יחידים־שוישפּילער און זייער ווילן צו שפּילן ייִדיש טעאַטער אויף אַן אָנשטענדיקן און ערנטלעכן אופן, זענען זיי פּשוט מיטגעשלעפּט געוואָרן ווי אומבאַהאָלפענע שפּענדלעך פון דעם שונד־שטראָם וואָס האָט פאַרפּלייצט די ייִדישע בינע. ש. איריס געהער צו אָט די קינסטלער־יחידים, וואָס האָט מיטגעמאַכט אָט דעם פּײַנלעכן וועג פון אַ קינסטלער, וואָס קאָן נישט קומען צום אויסדרוק. אין זײַנע זכרונות וועט דער לייענער אָנטרעפן עפּיזאָדן וואָס דערציילן קלאָר וועגן זײַנע ליידן אין דעם זין. ער דערציילט וועגן זײַנע אייגענע איבערלעבונגען און שטימונגען, אָבער דאָס זענען אייגנטלעך די איבערלעבונגען און שטימונגען פון אַ סך אַזעלכע ווי ער; עס איז די אויטענטישע געשיכטע פונעם ייִדישן טעאַטער.

דאָס ייִדישע טעאַטער קאָן זיך נישט באַקלאָגן אין קיין מאַנגל אין מעמואַרן. אין דעם פאַל אָבער פון ש. איריס, האַנדלט זיך עס וועגן מעמואַרן וואָס אַנטפּלעקן פאַרן לייענער אַ ווינקל פון די ייִדישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז כמעט ווי אומבאַקאַנט. עס האַנדלט זיך וועגן ייִדישע שטעט און שטעטלעך פון בעסאַראַביע און רומעניע, ווו ייִדישע טרופּעס האָבן געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין די שווערסטע באַדינגונגען — לעגאַל און טעכניש. אין דעם בוך וועט דער לייענער זיך באַקענען מיט די דאָזיקע באַדינגונגען און ער וועט אויך אָנטרעפן פײַן־געשילדערטע עפּיזאָדן, טיפן און בילדער, ווו שמואל איריס באַווייזט זיך אַלס אינטעליגענטער באַאָבאַכטער און אַלס פעיִקער שילדערער פון טראַגיקאָמישע סיטואַציעס. דאָס בוך איז געשריבן אוממיטלבאַר, פּליסיק און אויף אײַניקע ערטער איז די שילדערונג פּשוט פאַרכאַפּנדיק. מיר דאַכט זיך, אַז זעלטן־ווער עס האָט אָנגעשריבן אַזאַ דראַמאַטישע שילדערונג וועגן יעקב פּ. אַדלער אין דער צייט פון זײַן ירידה, ווי דאָס טוט ש. איריס אין דער דערציילונג וועגן זײַן אויפטריט מיט דעם באַרימטן —אין זײַן צייט— קעניג פון דער ייִדישער

בינע. די שילדערונג פון די סיטואַציעס און די כאַראַקטעריסטיק פון די פערסאָנאַזשן דערגרייכן דאָ אַ באַדייטנדיקע קינסטלערישע מדרגה.

איך האָב די זכרונות פון שמואל איריס איבערגעלייענט אין כתב־יד, ממש בנשימה אחת און האָב פון זיי שטאַרק הנאה געהאַט און איך בין זיכער, אַז דעם זעלבן גייסטיקן פאַרגעניגן וועט האָבן יעדער איינער וואָס וועט איבערלייענען דעם דאָזיקן בוך, וואָס איז אַן אויטענטישער דאָקומענט צו דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער און אַ באַדייטנדיקע דערגרייכונג פאַרן מחבר, וועלכער ווייזט אַרויס ביים שילדערן די עפּיזאָדן און פאַקטן בעאָבאַכטונגס־פעיִקייט, חוש פאַר די טראַגי־קאָמישע סיטואַציעס, וועלכע ער ברענגט אַרויס מיט אַ ראַפינירטן הומאָר און דער עיקר — אָרנטלעכקייט און אויפריכטיקייט ביים שילדערן די סיטואַציעס.

ש. איריס האָט אָנגעשריבן אַ גוט בוך, געשריבן מיט דער דערפאַרונג פון אַ וועטעראַן וואָס האָט אַליין מיטגעמאַכט דאָס וואָס ער באַשרייבט און דערפאַר איז דאָס אַ פיינער צושטייער צו דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער.

פאַליק לערנער.

ד ע ר מ אָ נ ע נ י ש ן

שוין יאָרן פאַרלאָפן
גוואַלד, כ׳האָב דעם
חשבון
פאַרלוירן שוין
דוכט מיר
אינגאַנצן
נאָך אײדער,
נאָך פריִער, באָך ערב,
אַקטיאָר זיין
ווען געגלוסט כ׳האָב
נאָך זינגען
און טאַנצן.

ווען כ׳האָב נאָך
צוזאַמען
מיט „הערש
מיט דער גוליע״
אין קאַמער
„געמאַכט״ אַ טעאַטער
ווען כ׳האָב
פאַר אַ „קאָמיק״
„פאַרשטעלט״ זיך
אַלס „שוואַרצער״
און הערשל, אַלץ
זאַהיקעוואַטער

וואָס־זשע מאַכסטו
דאָרט הערשל ?!
האָסט „קיין לייט״
געוואָלט זיין ? ביין !
ביסט דוכט מיר
אַ סטאָליער פאַרבליבן ?
און וואָס מאַכט
דאָרטן מינדל ?
(די מויד וואָס
מיר האָבן איר
בריוולעך
צוזאַמען געשריבן).

געדענקסט, ביי דער
„סירקע־וואַסער ?
אין אַ ביכל

מיט לידער
פּאַרטיפּטע
מיט קאָפּ
און מיט אויערן ?
איז דאָרט אויפן גראָז,
אַט דעם שבת נאָכמיטאָג,
אַ גערדאַנק,
פון טעאַטער
געבוירן.

מיר פלעגן חלומות,
גינגאָלדענע
שפּינען.
צו קונסט,
צו טעאַטער
נאָר שטרעבן.
ביסטו דיר
אַ סטאָליער פאַרבליבן
און איך ?... אוי !
אַ קינסטלער
אַז ווײ
צו מיין לעבן !

איינקע אויטאביאגראפישע שטריכן

געבוירן אין דער הויפטשטאָט פון בעסאַראַביע — קעשענעוו, ביי אָרעמע עלטערן, בעלי־מלאכות, געלערנט אין חדר, שפּעטער געענדיקט די פאָלקס־שולע. צום לערנען קיין גרויסן חשק נישט געהאַט. מיין פאָטער איז אויך נישט געווען צופרידן מיט מיין לערנען רוסיש. ער האָט גע־חלומט מיך צו מאַכן פאַר אַ כלי־קודש, האָט ער מיך אָפּגעגעבן אין דער ישיבה צום „צווייטן" מלמד און אַזוי ווי איך האָב, ווי געזאָגט, קיין חשק צום לערנען נישט געהאַט, פלעג איך —אָנשטאָט גיי אין דער ישיבה— נאָכלויפן גאַנצע טעג די קאַטערינשטשיקעס און גאַסן־אַקראָבאַטן, ביז גיך געוואָרן מיט זיי באַפריינדעט, כ'האָב געדרייט פאַר זיי די קאַטערינקע, אָדער צונויפגעקליבן די אַראָפּגעוואָרפענע גראָשנס פאַר זייערטוועגן... די ליבע צו דער דאָזיקער „קונסט" איז ביי מיר געווען אַזוי גרויס, אַז איך וואָלט אַלץ אין דער וועלט אַוועקגעגעבן אַבי זיי זאָלן מיך אויסלערנען זיך „ברעכן", זיך שטעלן אויפן קאָפּ, אַרויפלייגן אַ פוס אויפן אַקסל, וכדומה.

נאַטירלעך, האָב איך דאָס לערנען פאַרנאַכלעסיקט און ווען איך בין געבליבן אויפן זמן ביים זעלבן מלמד, האָט מיין טאַטע שוין געזען, אַז פון מיר וועט שוין קיין לייט נישט זיין, האָט ער מיך אָפּגעגעבן פאַר אַ „פריי־קאַזשטשיק" אין אַ קלייט אויפן „טאָלטשאָק"...

אין אַ קורץ שטיקל צייט שפּעטער, האָט זיך אויפן מאַרק פּלוצים באַוויזן אַ געוויסער מאַלינאָווסקי, וועלכער האָט געמאַכט פאַרשידענע „פאָקוסן" (קונצן) און ווען איך האָב אים צומערשטן מאָל דערזען, ווי ער האָט געשפּריצט פייער פון מויל, אָדער ווי די מטבע איז פאַרשוווּנדן ביי אים צווישן די פינגער און נאָך אַנדערע ענלעכע קונצן, האָב איך אָנגעהויבן

פון אים צו חלומען. איך האָב זיך דערוווּסט ווי ער וווינט, האָב מיט אים געשלאָסן באַקאַנטשאַפט און אים אַנטפּלעקט מיין האַרץ, אַז איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן פאַר גאָר נישט, עס מעג מיך אַפילו קאָסטן כל הון דעלמא, אַבי ער זאָל מיך אויסלערנען די קונצן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער הער מאַלינאָווסקי האָט מיין נייגעריקייט אויסגענוצט און ביי מיר יעדן גראָשן צוגענומען. איך פלעג צו אים קומען יעדן שבת נאָכמיטאָג. ער האָט מיר באַלד באַוויזן דעם „פאָקוס". דערנאָך האָט ער זיך געהייסן געבן אַ קערבל און ווען איך האָב אים באַצאָלט דאָס קערבל, האָט ער מיר אויסגעזאָגט דעם סוד. צו יענער צייט איז אַ קערבל געווען אַ גרויסע מטבעה; אַ דורכשניטלעכער בעל־מלאכה פלעגט פאַרדינען פון דריי ביז פיר רובל אַ וואָך און דערמיט באַדאַרפט דערנערן אַ פאַמיליע. אָבער אַזוי ווי איך האָב קיין סך געלט נישט געהאַט, ווייל אַלס „פריקאַזשטשיק" האָב איך פאַרדינט דריי קערבלעך אַ חודש, האָב איך... געמוזט אָנהייבן שלעפן געלט פון קעסטל, כדי צו באַצאָלן מאַלינאָווסקין פאַר די קונצן, — ביז אין אַ שיינעם טאָג האָט מען מיך געפּאַקט און מיך מיט בושה אַרויסגעוואָרפן פון קלייט. און כאָטש איך האָב געכאַפּט פעטש פון טאַטן, בין איך אָבער אין אַ געוויסער מאָס געווען באַפרידיקט מיט דעם וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט עטלעכע גאַנץ אינטערעסאַנטע קונצן, וועלכע איך פלעג גאַנץ אָפט דעמאָנסטרירן אין קאָמער ביי אונדז פאַר אַ „פובליקום". געוויינלעך פלעגן די פאָרשטעלונגען פאָרקומען שבת נאָכמיטאָג, ווען דער טאַטע איז געשלאָפן.

אַזוי זענען פאַרביי עטלעכע שבתים און די „פאָרשטעלונגען" ביי אונדז אין קאָמער (סאַראַי) זענען זיך געגאַנגען רעגלמעסיק. איך האָב פאַרמאָגט אין מיין רעפּערטואַר אַזעלכע זיבן־אַכט „פאָקוסן". אָבער אַזוי ווי די קונצן האָבן שוין אָנגעהויבן דערעסן דעם „פובליקום", אויסער דעם האָבן שוין אַ סך יינגלעך געכאַפּט דעם סוד פון דער קונץ, מחמת איך האָב די „פאָקוסן" זייער אָפט און ביי יעדער געלעגנהייט באַוויזן, נאָר אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ חבר —„הערשל מיט דער גוליע"— וועלכער האָט געקאָנט זינגען און זיך „מאַכן משוגע", האָבן מיר שוין אָנגעהויבן אויפצוטרעטן

אויף פאָלגנדיקן אופן: פריִער האָט ער זיך „געמאַכט משוגע״, דערנאָך האָב איך זיך „געמאַכט משוגע״ און שפּעטער האָבן מיר זיך ביידע „געמאַכט משוגע״ און צום שלוס — די פּאָקוסן. ביז אין אַ געווויסן שבת נאָכמיטאָג, איז מיין טאַטע „אַריינגעפאַלן״ אין קאַמער און נישט־קוקנדיק וואָס ס׳איז שבת, האָט ער צעריסן די „אַפּאַראַטן״, צעבראָכן דאָס „צויבער־שטעקעלע״, צעטריבן דאָס „פּובליקום״ און מיר אַזוי „דערציילט די מעשה״, אַז איך

Самуиль Абрамовичъ Ирисъ

Артистъ Нѣмецкой труппы.

ערב טעאַטער: איריס אַלס ליוביטעל וועלכער טיטולירט זיך אַלס „דויטשער שאַושפּילער״

האָב עס לאַנג געהאַט צו געדענקען... און כדי איך זאָל נישט אַרומגיין און „פּוסטאונפּאַסעווען״, האָט ער באַשלאָסן איך זאָל אים צוהעלפן צו דער מלאכה.

שפּעטער איז צו אונדז אין שטאָט אָנגעקומען דער באַוווּסטער גרויסער צירק פון די ברידער טרוצצי, מיט די באַרימטע פּאַיאַצן: לעפּאָם און אייזשען. אין דעם דאָזיקן צירק בין איך געווען אַן אָפטער אַריינגייער, מחמת איך האָב פאַר די צוויי פּאַיאַצן געטראָגן זייערע זאַכן אין צירק

שמואל איריס

אַריין און דערמיט שוין געוואָרן אַ גאַנצער מחותן ביי זיי אין גאַרדעראָב. איך האָב זיי „געפאָלגט אַ גאַנג“, זיי ממש געקראָכן הינטער די נעגל. אויך זיי האָבן מיט מיר סימפּאַטיזירט און מיך גערופן: „איריסקא“. און אָט די צוויי קלאָונען זענען געוואָרן מיין אידעאַל, איבערהויפּט דער פּאַיאַץ אייזשען, וועלכער איז נישט געווען גלאַט אַזוי אַ פּאַיאַץ, נאָר אַ הומאָריסט, אַ קינסטלער. איך פלעג, נאַטירלעך, נאָכמאַכן זייערע „שטיק“ מיט אַלע פּיטשעוקעס און דערפּאַר טאַקע בין איך זיי, אַ פּנים, געפעלן געוואָרן. איין זאַך איז נאָר געווען שלעכט, וואָס איך האָב נישט געקאָנט מאַכן אַ „סאַלטאָ מאָרטאַל“ ווי זיי, אָבער זיי האָבן מיר צוגעזאָגט נאָכדעם ווי איך האָב פּאַר זיי געעפנט מיין האַרץ, אַז זיי וועלן מיר ביי אַ געלעגנהייט „צעברעכן די ביינער“, וועל איך דעמאָלט ווערן אַ גוטער קלאָון... צו מיין גדולה איז קיין גלייכן נישט געווען. יעדע נאַכט, אַהיימקומענדיק פון צירק, פלעג איך ביז דריי, פיר אַ זייגער פאַרטאָג פאַרברענגען מיט די בעקער־יונגען פון אונדזער הויף, נאָכגעמאַכט מיינע ליבלינגע — לעפּאָם און אייזשען — געזונגען מיט די בעקער־יונגען לידער, ווי: „אשת חיל“, „דער זומער מיטן ווינטער“, „פּונקט צוויי טראָפּן דער טאַטע“, „דאָס ליד פון אויג“ און דערייבער נישט געקאָנט אַרבעטן דעם צווייטן טאָג, געכאַפּט פעטש פון טאַטן און דאָס ערגסטע — מיך אין צירק מער נישט געלאָזט גיין...

פלוצים האָט זיך ווידער אַראָפּגעיאַוועט דער פּאָקוסניק מאַלינאָווסקי און מיר איינגערעדט, אַז איך זאָל מיט אים אַוועקפאָרן און ער וועט פון מיר מאַכן אַ באַרימטן פּאָקוסניק, ווייל איך האָב אַ גרויסן טאַלאַנט... איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדן פון אים און בין דאַן צום ערשטן מאָל אַנטלאָפן פון דער היים און זיך אַרומגעשלעפּט מיט מיין „פּראָפעסאָר“ אויף אַלע יאַרידים, געליטן הונגער און נויט, ביז איך בין אין אַ טאָג אַנטלאָפן פון קאַלאַראַש קיין קעשענעוו צופוס...

ביז יענער צייט האָב איך קיין טעאַטער בכלל נישט געזען.

אין 1902 אָדער 1903 — כ׳געדענק נישט גענוי דאָס יאָר — האָט געשפּילט אין קעשענעוו די טרופּע פעלדמאַן, מיט די אַרטיסטן: בראָנשטיין, סטאָליאַרסקאַיאַ, גאַרטאַלעוויטש, גילאַדי, רייבער, געדיסמאַן, ווייסבלאַט,

אברהם איריס, דער פֿאָטער פֿון שמואל איריס.
(פֿון זיין מוטער צפּורה איז ליידער קיין בילד נישט פֿאַרבליבן,
ווייל זי האָט זיך קיינמאָל נישט פֿאָטאָגראַפֿירט)

(מיכאַלעסקאַ), דאָקטאָראָוו און אַנדערע. איך בין גאַנץ צופעליק — דורך מײַנעם אַ חבר, וואָס זײַן פֿאָטער האָט געשפּילט אין אָרקעסטער פֿון טעאַטער — אַרײַן אין טעאַטער צו אַ נאָכמיטאָג־פֿאָרשטעלונג. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן. געשפּילט האָט מען דאַן „שמענדריק" פֿון אברהם גאָלדפֿאַדן, מיט דעם אַרטיסט בראָנשטײן אין דער ראָל אַלס „שמענדריק". איך בין אַזוי באַגײַסטערט געוואָרן, אַז זיצנדיק אין טעאַטער, האָב איך באַלד נאָכגעטון אַלץ, וואָס די אַרטיסטן האָבן געטון אויף דער בינע, און אַהײמגײענדיק מיט מײַן חבר, האָב איך טאַקע באַלד אויף דער גאַס נאָכגעמאַכט בראָנשטײנס „שמענדריק"...

מײַן חבר, זעענדיק מיך קאָפּירן, האָט אויסגעפֿונען, אַז איך האָב טאַלאַנט און האָט מיך אויפֿן צווייטן טאָג — דאָס איז געווען פּונקט פּורים — אַרײַנגעפֿירט צום אָנפֿירער פֿון די לוביטעלעס — „איצל האָרבאַטש" — מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר „איצלען" און די איבעריקע ליוביטעלעס. מען האָט מיך עקזאַמינירט וואָס איך קאָן, איך האָב באַלד נאָכגעמאַכט „שמענדריקן", אויך אַ פּאָר „שטיקלעך" פֿון מײַנע באַליבטע קלאָונען: לעפּאַם און אײַזשען. איך האָב געהאַט סוקסעס און מ'האָט מיך דעם זעלבן אָוונט פֿאַרשריבן צווישן די „ליוביטעלעס" און איך האָב געהאַט אַ פֿריילעכן פּורים...

גאַנצע צוויי יאָר צײַט האָבן מיר געמאַכט פּראָבע פֿון צוויי פּיעסן: „אחשורוש" און „שולמית". אָבער אַזוי ווי מיר האָבן קיין צענזורירטע דײַטשן טעקסט נישט פֿאַרמאָגט, זענען טאַקע די פֿאָרשטעלונגען נישט דערלויבט געוואָרן. ענדלעך האָבן מיר באַקומען אַ צענזורירטע פּיעסע פֿון... „קאַל־דוניא". מיר האָבן זיך גענומען געשמאַק רעפּעטירן די פּיעסע און בלויז אין געציילטע טעג האָבן מיר געשפּילט די פּיעסע אין „ריידלס־זאַל" און איך בין צום ערשטן מאָל אויפֿגעטראָטן אויף דער בינע אין דער ראָל פֿון „האַצמאַך" און דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען, וואָס טאַקע דעם זעלבן אָוונט איז מיר אויסגעקומען צו זינגען אַן עקספּראָמט אויף די ווערטער: „דער רוח זאָל מיך נעמען"...

אונדזער ליבהאָבער־קרײַז האָט אָנגעהויבן אָנצוגײן ענערגישער מיט דער אַרבעט; מיר זענען פֿאַר דער צײַט אויך פּראַקטישער געוואָרן. מיר

האָבן זיך שוין פאַרזאָרגט מיט עטלעכע צענזורירטע עקזעמפּליאַרן און מיר האָבן געשפּילט פון צייט צו צייט פאַרשידענע פּיעסן, ווי: „דאָראַ“ אָדער „מיליאָנער אַלס בעטלער“, „שמענדריק“, „ווילדער מענטש“, „קאָקעטן־דאַמען“, „שלמה גאָרגל“ און אַנדערע. אגב, האָב איך אין „שלמה גאָרגל“ געשפּילט דעם בעקער־יונג און געזונגען דעם באַרימטן קופּלעט „חוה“,

יעקב און שרהקע איריס, שמואל איריסעס עלטסטער ברודער און שווערגעריך, וועלכע האָבן זיך אַזוי געגרויסט מיט זייער שמואלקע, דעם קינסטלער; אומגעקומען דורך די ברוינע בעסטיעס אין פּאַריז.

וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער אין קעשענעוו און די פּירער פון די „ליוביטעלעס" האָבן געלאָזט אָפּדרוקן דאָס לידל מיט מיין קלישע אויף דער ערשטער זייט. צו מיין פרייד און גדולה איז דעמאָלט קיין גלייכן נישט געווען.

אין 1907 איז געקומען צו אונדז אין שטאָט די טרופּע גענפּער, מיט דער סטרעלסקאַיאַ, גאָלדבערג, לעבעדיעוו, קאַלמאַנאָוויטש, ווינאַקור און אַנדערע, זייער פיינע שוישפּילער. קיין געלט צו באַזוכן דאָס טעאַטער האָב איך נישט געהאַט, — בין איך אויפגעטראָטן אויף דער בינע אַלס סטאַטיסט. געגנוג צרות געהאַט פון מיין איצטיקן פריינט און חבר לעבע־דיעוו, ווען איך בין אַלס סטאַטיסט נישט געפעלן געוואָרן, איבערהויפּט ווען ער האָט געזען דאָס אָפּגעדרוקטע ביכעלע פון קופּלעט „חוה", מיט מיין קלישע אויף דער ערשטער זייט...

כ'האָב זיך אָבער אַרומגעזען, אַז זיין בלויז אַ סטאַטיסט איז קיין תכלית נישט. כ'האָב דאָך געוואָלט ווערן אַן אַקטיאָר; בין איך אַוועקגע־פאָרן מיט אַ געוויסן טעאַטער־דירעקטאָר, טראַכטענבערג, — אַ געוועזענער „פּאָקוסניק", אונטערן נאָמען לערד־טראַכט— צו שפּילן יידיש טעאַטער.

דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר געשפּילט אין אַ קליין פאַרוואָרפן בע־סאַראַבער שטעטל מיטן נאָמען טאַרוטינאַ (אַנטשעקראַק) און כאָטש מיך האָט געצויגן צו דער בינע סכנות־נפשות און איך בין געווען גרייט אויף קרבנות, האָב איך באין־אופן נישט געקאָנט פאַרטראָגן אַזאַ סאָרט טעאַטער־שפּילן, ווי מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן אין דער פּיעסע „קאָלדוניע", די „באָבע יאַכנע" מיט „האָצמאַכן" צוזאַמען אין איין אָוונט... כ'בין נאָך דעם פאַל מוראדיק אַנטוישט געוואָרן. איך האָב געזוכט אין טעאַטער אידעאַל, הייליקייט, קדושה און איך האָב עס ליידער נישט געפונען. און אויפן דריטן אָדער פערטן טאָג בין איך אַנטלאָפן קיין קעשענעוו און אַזוי ווי איך האָב קיין געלט אויף דער רייזע נישט געהאַט, האָב איך זיך מיט גרויסע צרות דורכגעשמוגלט אויף דער באַן אונטער דער באַנק און איבערגעריסן מיטן טעאַטער אויף אייביק...

סוף 1908 איז געקומען צו אונדז אין קעשענעוו אברהם פישזאָן מיט

זיין באַרימטער טרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון: פישזאָן, זאַסלאַווסקאַיאַ, בראַגינסקאַ, ריבאַלסקי, קושטשינסקי, אַרקאָ, פישער, קאַלינסקי, גראָס־מאַן, אָרנשטיין און אַנדערע. די טרופּע האָט מיט גרויס דערפאָלג גאַסטראָ־לירט אין איינעם פון די גרעסטע טעאַטערס. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַלערליי מיטלען און וועגן ווי אַזוי אַריין אין דער טרופּע און נישט געהאַט

איריסעס עלטערע שוועסטער און שוואָגער, שפרה און יעקב סאָכיס, מיט זייער ייִנגעלע. זיי זענען געווען די וועלכע האָבן דערלויבט די „ליוביטעלעס" צו מאַכן רעפּעטיציעס ביי זיך אין הויף. אומגעקומען דורך די נאַציס אין קעשענעוו.

די מעגלעכקייט דאָס צו דערגרייכן, און אַליין בין איך פון דער נאַטור געווען אַ באַשיידענער און אַ שעמעוודיקער... די טרופּע האָט שוין אַנאָנ־סירט די לעצטע פאָרשטעלונגען. אָט ענדיקן זיי, פאָרן אַוועק און אַלע מיינע האָפענונגען וועלן צערונען ווערן.

כ'האָב נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, באַשלאָסן צו האַנדלען ענערגישער,

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך זיך „איינגעשטעלט דאָס לעבן” און בין אַוועק אין טעאַטער צו פּראָבע. צוגעגאַנגען גלייך צו מישע פישזאָן און מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש אים פאַרגעלייגט מיך אַריינצונעמען אין זיין טרופּע. דעם אמת געזאָגט, האָט מיר דאָס מזל אַביסל צוגעשפּילט, ווייל פּונקט יענעם טאָג איז פון דער טרופּע אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע דער אַקטיאָר מיגדאַלסקי און דאָס געשעפט האָט זיך געבייטיקט אין אַ יונגנמאַן צו שפּילן זיינע ראָלן.

מיין אויסערלעכער אויסזען איז, ווייזט אויס, פישזאָנען געפעלן געוואָרן און ער האָט מיר גלייך געשטעלט די ערשטע פראַגע: צי איך בין אַן אַקטיאָר? איך בין אַביסל צעטומלט געוואָרן און נאָך אַ קליינער פּויזע, האָב איך, רויט־ווערנדיק, געענטפערט: „יאָ!”. האָט ער מיר באַלד געשטעלט די צווייטע פראַגע: צי איך קען די פּיעסע „די קרייצער סאָנאַטע” און צי איך האָב אַמאָל געשפּילט „סאַמאָילן”? — מ׳האָט טאַקע אין יענעם טאָג געשפּילט די פּיעסע — האָב איך אים, נאָך מער רויט־ווערנדיק, ווי־דער געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן: „יאָ!”. האָט ער מיר געשטעלט די דריטע פראַגע, וואָס האָט מיך פריטשמעליעט. ער האָט מיך געפרעגט צו איך דאַרף האָבן אַ פּראָבע?... איך האָב זיך אַ ווילע פאַרטראַכט און דערמאָנענדיק זיך, אַז פון עטלעכע מאָל זען די פּיעסע, געדענק איך אַלע מיזאַנסצענעס, האָב איך אים גאַנץ דרייסט געענטפערט: „ניין!”.

מיין ענטפער איז אים, ווייזט אויס, געפעלן געוואָרן, און נאָך דעם ווי ער האָט מיט מיר אַרומגערעדט וועגן קליידער וואָס איך דאַרף צו דער פּיעסע, מיך פּשוט געהייסן קומען אין אָוונט צו שפּילן די ראָלע...

וואָס איך האָב דעמאָלט געפילט קאָן איך נישט באַשרייבן: עס פעלט מיר טאַלאַנט דערצו און מיין שפּראַך איז צו אָרעם. כ׳בין אַוועק אַהיים, אויפן וועג געקויפט די פּיעסע אין אַ בוכהאַנדלונג און איך ווייס נישט ווי אַזוי, — ביז אין אָוונט האָב איך אויסגעלערנט, נישט נאָר מיין ראָלע, נאָר די גאַנצע פּיעסע אויף אויסנווייניק. כ׳האָב אויך גיך צוזאַמענגענומען די נייטיקע זאַכן צו דער פאָרשטעלונג, בין אַוועק אין טעאַטער געגנוג פרי און דאָ איז פאָר־געקומען דער ערשטער אינצידענט.



שמואל איריס אַלס 17־יאָריקער בחור, צוזאַמען מיט זיין ייִנגערער שוועסטער רחלע.

ש מ ו א ל א י ר י ס

די זאַך איז געווען אַזוי:

קיינער פון די אַקטיאָרן — אויסער, פאַרשטייט זיך, פישזאָנען, — האָבן נישט געוווּסט, אַז איך שפּיל — די ראָל איז געווען באַשטימט נאָך פון בעכטן פאַרן געהילפס־רעזשיסאָר אָרנשטיין, — און מישע פישזאָן, נאָך דעם ווי ער האָט מיט מיר אָפּגערעדט, האָט ער אויך געמאָלדן אָרנשטיינען, אַז ער זאָל זיך נישט באַמיִען, ווייל אַן אַנדערער וועט שפּילן די ראָל. דער זעלבער אָרנשטיין האָט זיך געפילט געטראָפן, וואָס מ׳האָט ביי אים צוגענומען די ראָלע, האָט ער שוין פאַרפירט אַן „אינטריגעלע״ און באַלד „אָנגעצויגן״ דעם אַקטיאָר איסאַק אַרקאַ — וועלכער איז געווען אברהם פישזאָנס אַן איידעם און נאַטירלעך, אַ שותף צום געשעפט — אַז מישע, האָט ביי אים צוגענומען די ראָלע און זי אַוועקגעגעבן עפּעס אַ יִינגל פון דער גאַס, אַ „ליוביטעלי!״.

ווען איך בין געקומען אין טעאַטער מיטן פּאַק זאַכן, וואָס איך האָב געטראָגן צום שפּילן, און פישזאָן האָט מיך אַרויפבאַגלייט אויף דער בינע, כדי מיר אָנצווייזן מיין גאַרדעראָב־צימער, איז אונדז אַרקאַ אַנטקעגן געקו־מען. דערזעענדיק מיך, — גראָד איז ער געווען ברוגז מיט מישען — האָט ער אַ בייזער אַ פרעג געטון:

— ווער איז דער „יאַט״?

מישע פישזאָן האָט אים, נישט־קוקנדיק אין פּנים, געענטפערט:

— דער יונגערמאַן וועט היינט שפּילן סאַמאַילן!

— וואָס הייסט עפּעס שפּילן סאַמאַילן?! — איז אַרקאַ אַרויס אַן אויפ־געקאָכטער, — וואָס איז ביי אונדז עפּעס אַ כאַלטורע־טעאַטער?... יעדן „יאַט״. יעדן יִינגל, אַרויפלאָזן אויף דער בינע?!...

איך בין געבליבן נישט־טויט, נישט־לעבעדיק... מיין האָפענונג ווערט צערונען...

מישע פישזאָן האָט מיך אַרויסגענומען פון מיין פאַרלעגנהייט. ער האָט אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן אַ זאָג געטון:

— דער „יאַט״ וועט היינט שפּילן „סאַמאַילן״! גייט, טוט זיך אָן — האָט ער זיך צו מיר געווענדט, מיר אָנווייזנדיק מיין גאַרדעראָב־צימער.

פון די אַקטיאָרן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַרשטעלונג האָט

מיך קיינער נישט געקענט און אויך נישט באַמערקט... הינטער די קוליסן איז געווען פינצטער. איך בין געשטאַנען ביי דער אריינגאַנג־ט ר און געוואַרט אויף מיין אויפטריט. און ווען די פרוי בראַגינסקאַ, וואָס האָט געשפּילט די

אַ סצענע פון „שולמית״, אויפגעפירט אין קעשענעוו, אין 1904

לינקס — ש. איריס אַלס „צינגענטאַנג״; רעכטס — ש. פעראָן אַלס „אבשלום״.

„ניאַניאַ״ נאַטאַשאַ, איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער בינע, בכדי מיט מיר צוזאַמען אויפטרעטן, און אַזוי ווי איך בין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט זי געמיינט אַז איך בין אַ ייִנגל, וואָס „דרייט״ זיך אויף דער בינע, האָט זי מיך אָפּגעשטופּט און גערופן:

— „סאַמאָיל, סאַמאָיל, ווו איז סאַמאָיל?“

איך האָב זיך דערנענטערט צו איר און שטיל געזאָגט:

— איך בין סאַמאָיל...

זי האָט, ווייזט אויס, נישט דערהערט וואָס איך האָב איר געזאָגט און האָט מיך ווידער אָפּגעשטופּט מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס פאַרא אָנטשעפּעניש? נעמט אים צו!!!...

אָבער דער סופליאָר —הערמאַן פישער (קאַטשקע)— האָט שוין אָנגע־הויבן פון סופליאָר־קאַסטן צו קנאַקן מיט די פינגער און רופן: „באַטאַשאַ! סאַמאָיל!“.

האָט די פרוי בראַגינסקאַ געזען, אַז זי האָט שוין קיין אַנדער ברירה, האָט זי מיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט און מיך אַרויפגעשלעפּט אויף דער בינע.

אַלע אַקטיאָרן אויף דער בינע זענען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער. דער סופליאָר האָט געמיינט, אַז עס איז אַ טעות. מיר אַליין איז געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. דאָס האַרץ האָט געזעצט ווי מיט האַמערס. איך האָב דערזען אַ מאַסע אויסגעגלאָצטע פאַרוווּנדערטע אויגן פון די אַקטיאָרן קוקן אויף מיר און ווען איך האָב דערפילט, אַז אָט באַלד דאַרף איך אָנהייבן צו רעדן, האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן נאָך שטאַרקער, נאָר אויף אַרויס־צופאַלן. איך האָב זיך באַהערשט און „אַרויסגעשאָסן“ מיינע ווערטער ווי אַן אויפגעריסענע דאַמבע, גיך, אין איין אָטעם... מישע פישזאָן איז געווען דער וואָס האָט מיך געמוטיקט, מיר אָנגעוויזן צו פאַרהאַלטן זיך רויִקער אין די איבעריקע אַקטן.

און אַזוי בין איך דורכגעגאַנגען מיין ערשטן עקזאַמען אַלס פּראָפע־סיאָנעלער אַקטיאָר און בין טאַקע דעם זעלבן אָוונט, נאָך דער פאָרשטעלונג, אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער טרופּע.

אויפן צווייטן טאָג איז געשפּילט געוואָרן די לעצטע פאָרשטעלונג און די טרופּע האָט באַדאַרפט אַרויספאָרן קיין בעלז (בעסאַראַביע). איך האָב מיין מאַמען מיט מיין שוועסטער „פאַרשיקט“ צו אַ שכנה, און האָב שטילערהייט אַרויסגעגנבעט אַ פּאָר העמדער און מיין טאַטנס איינציקן ווינטער־מאַנטל און

כ׳בין אַ צווייט מאָל אַנטלאָפן פון מיין היים, — דאָסמאָל שוין ביזן היינ־טיקן טאָג.

מיט פּישזאָנען בין איך געווען ביזן יאָר 1915. מיר זענען אויסגעפאָרן אַ שטיק רוסלאַנד, ליטע און פּוילן. אין דעם זעלבן יאָר בין איך איינגעלאַדן געוואָרן קיין ראָסטאָוו, אַלס רוסישער קופּלעטיסט, אין אַ רוסישן מיניאַטור־

אַ פאָטאָגראַפיע פון יאָר 1903 פון אַ גרופּע „ליוביטעלעס״, אין „קאַלדוניע״ פון א. גאָלדפאַדן.

פון רעכטס צו לינקס: כיטריק, ה, זעלצער, פעראָן „איצל האָרבאַטש״, ד. גאַק, ד. שוואַרץ און ש. איריס.

טעאַטער. איך האָב אָבער אַלס קופּלעטיסט קיין גרויסן דערפאָלג נישט גע־האַט. אין 1916 האָב איך זיך אומגעקערט קיין אָדעס, געשפּילט דעם ווינטער־סעזאָן אין ל. ראַפּעלס טרופּע, צוזאַמען מיט: זינאַ ראַפּעל, זאַסלאַווסקי, פּיביך. קאַלמאַנאָוויטש, גאָלדבערג, עפּעלבוים, נאַזשיק, עמערמאַן, גאַרטאַלעוויטש

א״אַנד. ביז איך בין אין חודש מאַי פון זעלבן יאָר מאָביליזירט געוואָרן און אַוועק אויפן פראָנט. פון דאָרט האָב איך, מיט דער הילף פון מיין פרוי סאָניע איריס, — וועלכע האָט אויף קיין פאַל נישט געוואָלט איך זאָל דער־הרגעט ווערן, — דעזערטירט קיין כאַרבין, ווו זי איז שפּעטער געקומען, צו־זאַמען מיט לעבעדיעוון, קושטשינסקין און אַרקאָן. דאָרט האָבן מיר געשפּילט טעאַטער מיט די בודקינס, דראַנאָוו, שומסקי, סעם אַדלער, נעראָסלאַווסקי, סאַנדלער, שפּעטער איז אויך אָנגעקומען אברהם פישזאָן מיט זיין פרוי.

אין כאַרבין האָב איך חוץ אונדזערע פאָרשטעלונגען, אויך אָנטייל גע־נומען אין אַ גאַנצע ריי רוסישע ספּעקטאַקלען מיט אַ רוסישער טרופּע, וואָס האָט דאָרט געשפּילט.

אין 1918 בין איך מיט מיין פרוי אַוועק קיין אָדעס, ווו איך האָב גע־טראָפן ביז צען יידישע טעאַטערס.

אין יאָר 1919 האָבן מיר, צוזאַמען מיטן באַוווסטן אַרטיסט יהושע בערטאָנאָוו, געגרינדעט דאָס ערשטע יידישע מלוכה־טעאַטער, ווו עס זענען אויפגעפירט געוואָרן אַ גאַנצע ריי אינטערעסאַנטע פּיעסן, נאָר מחמת דעם וואָס די מאַכט האָט זיך אין יענער צייט זייער אָפט געביטן, האָט זיך דאָס טעאַטער נישט געקאָנט אַנטוויקלען.

אין יאָר 1921 בין איך אַוועק קיין רומעניע. אַ שטיקל צייט שפּעטער איז אויך געקומען מישע פישזאָן מיט זיין ווייב, אויך די ברידער פעניגשטיין, הערמאַן קאָסאָווסקי, פאַכלער מיט דער פרוי, שקלאָווסקי, ניקולין, גאַלצעוואַ און אַ גאַנצע ריי אָרטיקע אַקטיאָרן, און אונטער דער דירעקציע פון די ברי־דער סויבעלמאַן איז געגרינדעט געוואָרן דאָס „מוסטער־טעאַטער״. איך האָב דעם דאָזיקן טעאַטער אַוועקגעגעבן מיין גאַנצן כוח און ענערגיע. כ׳האָב אויך איבערגעזעצט עטלעכע פּיעסן, וואָס אייניקע פון זיי זענען אויפגעפירט גע־וואָרן, שפּעטער אין דער ווילנער טרופּע, ווי: „די הויפטזאַך״ פון יעווראַינאָוו; „טרילבי״; „פאַרזונקענער גלאָק״; אינסצעניזירט און איבערגעזעצט „די גריל אויפן אויוון״ פון טש. דיקענס, און נאָך אַנדערע קלענערע זאַכן. ליידער האָט די טרופּע נישט לאַנג אָנגעהאַלטן...

דער צוזאַמענשטעל פון דער „מוסטער־טרופּע״ אין 1921/23

ערשטע רייע, פון רעכטס צו לינקס: וולאַדיר, יאָרקינאַ, ה. גוטמאַן, ס. זאַלעס, מ. זאַלעס, ס. איריס אָסטריצקי (אָסטראָוו).

צווייטע רייע: שמואל איריס, פרוי גאַלצעוואַ, הערמאַן פעניגשטיין, ראָזאַ פאַכלער, א. סאָבעלמאַן, מישאַ פישזאָן, וועראַ זאַסלאַווסקאַיאַ, אַדאָלף פעניגשטיין, ר. גוטמאַן, א. פאַכלער.

דריטע רייע: ה. קאָסאָווסקי, קאַלמאַן, פרוי אַש, בזשעזשינסקי, יאגול, זאַלציס, קערענסקי, ניקוליק, פידלער, שקלאָווסקי, מ. סאָבעלמאַן, קארלינסקא, א. אַש, פרידמאַן, פרוי שיכמאַן, גאַלד.

לעצטע רייע: שיכמאַן, פערצאָוו סאראָקין, קרעמערמאַן, א״אַנד.

כ׳האָב זיך דערנאָך אַרומגעשלעפּט מיט אַ וואַנדער־טרופּע, אויסגעווען ווו אַ ווינקל אין רומעניע און בעסאַראַביע.

אין 1923 בין איך אַוועק קיין אַמעריקע, האָב געשפּילט אַ שטיקל צייט אין דעטראָיט מיט קלאַראַ יאַנג, צילי אַדלער, לודוויג זאַץ, ראָטשטיין, ביאַליס, הײמאַן און אַנדערע. דערנאָך האָב איך געשפּילט אַ פּאָר פאָרשטעלונגען מיט יעקב פּ. אַדלער. צו דער „יוניע״ (פּאַריין) האָב איך נישט באַלאַנגט, — בין איך אַרומגעגאַנגען צען חדשים אָן אַרבעט. עס איז מיר מיאוס געוואָרן אַרומ־צוגײן אָן פּרנסה, האָב איך, בלית־ברירה, מיט גרויס האַרצווייטיק, פאַרלאָזט אַמעריקע און זיך אומגעקערט קיין רומעניע. בין באַלד אַריין אין דער „וויל־נער טרופּע״, מיט מאַזה, שטיין, בולאָוו, קאַמיען, אָרלעסקאַ, בראַז, נאַטאַן קאַדיסאָן, גאָלדענבערג, לארעס, טאַרלא, שעפּטל א״אַנד.

נאָך קנאַפּע צוויי יאָר אַרבעטן מיט די „ווילנער״, האָט די טרופּע פאַר־לאָזט רומעניע און איך האָב זיך ווידער געשלעפּט איבער די באַלקאַניקע שטעט־לעך פון בעסאַראַביע און רומעניע.

ענדע 1927 בין איך איינגעלאַדן געוואָרן קיין ווין און אין יאָר 1929 בין איך, צוזאַמען מיט יצחק דייטש און אסתר פּערלמאַן, אַנגאַזשירט געוואָרן דורך אַדאָלף מידע קיין בוענאָס־איירעס.

הפקרות

קיין ליעווע זענען מיר געפאָרן אויף פאָלגענדן אופן:

האָבנדיק פאַרענדיקט אונדזערע „גאַסטראָלן” אין רימניק־סאַראַט (אַ שטאָט אין רומעניע), ווו מיר האָבן קיין איבעריק גרויסע געשעפטן נישט געמאַכט, איבער די כמעט שטענדיקע אָנפאַלן פון די סטודענטן פון קוזאַס און זעליא קאָדרעאַנוס באַנדעס אויף די דאָרטיקע יידן און איבער די גרויסע „געהאַקטע צרות” וואָס זיי האָבן אָנגעטון דעם יידישן טעאַטער. איבערהויפט האָבן די באַנדעס געבושעוועט אין פאַרלויף פון די פאָר טעג וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט.

די יידן האָבן זיך ממש איינגעשטעלט דאָס לעבן. אַהיימגייענדיק פון טעאַטער זענען זיי איבערגעפאַלן געוואָרן מיט זידלערייען און באַליידיקונגען. יידן האָבן אָפּגעענטפערט! עס איז געקומען צו גרויסע געשלעגן, געווען אַפילו פאַרוווּנדעטע; האָט טאַקע די מערהייט פון יידישן עולם פשוט מורא געהאַט צו גיין אין טעאַטער, כאָטש זיי זענען געווען זייער אויסגעהונגערט נאָך אַ יידישער פאָרשטעלונג. חוץ דעם זענען די גאַנצע צייט פון דער פאָרשטעלונג געפלויגן שטיינער אין די טירן און פענצטער פון טעאַטער, ווערנדיק באַגלייט מיט דראָענדיקע אויסרופן: „מוערטא זשידאַני” (אַ טויט די יידן!).

די לעצטע נאַכט, ווען מיר האָבן געשפילט דעם „דיבוק”, האָבן די כוליגאַנעס אויסגעשטעלט —פונקט ביים אַריינגאַנג פון טעאַטער— אַ גרויסן אָרקעסטער פון בלאָז־אינסטרומענטן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שפילן און זעצן מיט די פויקן, פאַרשידענע הילכיקע מאַרשן, באַגלייטנדיק די מוזיק מיט וואַרפן שטיינער און פעטאַרדעס אין די טירן און פענצטער.

די זעלבע נאַכט, נאָך דער פאָרשטעלונג, איז אַרויפגעקומען צו אונדז

אויף דער בינע אַ גרעסערע דעלעגאַציע פון די דאָרטיקע ייִדן און ממש מיט טרערן אין די אויגן אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן אָוועקפאָרן און וואָס גיכער...

— איר זעט דאָך אַליין, — האָט דער ראש פון דער דעלעגאַציע געזאָגט, — אַז עס איז אַן אומגליק! און וואָס אַ טאָג ווערט ערגער; וואָס קאָנען מיר טון, אַז מיר זענען אין גלות!...

מיר האָבן זיי באַרויִקט און צוגעזאָגט מאָרגן צו פאַרלאָזן די שטאָט.

מיר זענען געבליבן זיצן אָן אַ קנעלונג. אויפן צווייטן טאָג, נאָך לאַנגע באַראַטונגען, האָבן מיר מיט מיין שותף באַשלאָסן, אַז איך זאָל מיט דער טרופע אַריינפאָרן אויף עטלעכע פאָרשטעלונגען קיין אָדאָבעשטי (אַ קליין שטעטל וואָס איז געווען באַרימט מיט איר ווייַן איבער גאַנץ רומעניע, — אַ קלייניקייט, אָדאָבעשטער וויין!), און ער אַליין וועט אַרויספאָרן אויף דער „ליניע", צו זוכן עפּעס אַ מקום, וווּ מיר זאָלן קענען פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט, מחמת דער ווינטער האָט זיך געשטעלט אַ שטרענגער און זיך שלעפּן יעדע וואָך אין אַ צווייט שטעטל, איז פּשוט געווען אוממעגלעך.

אַרויספאָרן אויף דער „ליניע" האָט געמיינט: גלאַט אַזוי פאָרן אין דער וועלט אַריין. אין דעם פּרט איז מיין שותף געווען זייער אַ גרויסער אויסטויגער און דאָס איז ביי אים נישט געווען קיין נייעס. געוויינלעך פלעגט ער עס מאַכן אויף אַזאַ אופן: ער האָט געקויפט אַ באַן-בילעט. נאַטירלעך אויפן וועג קיין בעסאַראַביע — פון די רומענישע שטעטלעך האָט ער ווייניק וואָס געהאַלטן — און אַזוי פאָרנדיק אין באַן, האָט ער געשלאָסן קאָנטשאַפט מיט אחינו בני ישראל, וועלכע זענען אין מאַסן געפאָרן אויף יענער ליניע און ביי יעדן זיך אויסגעפרעגט: פון וואַנען דער ייִד איז, פון וואַנען יענער, ווי עס גייט ביי זיי אין מסחר, מיט וואָס יעדער האַנדלט, צי האָבן ביי זיי ייִדן פּרנסה, — אַזוי לאַנג, ביז מ'איז אַרויפגעקומען אויף אַ שמועס וועגן ייִדיש טעאַטער, זיך פאָרשטעלנדיק, אַז ער איז אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער טרופּע, און צי איז שוין לאַנג ביי זיי נישט געווען קיין ייִדיש טעאַטער, און ווי גרויס עס איז די ייִדישע באַפעלקערונג פון יענעם שטעטל, צי דער קאָמיסאַר איז אַ גוטער, צי

מ׳קאָן עפּעס „מאַכן" מיטן „פּערטשעפּטאָר" (שעף פון שטייער־אַמט) און נאָך אַזעלכע זאַכן, רייך סוחרישע... וועגן טעאַטער, בינע, דעקאָראַציעס, רעקוויזיטן, מוזיק און אַנדערע הצטרכותן, וואָס זענען נייטיק צו שפּילן טעאַטער, — דאָס האָט אים קיינמאָל נישט אינטערעסירט... ער האָט שוין געוווסט, אַז אומעטום וועט מען שוין געפינען אַ בודע, אַ שטאַל, אַ „מאַגאַזאָן" ווו מ׳וועט „דערלאַנגען די סחורה"... אין דעם פּרט איז מיין שותף נישט געווען איבערקלייבעריש.

און טאַקע אין דער אמתן, צי וואָס זיך אינטערעסירן מיט אַזעלכע קלייניקייט?... אַז מוזיק האָבן מיר געהאַט אייגענע, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז איין (1) פידלער, וועלכער האָט גוט געקענט דעם גאַנצן היס־טאָרישן רעפּערטואַר, וואָס מיר האָבן אין יענער צייט געשפּילט און יעדע פּיעסע האָט פאַרמאָגט אַזעלכע פינף־און־צוואַנציק ביז דרייסיק נומערן געזאַנג... דעקאָראַציעס האָבן מיר אויך געהאַט אייגענע. דאָס איז געווען: אַ ריזיקער, שמוציקער ווייס־געלער „טלית" מיט ברייטע שוואַרצע פּאַסן, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון לייוונט, ספּעציעל פאַרן „דיבוק" און דעם נעמלעכן „טלית" האָט מען אויך גענוצט פאַר „ציפּקע פייער", „די בלינדע יתומה", „וועלוול עסט קאָמפּאָט" און דעם גאַנצן היסטאָרישן רעפּערטואַר, — אַלס פאָדערשטן פאָרהאַנג... וואָס שייך די איבעריקע דעקאָראַציעס, האָט מען שוין אין יעדן שטעטל באַקומען געבאָרגט טישטעכער, ליילע־כער, טעפּיכער (קילעמעס) און דערמיט באַפּוצט די ווענט פון דער בינע. און די דאָזיקע „דעקאָראַציע" האָט דאָס באַדאַרפט בילדן: אַ וואַלד, טייך, גאָרטן, צימער, פּאַלאַץ, באָד, באַרג אאַ״וו.

אַלס שותפים, האָבן מיר צווישן זיך זייער גוט געלעבט און אין געשעפטלעכע ענינים זענען מיר ביידע אין אַלץ מסכים געווען, און זעלטן ווען אַ וואָרט זיך פאַרביטן. בכלל איז מיין שותף מיט זיין פרוי געווען אָנשטענדיקע און קאָרעקט־דערצויגענע מענטשן. אויך די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט רעספּעקט און פאַרערונג. מיין שותף האָט ממש געציטערט איבער מיר, ווייל ער האָט זייער גוט געוווסט, אַז דער סאָרט טעאַטער־שפּילן — ביי די קלעגלעכע באַדינגונגען, מיט דעם היס־

טאָרישן רעפּערטואַר זיינעם, וועלכער איז אין די טעאַטער־קרייזן אָנגע־רופן געוואָרן: „די שווערע אַרטילעריע״.— שמעקט מיר נישט אַזוי שטאַרק, האָט ער פּשוט מורא געהאַט, אַז איך זאָל אין אַ שיינעם טאָג נישט נעלם ווערן און ער האָט מיך זייער נישט געוואָלט פאַרלירן, פלעגט ער מיך תמיד מאַכן גוט פילן און אַפילו צערטלען... כאָטש ער איז פון מיר אַ סך מאָל געווען אומצופרידן און זיך אָפט געפונען אין אַ געוויסער מאָס אַפילו באַליידיקט.

איינמאָל איז טאַקע שיעור געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישן אונדז. געווען איז די זאַך אַזוי:

ווי שוין געזאָגט, איז אונדזער רעפּערטואַר אין גרעסטן טייל באַ־שטאַנען פון דער „שווערער אַרטילעריע״ און אַלץ איז געשפּילט געוואָרן אַבסאָלוט אַן די עלעמענטאַרסטע מיטלען, וואָס טעאַטער דאַרף האָבן. פלעג איך ביי די דאָזיקע אומשטענדן, זיך דערלויבן געוויסע פרייהייטן אויף דער בינע: זיך נאַריש מאַכן, רעדן אייגענע ווערטער („אַרבל־פּראָזע״ הייסט עס אויף טעאַטער־לשון...) און בכלל אָפּחוזקן פון די פּיעסן, דע־קאָראַציעס, רעקוויזיטן אאַ״וו...

אַזוי איז אַוועק אַ געוויסע צייט. איך האָב אַפילו געפילט, אַז איך באַגיי אַ גרויסע עוולה, אָבער איך בין געווען אַזוי פאַרביטערט פון דעם סאָרט טעאַטער־שפּילן, אַז איך האָב מיר גאָר נישט געקאָנט העלפן.

מיין שותף האָט אַלץ צוגעזען און... געשוויגן; געדולדט און גע־שוויגן. ביז אין אַ שיינעם טאָג, האָט זיין געדולד געפּלאַצט און ווי זיין שטייגער איז געווען, אויף אַ זייער קאָרעקטן אופן זיך צו מיר געווענדט:

— הערט זיך איין, מיין ליבער איריס! דאָס איז קיין וועג נישט! ס׳טויג נישט! אַזוי אָנגיין ווייטער מיטן געשעפט איז פאַר מיר פערזענלעך אוממעגלעך. איר פאַרשטייט? איך קאָן פּשוט נישט מער! איר דערלויבט זיך עפנטלעך חוזק צו מאַכן פון די פּיעסן, און גראָד פון די פּיעסן מאַכן מיר אַ לעבן. אויסער דעם פאַרגעסט איר, אַז איר זענט אַ שותף אין געשעפט און אַז איר דערלויבט זיך אַזעלכע זאַכן, וועלן די אַנגאַזשירטע אַקטיאָרן נעמען טון דאָס זעלבע, איז וואָס־זשע וועט זיין? דעמאָלט וועט

דאָך זיין איין שטיק חוזק! איז דעריבער, מיין ליבער פריינט, ווייטער אַזוי אַנגיין קאָן עס נישט — האָט ער שוין צוגעגעבן מיט אַן ערנסטן טאָן — ווילט איר זיך באַציִען צום געשעפט ווי עס באַדאַרף צו זיין, בין איך אַוודאי צופרידן, אויב נישט וועל איך זיין געצוווּנגען קעגן מיין ווילן אייך צו קינדיקן... (אין רומעניע איז געווען אַ מנהג פון אַ פערצן־טאָגי־קער קינדיקונג. דאָס הייסט, אַז ביידע צדדים האָבן נאָך באַדאַרפט בלייבן פערצן טעג צוזאַמען).

איך האָב זיך געפילט ווי אַן אָפּגעשמיסן ייִנגל און איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט. איך האָב אים פּשוט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, ווייל פון ריין־געשעפטלעכן שטאַנדפּונקט, איז ער געווען פולשטענדיק גערעכט. איך האָב געפילט, אַז איך בין שטאַרק רויט געוואָרן און האָב אים פילדייטיק געדריקט די האַנט. ער האָט פאַרשטאַנען מיין מיין און איז געווען צופרידן. דאָס האָב איך דערקענט אין זיין שמייכל. איך האָב זיך געפילט ווי אַ פאַרשולדיקטער און זיך געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן...

נאָך דעם דאָזיקן שמועס, זענען מיר ביידע, גלייך ווי עס האָט גאָר־נישט פּאַסירט, אַוועק אין אַ קרעטשמע, געטרונקען אַ גוט ביסל בעסאַ־ראַבער וויין. פאַר בושה און האַרצווייטיק, האָב איך זיך פאַרגעסן און איבערגעכאַפּט די מאָס... זיך געוואָלט פאַרענטפערן, געוויינט, מיין שותף האָט מיך געטרייסט, באַרויִקט ווי אַ געטרייער פאָטער, מיך אָפּגעפירט אַ היים, ווייל איך האָב קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס... און דערמיט איז דער ענין פאַרענדיקט געוואָרן.

איך האָב געזען, אַז קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ, האָב איך געמוזט שלום־מאַכן מיטן גורל און זיך אָנגעהויבן ערנסטער צו באַציִען צום טעאַטער. מיין שותף איז געווען צופרידן. די געשעפטן זענען אַוועק נישט שלעכט, מיר האָבן גאַנץ גוט פאַרדינט, אָבער מיר איז דאָס נישט איינגע־גאַנגען. איך האָב זיך געפילט ווי אַ געפאַנגענער, ווייל קיין אויסזיכטן צו שפּילן אַ בעסערן טעאַטער זענען נישט געווען, האָב איך קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט און ווייטער געוואַנדערט איבער די קליינע בלאָטיקע

שטעטלעך פון בעסאַראַביע, בוקאָווינע און רומעניע, געשפּילט אַזאַ טעאַ־טער, וואָס איך האָב זיך אַפילו אין חלום נישט פאָרגעשטעלט, אונטער די ערגסטע אומשטענדן און זיך געמוטשעט קוויקן מיטן אַלטן פאַרשימלטן היסטאָרישער רעפּערטואַר, וועלכער איז שוין אין יענער צייט, לאַנג אַראָפּ פון די ברעטער פון די מער־ווייניקער אָנשטענדיקע יידישע וואַנדער־טרופּעס.

געשפּילט האָבן מיר אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט און אַפילו — נישט געלאָזט... ווייל מיין שותף איז נישט געווען קיין איבערקלייבער... ביי אים איז גאָרנישט געווען שווער, — איז דעריבער אַלץ געווען רעכט. היינט, למשל, האָבן מיר געשפּילט „דריי מתנות״, מאָרגן — „בלימעלע״; היינט — „טאָג און נאַכט״, מאָרגן — „וועלוול עסט קאָמפּאָט״, „דיבוק״, „ציפּקע פייער״ אאַ״וו...

בכלל האָט מען ביי מיין שותף נישט געוווּסט וואָס מ׳וועט מאָרגן שפּילן. דאָס פלעגט באַשטימט ווערן פון אים אַליין, אָדער אַ שעה־צוויי פאַר דער פאָרשטעלונג, אָדער נאָך דער פאָרשטעלונג. קיין סיסטעם צו באַשטימען דעם רעפּערטואַר פאַר דער גאַנצער וואָך, האָט ביי אים נישט עקזיסטירט. איך פלעג אָפט צו אים טענהן, אַז דאָס איז קיין אופן נישט! ווייל ווען אַן אַקטיאָר ווייסט וואָס מ׳שפּילט אין משך פון דער וואָך, האָט ער ווייניקסטנס צייט אַריינצוקוקן אין אַ ראָלע. אָבער, אַז ער דאַרף פון היינט אויף מאָרגן גיין שפּילן און אַ סך מאָל אין פּיעסן וואָס ער קען לחלוטין נישט, איז דאָך נאָך ערגער.

— וואָס אַרט אייך —פלעגט ער מיר גוטמוטיק ענטפערן— אין די קליינע שטעטלעך קאָן מען נישט באַשטימען דעם רעפּערטואַר ווי איר ווילט. אפשר דאָס וואָס איך וועל באַשטימען, איז שוין פון וועמען אָפּ־געשפּילט געוואָרן? און איך וויל זיי געבן בלויז „נייע פּיעסן״; איך האָב זיי, ברוך־השם, גענוג. חוץ דעם, דאַרף מען זען די שטימונג פון עולם. פאַרלאָזט זיך אויף מיר! — האָט ער מיר גוטברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע.

געוויינלעך פלעגט די פּיעסע אויף מאָרגן באַשטימט ווערן אַזוי:

יעדן אָוונט נאָך וועטשערע, פֿלעגט די גאַנצע טרופּע זיך צוזאַמענ־קומען צו מיין שותף אין שטוב. אַזוי ווי די ווינטער־טעג זענען זייער קורצע, אַ זייגער פיר, האַלב־פינף איז שוין געווען נאַכט און אַזוי ווי אַ זייגער זיבן איז מען פאַרטיק געוואָרן מיט דער וועטשערע, איז ביז האַלב עלף געווען גענוג צייט אויף צו פּלוידערן, ווייל די פאָרשטעלונגען אין די קליינע שטעטלעך האָבן זיך אָנגעהויבן אַ זייגער האַלב צוועלף ביינאַכט. איז נאָך אַלע מעשיות, פליאָטקעס, וויצן און לידער פון פאַרשיידענע פּיעסן וואָס מ׳האָט זיך אָנגעזונגען, האָט זיך פּלוצים מיין שותפס ווייב געווענדט צו איר מאַן:

— וואָס שפּילן מיר מאָרגן?

מיין שותף האָט אַזוי גיך נישט געענטפערט. ער האָט קאַלטבלוטיק געדרייכערט די ליולקע, — אַ צייכן אַז ער טראַכט. די אַקטיאָרן זענען געוואָרן אויפמערקזאַם און בייגעריק און גלייך אָנגעהויבן צו געבן עצות:

— אוי, הער דירעקטאָר, לאָמיר שפּילן „בלימעלע“, — האָט געזאָגט די פרימאַדאָנע, וואָס האָט געשפּילט די הויפּט־געזאַנג־ראָלע אין דער פּיעסע.

— ניין, — האָט זיך אָפּגערופן אַן אַקטיאָר מיט מסוכן־לאַנגע הענט, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ליטעראַרישן אַקטיאָר, — בעסער „פאַמיליע צבי“! אַ טייערע פּיעסע, איך האָב זי געשפּילט נאָך מיט די ליוביטעלעס...

— „וועלוול עסט קאָמפּאָט“ — האָט פאָרגעלייגט אַן אַנדערער — אַ קאָמעדיקע!

— שאַ! פאַרוואָס נישט „גאָט פון נקמה“?

עס האָבן גענומען פאַלן עצות פון אַלע זייטן:

— „יידישע נשמה“.

— „יאַנקעלע גייט אין שול אַריין“.

— „פּינטעלע ייִד“...

אַלע האָבן זיך געקאָכט, געטומלט, מיין שותף איז געזעסן די גאַנצע צייט, געפּופּקעט די ליולקע און געקלערט. מיט אַמאָל האָט ער זיך גע־ווענדט צום ווייב:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת. כ׳האָב זיך היינט געטראָפן מיטן דאָקטער און מיטן אַפּטייקער, האָבן זיי מיר פאַרזיכערט, אַז דאָס טעאַטער וואָלט געווען געפּאַקט ווען איך זאָל זיי געבן „אוריאל אַקאָסטאַ״.

— „אַקאָסטאַ!״, „אַקאָסטאַ!״ — האָבן אַלע אָנגעהויבן טומלען און פּאַטשן בראַוואָ — „אַקאָסטאַ!״.

— יאָ, יאָ, משהלע! „אַקאָסטאַ״ — האָט די דירעקטאָרשע מיט פרייד אויסגעשריגן, קוקנדיק בשעת־מעשה אויף מיר, זייענדיק זיכער, אַז איך וועל זיין צופרידן וואָס מיר וועלן שפּילן אַזאַ פּיעסע — „אַקאָסטאַ!״, שוין אפשר פינף יאָר נישט געשפּילט... — און זיך גלייך געווענדט צו מיר: — איר זענט דאָך זיכער אַ געשפּילטער „בן־עקיבא״, הער איריס?

— גאָט איז מיט אייך! ווי קום איך צו „אַקאָסטאַ״ —האָב איך כמעט ווי זיך פאַרענטפערט— איך האָב די פּיעסע אין מיין לעבן נישט געזען אַפילו!

— דו הער וואָס ער וועט דיר זאָגן —האָט זיך אָנגערופן מיין שותף, קוקנדיק אויף מיר— נישט קיין געשפּילטער גאָר... אַ נייע מעשה!... נעם אַרויס דעם טעקסט! —האָט ער זיך געווענדט צו דער קלענערער טאָכ־טער,— מאָרגן שפּילן מיר „אַקאָסטאַ״!

— אַ טייערע פּיעסע „אַקאָסטאַ״! —האָט זיך געטומלט דער „ליב־האָבער״ פון דער טרופּע— עס וועט זיין וווּנדערבאַר! אַ טייערער אַנ־סאַמבל! — און טאַקע גלייך פאַרטיילן די ראָלן: — איר, הער דירעקטאָר וועט שפּילן „אַקאָסטאַ״, אייער ווייב — „יהודית״, איך — „בן־יוחאי״, חיים איז אַ געשפּילטער „דע סאַנטאָס״, לאַזניק — „דע סילוואַ״, קאָסאָווסקי — „ראובן״, הער איריס — „בן עקיבא״. פּאַרטיק! אַ טייערער אַנסאַמבל!..

איך בין געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער. ווי צו מיר! ווו געפין איך זיך —האָב איך געטראַכט— מיט אַקטיאָרן אָדער צווישן אַן אָפּגעשטאַ־נענעם ווילדן שבט?... מיין שותף, אַ הויכער ברייטער ייִד מיט אַ היבשן בויך וועט שפּילן „אַקאָסטאַ״? מילא, אַז ער שפּילט נאָך אַ טאַטן מיט אַ באָרד, פאַרשטיי איך נאָך, אָבער „אַקאָסטאַ״?... און די דירעקטאָרשע מיט איר פיגור, מיט די ברייטע היפּטן און הויכן בוזעם, וועט שפּילן די צאַרטע

יהודית?... אמת, זייער אַ טאַלאַנטירטע אַקטריסע, אָבער איר אויסזען?... אַזוי האָב איך אין געדאַנק אָפּגעווויגן יעדן אַקטיאָרס טאַלאַנט, מילא, אַז מען שפּילט נאָך די אַלע מאַכערייקעס, פּאַרדעקט מען נאָך מיט אַ לידל, מיט אַ וויץ, מיט אַ קאָזשעליק אָדער מיט אַ דראַמאַטישער סצענע וואָס „נישט געשטויגן און נישט געפלויגן"; קען מען נישט די „פּראָזע" פון דער פּיעסע אָדער מ'דערהערט נישט וואָס דער סופליאָר זאָגט, — רעדט מען עפּעס אַנדערש... אָבער „אַקאָסטאַ"? און טאַקע שוין מאָרגן?

— דאָס איז דאָך קעגן יעדן טעאַטער־געזעץ.

פלוצים איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אין וועלכן איך האָב זיך אָנגעכאַפּט:

— נו, און קליידער צו „אַקאָסטאַ"? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס הייסט קליידער? —ענטפערט מיין שותף קאַלטבלוטיק,— מיר האָבן דאָך די רעק!

— וואָס פאַראַ רעק?! — בין איך צוגעשטאַנען.

— וואָס הייסט וואָס פאַרא רעק? —האָט מיין שותף גאַנץ געלאַסן געענטפערט, פופקענדיק די ליולקע— די פּוילישע רעק!

איך האָב געמיינט אַז איך קריג אַ האַרצשלאַג. איך האָב זיך גאָר־נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַן אַקטיאָר וואָס האָט נאָך געשפּילט מיט גאָלדפּאַדענען זאָל אַזוי גלייכגילטיק זיך דערלויבן צו שפּילן „אוריאל אַקאָסטאַ" אין פּוילישע רעק...

איך האָב נישט אויסגעהאַלטן! און ווי איך האָב זיך געוואָלט קאָנט־ראָלירן, האָב איך דאָך מיין אויפרעגונג נישט געקאָנט באַהאַלטן און שוין אַ ביסל אין אַ מער אויפגערעגטן טאָן אים געזאָגט:

— וואָס רעדט איר מיר פון פּוילישע רעק?! עס איז דאָך „אוריאל אַקאָסטאַ"! אַן עפּאָכע! מ'מוז דאָך האָבן קליידער פון יענער...

— גייט, מאַכט איך נישט נאַריש, —האָט מיין שותף מיר איבער־געשלאָגן— עפּאָכע, שמעפּאָכע, וואָס ווייסט קאפּרעשט פון עפּאָכע? — האָט ער דווקא לאַכנדיק פאַרענדיקט און אויף אים קוקנדיק האָט אויך געלאַכט די גאַנצע טרופּע. אַלץ האָט געלאַכט. אייניקע האָבן זיך אַפילו

„געקאַטשעט״ פון געלעכטער... אַן אויסנאַם איז נאָר געווען דער שווישפּי־לער חיים קאַסאָווסקי, וואָס האָט נישט געלאַכט. פאַרקערט, ער האָט זיך געערגערט, ווייל ער האָט מיך פאַרשטאַנען...

איך האָב זיך אַ ביסל פאַרלוירן און פאַרשעמט. זייער געלעכטער און חוזק־בליקן האָבן מיך געשטאָכן ווי הייסע פיילן אין יעדן אבר. איך האָב אין זייערע אויגן אויסגעזען ווי אַ לץ, אַ יאָלד, אָדער אַ מענטש מיט גרויסע נאַרישע פּרעטענזיעס, וואָס וויל רוינירן דאָס געשעפט. אַלע האָבן געצויגן מיט די אַקסלען, געוווּנקען אויף מיר מיט חוזק, ווי איינער רעדט: „וואָס האָקט ער אַ טשייניק מיט זיין עפּאָכע״...

מיין שותּפס ווייב, זייער אַ קלוגע און טאַקטישע פרוי, האָט דערפילט, אַז קיין גוטס וועט דאָ נישט אַרויס, האָט מיט אַ שטרענגן בליק אַלעמען איינגעשטילט.

אין צימער האָט געהערשט אַ פיינלעכע שטילקייט.

כאָטש איך האָב זיך געפילט געטראָפן און עס האָט מיר זייער וויי־געטון, דאָך האָב איך נישט נאָכגעלאָזט:

— עס פעלט דאָך אייך אָבער איינער פון די וויכטיקסטע פּערסאָ־נאַזשן אין דער פּיעסע. עס פעלט דאָך אייך די ראָלע פון „מנשה וואַנ־דערסטאַטן״, — האָב איך טריומפירט.

— זעסט ווי ער קען נישט די פּיעסע — האָט מיין שותּף זיך געווענדט צום ווייב מיט אַ שמייכל און אויפגעמישט דאָס עדשטע בלעטל וווּ דער פּערסאָנאַל איז פאַרצייכנט. — הם... עס פעלט מנשה, זאָגט איר? נו, און וווּ איז משהלע גאָלדענבערג? וועט ער שפּילן.

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַשלאָגן. איך האָב געוווּסט, אַז משהלע איז אַ פולשטענדיקער אַנאַלפאַבעט, קאָן נישט לייענען און נישט שרייבן, אַן אַקטיאָר מיט אַ קנאַפּן טאַלאַנט און זייער באַגרענעצטע מיטלען. און די ראָלע פון „מנשה וואַנדערסטאַטן״ איז דאָך די קאָמפּליצירטסטע אין דער פּיעסע! אַן אַקטיאָר, מער־ווייניקער אַ „גראַמאַטנער״, דאַרף האָבן, מינדעסטנס, צוויי־דריי וואָכן אויף צו שטודירן אַזאַ ראָלע און צו קאָנען

צעקייען די עברי... ווי אַזוי־זשע איז מעגלעך שוין מאָרגן צו גיין שפּילן אַזאַ וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע?!...

איך האָב געקוקט אויף משהלען, וואָס איז געזעסן אַזוי אומשולדיק און געפּינטלט מיט די קליינע מייזלשע אייגעלעך. כ׳בין געווען זיכער,

סאָניע און שמואל איריס אין איינער פון זייערע ראָלן.

אַז ער וועט פּראָטעסטירן, ווערן אויפגערעגט, זיך אָפּזאָגן ווייניקסטנס שוין מאָרגן צו שפּילן. כ׳האָב דערוואַרט ביי אים צו זען אַ געוויסן ציטער, אַן אומצופרידענע מינע. ווייס איך וואָס! ווען דער דירעקטאָר האָט אים געגעבן די ראָלע, האָט ער אַ צופרידענער, אַ פריילעכער, אַ זאָג געטון

אויף רומעניש: „ביני" (גוט), גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אויפעסן אַ פּאָר טוץ „קאַרנאַצלעך" (רומעניש־פּאָפּולער מאכל) און אויס־טרינקען אַ פּאָר ליטער וויין... אַזאַ גלייכגילטיקייט אין אַזאַ פאַל, האָב איך ביי קיין שום אַקטיאָר אין מיין לעבן נישט געזען.

איך האָב זיך אַלץ געהאַלטן ביי מיינעם:

— אָבער ער איז דאָך נישט קיין געשפּילטער אין „אַקאָסטאַ" — בין איך שוין שיעור „אַרויס פון די כלים".

— איז וואָס? —האָט מיין שותף מיך באַרויִקט— וועלן מיר מאַכן מאָרגן אַ שטיקל פּראָבע.

— וואָס הייסט —זאָג איך— אַ שטיקל פּראָבע? אַזאַ וויכטיקע ראָל ווי „מנשה" ווילט איר אָפּקומען מיט אַ „שטיקל פּראָבע"?! און ווען ער האָט טויזנט קעפּ, וואָלט ער...

— וועט מען מאַכן זיינע סצענעס צוויי מאָל! —האָט שוין מיין שותף אַן אויפגערעגטער מיר איבערגעשלאָגן.— וואָס מיינט איר, דאָס טעאַטער וועט זיך אָפּשטעלן? איי, לאָזט אָפּ, איך בעט אייך!... מאָרגן שפּילן מיר „אַקאָסטאַ"; שרייבט אָן די פּלאַקאַטן! — האָט ער זיך געווענדט צום פּלאַ־קאַטן־שרייבער.

דער פּלאַקאַטן־שרייבער, אויך אַן אַקטיאָר פון דער טרופּע, וואָס האָט געקאָנט אַביסל די קונסט פון שילדן־מאָלעריי, האָט אַרויסגענומען עטלעכע גרויסע בויגנס ווייס פּאַפּיר און מיט שוואַרצער טינט אָנגעשריבן אויף יידיש בלויז דריי ווערטער: „היינט אוריאל אַקאָסטאַ"!

אויף מאָרגן האָבן מיר געשפּילט די פּיעסע...

ש י נ ר ע ג ר ע

איינמאָל, אין אַ זייער קאַלטן ווינטערדיקן אָונט, זענען מיר, ווי דער שטייגער איז, געזעסן ביי מיין שותּף אין שטוב און געשפּילט אַ „דערדל״. מיר האָבן שטענדיק געוווינט צוזאַמען, אַ טיר נעבן אַ טיר. אין שטוב האָט געהערשט אַ מוראדיקע קעלט. זיין ווייב מיט די צוויי חנעוודיקע און טאַלאַנטירטע מיידלעך זענען געלעגן אויפן בעט, אָנגעטאָן אין זייערע ווינטערדיקע אויבער־בגדים און זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער, ביז זיי זענען אַנטשלאָפן געוואָרן. אַזוי פלעגט עס פּאַסירן יעדן אָונט: באַלד נאָך וועטשערע האָט מען זיך אַ ביסל „צוגעלייגט״, — ביז מ׳איז איינגעשלאָפן און אומגעפּער אַ זייגער עלף פלעגט מיין שותּף זיי אָנהייבן וועקן:

— נו, ווייבער, אויפשטיין! צייט צו גרימירן זיך!

גרימירן פלעגן זיך אַלע אין שטוב, ווייל אויף דער בינע איז געווען אי קאַלט, אי עס איז קיין פּלאַץ נישט געווען. קיין גאַרדעראָבן זענען נישט געווען און קיין „הינטער־קוליסן״ האָבן מיר כמעט נישט געהאַט. זענען מיר געזעסן דעם אָונט און געשפּילט אַ קערטל, נישט אויף קיין געלט, חלילה, נאָר אויף... שוועבעלעך, אויף פּושקעלעך שוועבעלעך. און אַזוי ווי איך האָב ביי מיין שותּף קיינמאָל נישט געקאָנט געווינען, בין איך אים שולדיק געווען —לויט מיר האָבן אויסגערעכנט— אַ גאַנצן וואַגאָן פּושקעלעך שוועבעלעך, ווייל נאָך יעדער פאַרשפּילטער פּאַרטיע, פלעג איך שפּילן אויף „קוויט״, ד״ה פאַרטאָפּלען די צאָל פאַרשפּילטע פּושקעלעך...

די טרופּע האָט, ווי איר שטייגער אָנגעהויבן ביסלעכווייז זיך צוזאַמענקומען. מיין שותּף האָט זיי געגעבן אַ צייכן זיך צו פאַרהאַלטן רויק,

ווייל מ׳שלאָפט, זי מענער האָבן צוגעקוקט די שפּיל און די ווייבער האָבן געבעדט צווישן זיך אין דער שטיל.

פלוצים האָט זיך אויפן געזימס פון דעם אויוון, וואָס איז געווען פונקט קעגנאיבער דעם טיש ווו מיר זענען געזעסן, באַוויזן אַ מייזעלע. שפרה גאָלדענבערג, אַ צאַרטע און אַ שוואַכינקע, מיט אַ קרענקלעך פּנים, האָט עס די ערשטע דערזען, האָט זי געגעבן אַ קוויטש און געפאַלן אין חלשות. מיר האָבן זיך אַלע דערשראָקן. די שלאָפנדיקע האָבן זיך אויפגעכאַפּט, נישט־טויט, נישט־לעבעדיק און גענומען קוויטשען, — עס איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. משהלע האָט זיך געכאַפּט ראַטעווען די אָרעמע שפרה און זיך דערביי געוויצלט — ווי זיין שטייגער איז געווען — דער עולם האָט געלאַכט. מ׳האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַרויִקן. מיין שותפס ווייב האָט געמאַכט טיי פאַר אַלעמען. עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן פריילעכער, מ׳האָט געמיטלעך געשמועסט, דערציילט וויצן, — ביז מ׳איז אַרויפגעקומען אויף „וואָס שפּילט מען מאָרגן״?

עס האָבן אָנגעהויבן פאַלן עצות פון אַלע זייטן:

— „קעניג ליר״

— „די שוואַרצע חופּה״

— „מאָשקע חזיר״

— „אַ כלה מיט דריי חתנים״...

איך האָב אין דעם ענין פון באַשטימען רעפּערטואַר, נישט געוואָלט נעמען קיין אָנטייל — איבערהויפּט נאָך מיין לעצטן דורכפאַל מיט „אוריאל אַקאָסטאַ״ — ווייל איך האָב זיך נישט געוואָלט אויפרעגן און זיך מאַכן „בייז בלוט״. חוץ דעם האָב איך דאָך געוווּסט, אַז סיי ווי וועל איך דורכפאַלן. און ווידער: וואָס איז מיר געווען פאַרוואָס נפקא־מינה?

פלוצים האָט זיך אָפּגערופן די דירעקטאָרשע:

— ווייסט משהלע, אַז מאָרגן שלאָגן מען המנען?

— וואָס?! — האָט זיך אָנגערופן מיין שותף — פּורים? זייער גוט! מאָרגן שפּילן מיר „אחשורוש״! נעם אַרויס דעם טעקסט מיט די נאָטן — האָט ער זיך געווענדט צו דער עלטערער טאָכטער.

— יאָ, יאָ, „אחשורוש״ — זענען אַלע מסכים. און טאַקע באַלד גענומען זינגען פון דער פּיעסע:

מיט זעפיר און פּורפּיר
בריליאַנטן אָן אַ שיעור
זילבער, גאָלד, עלפּאַנט־ביין״... אאַ״וו.

— איר זענט דאָך געוויס אַ געשפּילטער „אחשורוש״ — האָט מיין שותף מיך געפרעגט.

— הם... יאָ! —האָב איך שוין מורא געהאַט צו זאָגן ניין— אָבער שוין לאַנג... אַ סך יאָרן, נאָך אַלס לוביטעל... אָבער וואָס וועלן מיר טון מיט...

— מיט קליידער? —האָט מיין שותף ביי מיר אויסגעכאַפּט די ווער־טער— קליידער, אַ־יאָ?... נו, האָבן מיר דאָך די...

— די פּוילישע רעק? —האָב איך ביי אים צוריק אויסגעכאַפּט— אָבער, אַנטשולדיקט, —האָב איך געזונג פאַרזיכטיק פאַרגעזעצט— ערשטנס האָט מען אין „אחשורושס צייטן״ נאָך קיין רעק נישט געטראָגן און קיין הויזן אויך נישט, נאָר העמדער; צווייטנס, זענען דאָך אייערע רעק קיין פּוילישע אויך נישט... נאָר רוסישע קאַפּטאַנעס פון זעכצנטן יאָרהונדערט!...

מיין שותף האָט זיך געפילט געטראָפן וואָס איך אַנערקען נישט זיינע פּוילישע רעק, האָט ער זיך אַ וויצל־געטון, אַז ער וועט מאָרגן צושטעלן קליידער פון נאַציאָנאַלן טעאַטער פון בוקאַרעשט...

אַלע האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט, איך אויך! — אַ ברירה האָב איך געהאַט?...

די זעלבע נאַכט, נאָכן צווייטן אַקט, האָט מיין שותף אַנאָנסירט פאַרן עולם, אַז מאָרגן, לכבוד פּורים, וועלן מיר שפּילן די גרויסע אָפּערעטע מיט פינף־און־דרייסיק נומערן געזאַנג פון אברהם גאָלדפאַדן: „קעניג אחשורוש״ און בילעטן פאַרקויפן זיך שוין אין קאַסע.

כמעט דער גאַנצער עולם וואָס האָט אָנגעפילט דאָס טעאַטער האָט זיך געגעבן אַ לאָז צו דער קאַסע נאָך בילעטן. עס איז געוואָרן אַ גע־

דרענג בײם קאַסע־פּענצטערל וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ שמוציקער קיך, דורך וועלכן מ׳האָט אַרויסגעגעבן דאָס עסן פאַר די געסט פון דעם ביליקן רעסטאָראַן. דער אַנטראַקט האָט זיך פאַרצויגן איבער אַ שעה צייט, — ביז כמעט דריי פערטל פון די בילעטן זענען אויספאַרקויפט געוואָרן.

אַהיימגייענדיק, זאָגט צו מיר מיין שותף גאַנץ פריינטלעך:

— איר הערט, ווען מ׳זאָל זיך ווענדן צו אייך צוהערן, וואָלט מען באַדאַרפט פאַרמאַכן דאָס טעאַטער... און ווען איך זאָל אייך פאָלגן און שפּילן „אייער״ ליטעראַטור, וואָלטן מיר געגאַנגען אָן הויזן... איר זעט וואָס „אחשורוש״ מיינט?... איר פאַרלאָזט זיך אויף מיר! איך קען גוט דעם עולם...

כ׳האָב זיך נאָכאַמאָל איבערצייגט, וואָס פאַר אַ געוואַלדיקן חוש מיין שותף האָט פאַרן טעאַטער־עולם.

דער זאַל איז אויף מאָרגן געווען איבערגעפּאַקט. עס איז געווען אַ געוואַלדיקער סוקסעס. דער עולם האָט די פּיעסע אויפגענומען מיט גרויסע אַפּלאָדיסמענטן. נאָך יעדן געזאַנג־נומער, נאָכן יעדן ליד זענען געווען אומאויפהערלעכע בראַוואָ־פּאַטשערייען, איבערהויפּט דאָס ליד „עלנט, קליין און נמאס״, וואָס מיין שותף האָט, אין דער ראָל פון מרדכי הצדיק, אַזוי זיס און האַרציק געזונגען, אַז מען האָט אים פּשוט נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער בינע און ער האָט געמוזט עטלעכע מאָל זינגען אויף „ביס״. ער האָט די נאַכט אָפּגעהאַלטן אַ טאָפּלטן זיג.

און גשפּילט איז געוואָרן די פּיעסע ביי די שווידערלעכסטע באַדינ־גונגען און אומשטענדן. אַזאַ ריזיקע אָפּערעטע —מ׳קאָן זאָגן אַן אָפּערע— ווי „אחשורוש״, מיט בלויז איין (1) פידלער, אָן אַ כאָר, אָן קליידער, אָן פאַרוקן; פון דעקאָראַציעס איז דאָך שוין אָפּגערעדט...

איך, למשל, שפּילנדיק די ראָלע פון „קעניג אחשורוש״, האָב „אַרויפ־געכאַפּט״ אויף זיך אַ גרויס שמוציק סאַמעטן העמד פון אַ מין טונקל־גרין־פּאָפּעליאַטע קאָליר, מיט אַ שאַרפן גערוך פון שימל און „ביליע״. מיין שותף — אויך דאָס זעלבע; זיך צוגעקלעפּט אַ בערדל, געמאַכט אַ ביסל רויט די נאָז, אָנגעטאָן אויפן קאָפּ די פּאַפּירענע קרוין, אין דער האַנט

דעם סצעפּטער, זיך אָוועקגעזעצט אויפן „טראָן", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צעבראָכן ווינער בענקל און געקיניגט...

די פּרימאַדאָנע — „אסתר המלכה" — אַן אַקטריסע מיט זייער אַ שיינע סאָפּראַן־שטימע, האָט זיך באַהאָנגען מיט פאַרשידענע פּאַטשערקעס און צירונג, צווישן אַנדערע — אויך אַ האַנט־זייגערל...

„ויזתא", געשפּילט פון דער דירעקטאָרשע — אַ דיקע פרוי מיט אַ הויכן בוזעם — האָט זיך אָנגעטאָן אַ מין פּאַיאַץ־קאָסטיום, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט קליינע גלעקעלעך, אויך אַזאַ ענלעך מיצל מיט גלעקלעך און האָט אויסגעזען ווי די „דזשאָקערס" אויף די „רומי"־קאָרטן...

און אַזוי דער איבעריקער פּערסאָנאַל.

נאָר אַזוי ווי דער אַקטיאָר וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון „המן" האָט זיך אָנגעטאָן, — דאָס האָט שוין פּשוט קיין נאָמען נישט געהאַט. ער האָט עס געמאַכט גאַנץ איינפאַך: ער האָט געטראָגן אַ פּאָר שוואַרצע געפּרעסטע הויזן מיט אַ שאַרפן קנייטש, אַ ברוינע וועסט מיט געגילדעטע קנעפּלעך, אַ שטייף העמד מיט אַ זייער הויכן קראַגן מיט צוויי שפּיצלעך איבערגעלייגט, אַ קאָלירטן קראַוואַט וואָס אַן אַמעריקאַנער אַקטיאָר האָט אים געשאָנקען, פון אויבן — „אַ פּוילישן ראָק", באַפּוצט ביי די ראַנדן מיט ווייסן פוטער. די אייגענע האָר פיין פאַרקעמט מיט אַ שרינט אין דער זייט, אַ פּאָר גרויסע געדרייטע וואָנצעס, שלעכט צוגעקלעפּטע, וואָס זענען יעדעס מאָל אַראָפּגעפאַלן און ער האָט געהאַט אַן אַרבעט זיי אונטערצוהאַלטן ביים רעדן. האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער בינע מיט זיינע צוויי לאַנגע הענט אין די הויזן־קעשענעס און זיך געבייזערט...

נישט דער עולם, נישט די אַקטיאָרן, נישט מיין שותף, נישט „המן" אַליין אַפילו האָבן אויף דעם רעאַגירט. דער איינציקער וואָס האָט זיך געערגערט — איז געווען דער „קעניג אחשורוש"...

צוליב דעם גרויסן דערפאָלג פון דער פּיעסע, איז מיין שותף, נישט באַראַטנדיק זיך מיט קיינעם, באַלד נאָכן צווייטן אַקט, אַרויס פון יענער זייט פאָרהאַנג און צו אַלעמענס איבעראַשונג אָנאָנסירט פאַרן פּובליקום

אויף מאָרגן מאַטינע, לכּבוד פּורים, די זעלבע פּיעסע: צו זייער בילּיקע פּרייזן.

צום ערשטן מאָל — און איך גלייב אַז אויך צום לעצטן מאָל — אין דער געשיכטע, זייט דאָס שטעטל עקזיסטירט, איז געשפּילט געוואָרן דער „קעניג אחשורוש" אַלס מאַטינע־פאָרשטעלונג. מיין שותּף האָט זיך אַפילו געריכט אויף אַ „נישקשהדיקער" איינגאַמע — לויט ער האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט, — אָבער אויף אַזאַ בראָך האָט ער זיך זיכער נישט געריכט, ווייל צו דער נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונג איז פאַרקויפט געוואָרן בלויז איין־אונאיינציקער בילעט...

דאָס מאָל איז ער דורכגעפאַלן.

קענענדיק די טאַקטיק פון מיין שותּף, אַז ער זאָגט קיינמאָל נישט אָפּ קיין אַנאָנסירטע פאָרשטעלונג, האָט קיינער קיין קשיות נישט געפרעגט. אַלע האָבן זיך גרימירט, זיך אָנגעטאָן און מ'האָט אָנגעהויבן די פאָר־שטעלונג.

דער איינציקער גאַסט וואָס האָט געקויפט דעם בילעט — טאַקע אַ היימישער בחור — איז געבליבן געפּלעפט, ווען מ'האָט פּלוצים צענומען דעם „טלית", וואָס האָט געדינט אַלס פאָרהאַנג, און מ'האָט אָנגעהויבן זינגען:

— „מיט זעפיר און פּורפּור, ברילּיאַנטן אָן אַ שיעור" אאַז"וו...

דער יונגערמאַן האָט תּחילת נישט געוווּסט וואָס צו טון, האָט ער זיך געגעבן אַ לאָז צו דער טיר כּדי צו אַנטלויפן. עס איז אָבער געווען אַן אָנזאָג פון מיין שותּף צו די טיר־שומרים אים נישט אַרויסצולאָזן... איז ער שוין באין־ברירה געבליבן זיצן אין אַ ווינקל פון ליידיקן סאַלאָן — כאָטש ער האָט געהאַט אַ בילעט ערשטע ריי — און זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, און אַנשטאָט צו קוקן אויף דער בינע, האָט ער נערוועז געקוקט אויף אַלע זייטן. ער האָט זיך געפילט אַזוי עלנט און אומגליקלעך, אַז נאָך איידער דער פאָרהאַנג איז געפאַלן אין ערשטן אַקט, איז ער שוין געלאָפן צו דער טיר... די „שומרי־הסף" האָבן אים אָבער פאַרהאַלטן די איבעריקע אַקטן אים צו באַגלייטן, דאָס הייסט, זיי וועלן זיצן מיט אים צוזאַמען...

שמואל איריס אַלס „שלימזל".

מיר האָבן די פאָרשטעלונג חלילה נישט פאַרקירצט, נאָר —אויפן שטרענגן באַפעל פון מיין שותף— זי אָפּגעשפּילט „ווי עס באַדאַרף צו זיין“...

נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך געמאַכט מיין שותף אַ פאָרוואורף, אַז עס איז קיין אופן נישט צו מוטשען אַ גאַנצע טרופּע צוליב איין (1) מענטשן:

— דאָס בלוט ווערט דאָך פאַרצאַפּט צו שפּילן אַזאַ גרויסע פאָרשטע־לונג פאַר ליידיקע בענקלעך — האָב איך זייער אַ פאַרביטערטער, כמעט מיט טרערן אין די אויגן, אים געזאָגט.

מיין שותף האָט געלאַכט און מיר גוטמוטיק געענטפערט:

— וואָס האָט איר פאַרלוירן? עס האָט אייך עפּעס געקאָסט? אין אַ געשעפט וויפל עס פאַלט אַריין איז עס ווי געפונען! איי איריס, איריס, שוין צייט אַוועקצוּוואַרפן אייערע חלומות און ווערן אַביסל פראַקטישער...

וואנדערונגען

עס איז געווען אַ ווינטער פון בלויז וואַנדערן. יעדע וואָך און אַמאָל צוויי מאָל אין וואָך, האָט מען באַדאַרפט פאָרן, וואַנדערן ווי די ציגיינער — פון איין שטעטל אין אַנדערן. דער ווינטער איז געווען זייער אַ קאַלטער, די געשעפטן — נישט קיין „פויגלדיקע״, און מיין שותף האָט געזוכט עפּעס אַ מקום, ווו מיר זאָלן קאָנען פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט, — ביז ער האָט ענדלעך געפונען אַ שטעטל אין בעסאַראַביע, אין וועלכן מיר האָבן גערעכנט צו פאַרבלייבן אַ פּאָר חדשים. זענען מיר אין אַ געוויסער נאַכט אַרויסגעפאָרן אויף אַ לענגערער שטרעקע אין דעם דערמאָנטן שטעטל, ווו מיר האָבן באַדאַרפט אויפן צווייטן טאָג אָנפאַנגען.

נאָך אַ גאַנצער נאַכט זיך שלעפּן מיט דער באַן, האָבן מיר אויף אַ קליינער סטאַנציע מיטן נאָמען „איוועשטי״ געהאַט אַ „פּערעסאַדקע״, דאָס הייסט, מיר האָבן באַדאַרפט בייטן די באַן וועלכע האָט באַדאַרפט דורכגיין אין דריי שעה אַרום. עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטערדיקער פרימאָרגן. אַלץ האָט געציטערט פון קעלט. מיין שותף, ווי ער האָט נאָר איינגעאָרדנט זיין פאַמיליע אין קליינעם סאַלאָנדל פון דריטן קלאַס, איז ער באַלד אַוועק מאַכן אַ שפּאַציר איבערן שטעטל. וואָס איז? ער האָט דאָרט אַ באַקאַנטן יידישן שניידער, וואָס איז דער בעסטער הויזן־נייער פון גאַנץ רומעניע... און אַזוי ווי ער קאָן קיין אַנדערע הויזן נישט טראָגן, וואָס זענען נישט געמאַכט פון דעם דאָזיקן הויזן־נייער פון איוועשטי, וועט ער אויסנוצן די געלעגנהייט און באַשטעלן ביי אים אַ פּאָר הויזן פאַר זיך. ער האָט מיך איינגעלאַדן איך זאָל אים באַגלייטן, אָבער איך האָב אים אָפּגעזאָגט דאָס פאַרגעניגן צו מאַכן מיט אים אַ פרימאָרגן־שפּאַציר נאָך אַ גאַנצער נאַכט נישט שלאָפן.

— קומט — איז ער צוגעשטאַנען — עס איז זייער געזונט צו מאַכן אַ שפּאַציר אין אַזאַ שיינעם ווינטער־פרימאָרגן.

— עס איז ווייט צום שטעטל? — האָב איך געפרעגט.

— וואָסער ווייט, אינגאַנצן אַ פיר־פינף קילאָמעטער.

— מוחל, מוחל! גייט אַליין!

ער האָט אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט, אַראָפּגערוקט די קוטשמע איבער די אויערן און איז אַוועק.

בכלל איז ער געווען אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט אַ סך צו גיין. שפּאַצירן הייסט עס. תמיד פלעגט ער זוכן אַ „קרבן" וואָס זאָל אים באַגלייטן. אַזאַ שפּאַציר פון איבער צוויי שעה צייט האָט ער געמוזט מאַכן יעדן טאָג. אים איז נישט געווען קיין אונטערשיד וווהין, אַבי גיין, נישט־קוקנדיק אויף דעם וואָס מיטן האַרץ איז ער געווען נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג.

פאַרן אַרויסגיין אויפן שפּאַציר פלעגט ער געבן אַ קוק אויפן זייגער און גענומען שפּאַנען. ווען דאָס שטעטל האָט זיך געענדיקט איז ער געגאַנגען מיטן שליאַך אַרויס, אויפן פרייען פעלד. אָפּגייענדיק אַן ערך אַ שעה צייט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך ערגעץ־ווו צוגעזעצט, פאַררויכערט די ליולקע, זיך אָפּגערוט עטלעכע מינוט און גענומען שפּאַנען צוריק. געטון האָט ער עס מיט אַ טאָפּלטן צוועק: ערשטנס, איינצואָטעמען פרישע לופט אין די לונגען, און דער עיקר — אָפּצונעמען וואָג. די ערשטע צייט פלעג איך אים באַגלייטן אויף זיינע שפּאַצירן, אָבער איך בין גיך אָפּגעשטאַנען, ווייל נאָך אַזעלכע שפּאַצירן מיט אים יעדן טאָג, האָב איך קוים געפלאָנטערט מיט די פיס...

איינמאָל, קומענדיק אַהיים פון אַזאַ שפּאַציר אַ טויט־מידער, האָב איך אים געזאָגט:

— הערט זיך איין, מיין ליבער פריינט! פון אייערע שפּאַצירן וועט איר טאַקע אָפּנעמען וואָג, אָבער איך וועל איינגעטרוקנט ווערן...

הכלל, מיין שותף איז אַוועק צופוס אין שטעטל. די צייט איז דערווייל נישט געשטאַנען. עס איז אַוועק אַ שעה און נאָך אַ שעה און מיין שותף

זעט מען נישט. דאָס ווייב מיט די קינדער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַאומרויקן, עס איז גאָרנישט זיין טבע! עס איז אַוועק נאָך פופצן מינוט, די באַן דאַרף שוין באַלד אָנקומען, מיר דאַרפן פאָרן — ער איז נישטאָ! איך האָב זיך שוין אָנגעהויבן צו ערגערן. כ׳האָב זיך באַראַטן מיט זיין ווייב, זי געטרייסט און באַשלאָסן אים צו גיין זוכן.

אַרויסגייענדיק פון יענער זייט וואָקזאַל, אַן ערך הונדערט מעטער, איך גיב אַ קוק, עס לויפן אָן פון שטעטל צוויי פּויערישע וועגענער. אין ערשטן וואָגן, שטייט מיין שותף ווי אַ פעלדמאַרשאַל און מאַכט צו מיר מיט די הענט; נעבן אים זיצן צוויי אומבאַקאַנטע יידן, און ווי דער וואָגן האָט זיך נאָר דערנענטערט, איז מיין שותף דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען, נאָך אים די צוויי יידן, מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט:

— קומטס גיך!

די טרופּע, וואָס איז פאַר דער צייט אויך אַרויס פון דער אַנדערער זייט וואָקזאַל, איז אים אַנטקעגן געלאָפן. די קינדער האָבן אים אַרומגעכאַפּט קושן מיט טרערן אין די אויגן, אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט. עס האָט זיך געבילדעט אַ מין ראָד און ער אינדערמיט. אויף מיין באַמערקונג, אַז עס ווערט שפּעט, מ׳דאַרף זיך צוויילן, האָט ער אַלעמען איבעראַשט:

— וואַרטס, מיר פאָרן נישט! מיר בלייבן היינט דאָ שפּילן...

אַלע זענען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער פאַרחידושט.

— וואָס איז —האָט ער זיך געווענדט צו מיר— איר ווערט דאָרט גאָרנישט אָנווערן, מירן דאָרט אָנהייבן פּרייטיק... איר פאַרשטייט? אַלע יידן פון שטעטל האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן דאָ מאַכן צוויי גרויסע „זבאָרן״. — קומטס אַהער! —האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די צוויי יידן וואָס זענען געשטאַנען אונטער אונדז— באַקענט זיך! וואָס זאָגט איר?... האָ?...

— וואָס רעדט איר? —האָט זיך אָפּגערופן דער ערשטער, אַ ייד מיט אַ צעפּלעטשטער נאָז, וואָס האָט גערעדט פאַנפעוואַטע— איר ווערט ביי אונדז מאַכן גאָלדענע געשעפטן!

— זאָרגט נישט, עס וועט זיין „ביני״ (גוט) —האָט צוגעגעבן דער צווייטער,— אַ ייִד מיט אָפּגעזױגטע האַרטע וואָנצעס.

דעם אמת געזאָגט, איז די טרופּע געווען צופרידן. איך אַליין אויך. מ׳וועט אפשר האָבן אַ וואַרעמע שטוב, נאָך אַ גאַנצער נאַכט זיך שלעפּן אין די קאַלטע, נישט באַהייצטע וואַגאָנעס. מיין שותף איז באַלד אַוועק צום שעף פון דער סטאַנציע, כדי צו שטעמפּלען די באַן־בילעטן אויף עטלעכע טעג שפּעטער. נאָר מיטן גרויסן באַגאַזש איז געווען אַ ביסל שוועריקייטן, ווייל ער איז געווען באַשטימט פאַר אַן אַנדערער סטאַנציע. אָבער אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די צוויי ייִדן איז מען אַלע שוועריקייטן איבערגעקומען. אויף איינעם פון די וועגענער האָט מען אַרויפגעלייגט דאָס געפּעק, אין צווייטן וואָגן — די טרופּע, און נאָך איידער די באַן וואָס האָט אונדז באַדאַרפט נעמען איז אָנגעקומען, זענען מיר אַוועקגעפאָרן אין שטעטל, מיט די צוויי ייִדן, אַ־יעדער צו זיין קוואַרטיר, וואָס מיין שותף האָט באַוויזן צוצוגרייטן.

די ווייבער האָבן דאָס ערשטע אויסגעפּאַקט די פּרימוס־מאַשינקעס און זיך גענומען צוגרייטן עפּעס עסן און די מענער זענען אַוועק אין טעאַטער, כדי צו „מאַכן״ די בינע.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום „טעאַטער״, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ פּשוטע ביליקע קרעטשמע און האָט געהאַט אַ שמאָלן דורכגאַנג —צווישן צוויי רייען ריזיקע פעסער וויין, וואָס זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן— אין אַ צווייטער גרויסער שטוב פון אַזעלכע צען מעטער קוואַדראַט, האָט מען שוין דאָרט געטראָפן אַ גרויסן עולם, וואָס איז געקומען זיך באַזאָרגן מיט בילעטן אויף דער היינטיקער „דיבוק״־פאָרשטעלונג. (מיר האָבן צו יענער צייט פאַרמאָגט דריי גוטע „פּערדלעך״ אויף וואָס צו רייטן, דאָס איז געווען: „דיבוק״, „יאַנקעלע״ און „ציפּקע פייער״...) און נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן אויסצושטעלן די לאַנגע הילצערנע בענק, בכדי צו וויסן וויפל פּלעצער עס זענען פאַראַן, האָט מען שוין געריסן פון די הענט די בילעטן. דער עולם האָט גאָרנישט געוואָלט וויסן צי מ׳וועט

זיצן, צי מ׳וועט שטיין — בילעטן! אין איין קול — בילעטן! אַזוי, אַז אין איין שעה צייט איז דאָס גאַנצע „טעאַטער״ געווען אויספאַרקויפט...

מיין שותף האָט ממש געשיינט, ער האָט געהאַט זיין סאַטיספאַקציע.

דאָס „טעאַטער״ איז ביינאַכט געווען אַזוי געפּאַקט, אַז מען האָט דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן. פון פּובליקום איז קיינער נישט געזעסן, מחמת די דורכגענג זענען געווען געפּאַקט מיט שטייענדיקע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרשטעלט די זיצנדיקע, האָבן די זיצנדיקע, באין־ברירה, זיך אויך געמוזט אויפשטעלן, אַזוי אַרום האָט זיך געבילדעט איין שטייענדיקע מאַסע, צוזאַמענגעקוועטש איינער צום אַנדערן...

מיין שותף, וועלכער האָט אין דער פּיעסע געשפּילט די ראָל פון „סענדער בריניצער״, איז אַרויסגעקומען אויף דער בינע אין לעצטן מאָ־מענט, נאָך דעם ווי ער האָט „אַריינגעקוועטשט״ דעם עולם אין טעאַטער און בכדי נישט צו לאָזן די טיר אויף הפקר, האָט ער אויף דער שוועל אַוועקגעשטעלט אַ טישל און אַוועקגעזעצט דעם זשאַנדאַרם, וואָס איז גע־ווען דער גאַנצער באַלעבאָס פונעם שטעטל, מיט וועמען ער האָט שוין געהאַט געשלאָסן פריינטשאַפט, און אָנגעזאָגט דעם אייגנטימער פון דער קרעטשמע, אַז ער זאָל אים ליפערן וויין וויפל ער וועט נאָר ווילן, און אַפילו נישט ווילן...

איך האָב אין דער פּיעסע געשפּילט צוויי ראָלן: דעם „צווייטן בטלן״ אין ערשטן אַקט, און דעם „מיראָפּאָלער צדיק״ — אין דריטן. די בינע איז געווען באַלויכטן פון צוויי קליינע קעראָסין־לעמפּלעך, וועלכע האָבן צוליב דער גרויסער ענגשאַפט און דושנעקייט זיך געהאַלטן אין איין „זעצן״ און טשאַדען, אַז די גלעזלעך זענען אַזש געוואָרן שוואַרץ פון סאַזשע... אַזוי האָבן מיר דעם ערשטן אַקט אָפּגעשפּילט אין דער פינצטער.

האָב איך געמאַכט אַ געוואַלד:

— עס איז דאָך אוממעגלעך אַזוי צו שפּילן! עס איז דאָך אַ פינצ־טערניש די אויגן זיך אַרויסצונעמען! איך בעט אייך —האָב איך זיך גע־ווענדט צו מיין שותף— איך בעט אייך, זאָל מען אַריינגעמען דעם בליץ־לאָמפּ וואָס הענגט פאַרנט אין קרעטשמע! איך בעט אייך!...

מיין שותף האָט געזען אַז איך האָב רעכט, האָט ער געגעבן דעם בייטיקן באַפעל. פונדעסטוועגן האָבן מיר דעם צווייטן אַקט אויך אָפּגע־שפּילט אין דער פינצטער...

נאָכן צווייטן אַקט איז מיין שותף אַרויס פאַרן פאָרהאַנג און געמאָלדן דעם „הויכגעשעצטן פובליקום״:

— אַזוי ווי מיר האָבן באַקומען זייער אַ סך בריוו און פּערזענלעכע בקשות פון אַ גרויסן טייל פון עולם, אַז מיר זאָלן געבן נאָך איין פאָר־שטעלונג אין איוועשטי, האָבן מיר באַשלאָסן נאָכצוקומען די ביטעס און געבן מאָרגן ביינאַכט, אַלס „אָפּשידס״־פאָרשטעלונג, די וועלט־באַרימטע אָפּערעטע, מיט אַ גרויסן אָרקעסטער, מיט אַ סך „געזענגע, מערשע אונד טענצע״, דער שלאַגער פון פאַריז, לאָנדאָן און ניו־יאָרק — „יאַנקעלע גייט אין שול אַריין״, און עס וועט...

דער עולם האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן, די בראַוואָ־פּאַטשעריי און די קולות זענען געווען ביזן זיבעטן הימל. מיין שותף האָט, ווי עס איז, אַביסל באַרויקט דעם ענטוזיאַסטישן עולם און זיי געבעטן, אַז היינט, נאָך דער פאָרשטעלונג, זאָל קיינער נישט אַוועקגיין, ווייל ער פּערזענלעך וועט עפענען דעם פאַרקויף פון די בילעטן, וועלכע וועלן זיין נומערירטע און יעדער וועט זיצן ווי אַ פריץ אויף זיין פּלאַץ און זיך אַמוזירן מיט דער וועלט־באַרימטער פּיעסע, דער „שלאַגער״ פון בוקאַרעשט, פאַריז, אאַז״וו.

נאָכאַמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן און מיר האָבן אָנגעהויבן דעם דריטן און לעצטן אַקט פון „דיבוק״.

דער בליצלאָמפּ וואָס מ׳האָט געבראַכט האָט זיך אויפגעפירט נישט בעסער ווי זיינע צוויי קליינע חברים, די קעראָסין־לעמפּלעך. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין „זעצן״ און דער „מיראָפּאָלער צדיק״, בכבודו ובעצמו, האָט מיט אים דעם גאַנצן אָוונט געהאַט צו טון. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין „זעצן״ און דער „מיראָפּאָלער״ האָט אים יעדעס מאָל אויפגע־דרייט, אַזוי לאַנג ביז דאָס גלעזל האָט געפּלאַצט. עס איז געוואָרן אַ טשאַד און אַ רויך און מ׳האָט —אינמיטן שפּילן, נאַטירלעך— געמוזט

אָנקומען צו די צוויי קליינע לעמפּלעך פון וועלכע איינס האָט געררויכערט, און דאָס צווייטע האָט אינגאַנצן נישט געוואָלט ברענען...

פונדעסטוועגן האָט אַ געגנוג גרויסער עולם אָפּגעוואַרט נאָך דער פאַר־שטעלונג מיין שותף מיט די בילעטן; אַלע האָבן זיך געשטופּט ווי צו די כפרות. אַלע האָבן געוואָלט האָבן נומערירטע פּלעצער אין דער ערשטער ריי. אַ היבשע צאָל בילעטן איז דעם אָוונט פאַרקויפט געוואָרן און אויף מאָרגן איז געווען, אמת, נישט קיין איבערגעפּאַקט טעאַטער, נאָר כמעט אַ פולע איינגאַמע.

ביי מיין שותף האָט זיך צעשפּילט דער אַפּעטיט און נאָך ביי טאָג האָט ער מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף מאָרגן שפּילן „ציפּקע פייער" צו ביליקע פּרייזן, אַלס די לעצטע פאָרשטעלונג.

— איר פאַרשטייט? —זאָגט ער— וואָס דאַרפן מיר זיך איילן! מירן אָנהייבן דאָרטן מיט אַ טאָג שפּעטער, נישט געפּערלעך! עס וועט טאַקע מאָרגן נישט זיין געפּאַקט דאָס טעאַטער, אָבער מיר קאָנען דערוואַרטן אַ גאַנץ גוטן „זבאָר" (איינגאַמע) האַ? וואָס זאָגט איר?

— איך ווייס? טוט ווי איר פאַרשטייט; מ׳קאָן זיך אויף אייך פאַר־לאָזן — האָב איך אים געענטפערט.

די פּיעסע „יאַנקעלע גייט אין שול אַריין" האָט זייער אויסגענומען ביים פּובליקום. מוראַדיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן פאַרהילכט דאָס טעאַטער נאָך יעדן וויץ און נאָך יעדן לידל.

נאָכן צווייטן אַקט, איז מיין שותף „דערשינען" פאַרן עולם און אַנאָנ־סירט מיט גרויס פּאָמפּע די דעפיניטיוו־לעצטע פאָרשטעלונג פון מאָרגן, אומגעפער אַזוי :

— „האָכגעשעצטעס פּובליקום" —האָט ער אָנגעהויבן זיין „ספּיטש" — מיר האָבן זיך געוואָלט מיט אייך היינט ביינאַכט געזעגענען, ווייל מיר זענען געצוווּנגען דורך אַ קאָנטראַקט אויף אַ פּערטל מיליאָן לעי אָנצו־הייבן איבערמאָרגן אונדזערע גאַסטראָלן אין בוקאַרעשט. נאָר אַזוי ווי איר האָט אונדז אַזוי פיין אויפגענומען און אונדז אַרויסגעוויזן אייער ליבע און אויפמערקזאַמקייט, און אַזוי ווי היינט האָט אונדז באַזוכט אַ דעלעגאַציע

פון צען חשובע ייִדן פון אייער ישוב און אונדז געבעטן צו פֿאַרבלייבן כאָטש נאָך איין פֿאָרשטעלונג. האָב איך זיך באַראָטן מיט מיין טרופּע און באַשלאָסן אַפילו צו ברעכן דעם קאָנטראַקט מיט בוקאַרעשט, ווייל געלט שפּילט ביי אונדז קיין שום ראָלע נישט, — די הויפּטזאַך איז ביי אונדז נאָר די קונסט. און מאָרגן שפּילן מיר פֿאַר אייך דעם וועלט־שלאַגער: „ציפּקע פייער" און היינט ביינאַכט, נאָך דער פֿאָרשטעלונג, וועלן פֿאַר־קויפט ווערן אויף מאָרגן די בילעטן צו זייער ביליקע פּרייזן.

נאָכן פֿאַרענדיקן די פֿאָרשטעלונג האָט שוין קיינער קיין בילעטן נישט געקויפט. מיין שותף האָט עס פֿאַרענטפֿערט, אַז דער עולם איז מיד פֿון די צוויי פֿאָרשטעלונגען:

מאָרגן, מאָרגן —האָט ער געזאָגט— וועלן זיי לויפֿן ווי נאָך מצה־וואַסער; עפּעס אַ קלייניקייט: „ציפּקע פייער"?...

צומאָרגנס איז מיין שותף, ווי זיין שטייגער, גאַנץ פֿרי אַוועק אין „טעאַטער". איך בין אויפֿגעשטאַנען ווען ער איז געקומען צום מיטאָג. אויף מיין פֿראַגע וואָס עס הערט זיך? האָט ער פּילדייטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: „עס וועט זיין גוט"...

נאָכמיטאָג איז ער אַוועק באַזאָרגן אַן אָרקעסטער...

— ווו וועט איר נעמען אַן אָרקעסטער אין דעם העק? — האָב איך געלאַכט.

— וואָס אַרט אייך! פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר, — און ער איז אַוועק.

איך בין געבליבן אין שטוב דעם גאַנצן טאָג. אַרום ניין אַ זייגער אין אָונט האָט זיך איבערן שטעטל צעטראָגן אַ מין קאַצן־מוזיק פֿון אַ טרובע וואָס אַ פּויק האָט זי פֿאַרהילכט...

כ'בין אַוועק צום טעאַטער. מיין שותף איז געזעסן ביי אַ „פּערטעלע" וויין און געשמייכלט. דער „אָרקעסטער" פֿון דריי ציגיינער (אַ טרובע, אַ פּויק און עפּעס אַ מאָדנער מעשענער אינסטרומענט, וואָס האָט געמאַכט נאָר: „באָם באָם" און די פּויק האָט זיי ביידן פֿאַרקלאַפּט) זענען געשטאַנען אינדרויסן ביי דער קרעטשמע און „געשפּילט"... איך האָב זיך צעלאַכט אויפֿן קול.

מיין שותף האָט מיך אַ צי־געטון פאַרן אַרבל און שמייכלענדיק מיר אַ זאָג געטון אויף קלעזמער־לשון:

— „נעסקעם צו סמוכען", ס'איז „לאַבעשניקעס" (הערט אויף צו לאַכן, ס'איז קלעזמער), זיי קאָסטן אַ שיבוש —און פאַרענדיקט ווידער מיט קלעזמער־לשון— „מאי באַש" און „קעריען" (ווייניק געלט און עפּעס טרינקען).

דער זייגער איז דערווייל געוואָרן צען. מיין שותף האָט געגעבן אַ ווונק צו די קלעזמער. זיי האָבן גענומען זעצן אַ מאַרש און דער קאָרנע־טיסט האָט געגעבן אַ נעם אַ פּאָר פאַלשע טענער, אַז מיר האָט אַזש אָנ־געהויבן דרייען אין בויך... כ'האָב געבעטן מיין שותף, אַז ער זאָל זיי ליקווידירן, ווייל סיי ווי זעט מען דאָך נישט קיין לעבעדיקן נפש קומען צו דער קאַסע. ס'איז אַוועק נאָך אַ האַלבע שעה, — מ'זעט נישט קיינעם. דאָס שטעטל איז פּוסט, גלייך ווי אויסגעשטאָרבן. ס'איז שוין עלף דער זייגער, — שאַ, שטיל! די אַקטיאָרן זענען שוין גרימירט, פאַרטיק אָנגעצו־הייבן די פאָרשטעלונג. אויף מיין ווענדונג צום שותף צי מ'וועט היינט שפּילן, האָט ער פול מיט אָפּטימיזם אַ זאָג־געטון:

— וואָס פאַר אַ פראַגע?!

נאָך אַ פּויזע האָט ער געגעבן אַ קוק אויפן זייגער און מיר אַ זאָג געטון:

— איר פאַרשטייט? עס איז ביז איצט פאַרקויפט געוואָרן איין (1) בילעט, און דאָס נישט קיין ייד, נאָר אַ גויע האָט אים געקויפט, נאָך אינדערפרי. אָט זיצט זי דאָרט אויף דער באַנק, —האָט ער אָנגעוויזן אויף איר מיטן קאָפּ— זי מיינט אַז עס איז אַ צירק...

— נו, און מיר וועלן שפּילן פאַר דער גויע? איר האָט שוין פאַר־געסן „אחשורוש"?

— וואַרט צו —האָט ער לאַכנדיק געענטפערט— מיר וועלן וואַרטן נאָך אַ ביסל... וואָס איז? ס'ברענט?...

כ'האָב געלאַכט מיט גאַל. כ'האָב זיך ערשט רעכט אַוועקגעזעצט נעבן מיין שותף, כדי זיך מיט אים אַביסל אויסטענהן. מיין שותף האָט מיר

אָנגעגאָסן אין גלאָז ווײַן נאָך דער צווײטער. איך האָב געטרונקען. עס איז אַוועק נאָך אַ האַלבע שעה, — קײן לעבעדיקער נפש איז נישט גע־קומען צום טעאַטער. די גויע איז געזעסן ווי אויף „געגליטע קוילן" און געוואַרט מ'זאָל שוין אָנהייבן דעם צירק...

ענדלעך, אַ זייגער האַלב צוועלף האָט מײַן שותף זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער גויע, זיך פאַר איר אַנטשולדיקט און איר צוריקגעצאָלט דאָס געלט פאַרן בילעט.

די גויע איז אַוועק אָן אויפגערעגטע, שעלטנדיק אַלע זשידאַנעס...

איך האָב די נאַכט אַ סך געטרונקען, געוואָלט פאַרטרינקען די צרות און האַרצווייטיק. די צונג האָט זיך מיר „אויפגעבונדן" און כ'האָב גע־נומען רעדן פאַר פייער און פאַר וואַסער... מײַן גאַנץ פאַרביטערט האַרץ האָב איך די נאַכט אויסגעגאָסן:

— גיט אַ קוק ווער מיר זענען —האָב איך צווישן אַנדערעס געזאָגט — אַקטיאָרן! מיר גרויסן זיך מיט דעם! אַקטיאָרן קינסטלער!... אַקטיאָרן?! ניין! ליגנער, זשוליקעס! שווינדלער זענען מיר!... אַפעריסטן!... ווײַל מיר האַנדלען מיט טריפהנער סחורה!... מ'דאַרף דאָך אונדז אַרעסטירן! בנאמנות אַרעסטירן! — האָב איך זיך געקלאַפּט אין האַרצן...

מײַן שותף האָט געזען, אַז איך בין אַביסל „פאַרשניאַשקעט", האָט ער לאַכנדיק רעאַגירט:

— פאַרוואָס דאַרף מען אונדז עפּעס אַרעסטירן?

— פאַר שווינדל! —האָב איך געשריגן— פאַר אָפּנאַרן! מיר נאַרן דאָך אָפּ טאָג־טעגלעך דעם עולם! מיר מאַכן גרויסע רעקלאַמעס דורך אַפישן, דורך צײַטונגען און מיר רופן דעם עולם אין טעאַטער: „קומט, וועלן מיר אײַך אָפּנאַרן!"; מיר שרײַבן, אַז מיר שפּילן אָפּערע און מיר געבן זיי קובעבע; מיר אַנאָנסירן זיי אַ קאָמעדיע און מיר גיבן זיי אַ באַלאַגאַן! מיר שפּילן פּיעסן וואָס זענען נישט ווערט דאָס פּאַפּיר אויף וועלכן זיי זענען געדרוקט! מיר שפּילן דעם גרעסטן „שונד" און דערצו פאַרשוונדעווען מיר אים נאָך; „אַקאָסטאַ", „שולמית", „אחשורוש", „פּינ־טעלע ייִד", „דיבוק", „וועלוול עסט קאָמפּאָט", — אַלץ מיט אייערע „פּוי־

לישע רעק" און מיטן באַריממטן „טלית" אייערן, און דערמיט פאַרדאַרבן מיר דעם געשמאַק פון עולם און פאַרטריבן זיי ביסלעכווייז פון יידישן טעאַטער... גיט נאָר אַ טראַכט, מיין ליבער פריינט: ווען וועלכער עס איז סוחר, צום ביישפּיל, זאָל פאַרקויפן אַזאַ שלעכטע סחורה ווי מיר פאַרקויפן אין אונדזער טעאַטער, וואָלט ער זיכער קיין פּרנסה נישט געהאַט; ווען אַ שניידער אָדער אַ שוסטער, למשל, זאָלן מאַכן אַזעלכע שלעכטע שיך און הויזן ווי מיר מאַכן טעאַטער, וואָלטן זיי דאָך געשטאָרבן צען מאָל אַ טאָג פון הונגער, און מיר פאַרקויפן שלעכט טעאַטער און מאַכן אַ לעבן דערפון!... און עס געלונגט אונדז!... מיר באַשווינדלען אַ וועלט! מיר נאַרן אָפּ און גייען נאָך אַרום אויף דער פריי און פירן ווייטער אונדזער מלוכה... מ'שטיינסגעזאָגט, אַ מלוכה איבער אַ וואָגן מיסט!...

מיין שותּף האָט זיך אויפגעהויבן פון טישל, מיך גענומען אונטערן אָרעם און מיך געפירט אַהיים:

— קומט, קומט! —האָט ער געזאָגט, מיך האַלטנדיק פעסט איך זאָל נישט פאַלן— איר זענט אוודאי גערעכט, אָבער מיר דאַרפן מאָרגן גאַנץ פרי פאָרן.

גייענדיק מיט אים ביינאַכט איבערן שלאָפנדיקן שטעטל, האָב איך אַלץ נישט אויפגעהערט זיך צו היצן:

— טעאַטער איז דאָך אַן אידעע! אַ הייליקע אידעע; טעאַטער איז דאָך אַ שפּיגל פון לעבן! און אויב דער סאָרט טעאַטער וואָס מיר שפּילן שפּיגלט אַזוי אָפּ דאָס לעבן, איז אַז אָך און ווי צו אַזאַ לעבן!!! — —

— —

צומאָרגנס איז צו דער באַן געקומען אונדז באַגלייטן דער פאָנפּע־וואַטער שניידער מיט דער צעפלעטשטער נאָז. אויף אונדזער ביגעריקייט, פאַרוואָס די יידן זענען נעכטן נישט געקומען אין טעאַטער, האָט ער געענטפערט:

— איר פאַרשטייט? היינט איז „קריטשון" (ווייַנאַכט), איז די נאַכט פאַר „קריטשון" —דאָס איז שוין ביי אונדז אַזאַ מנהג— שפּילן אַלע יידן

אין קאָרטן... איך האָב עס געוווּסט און עס אַפילו געזאָגט דעם הער דירעקטאָר...

די באַן איז אָנגעקומען און מיר זענען אַלע אַרויף. ווען זי האָט גענומען רירן, האָט דער שניידער מיט דער צעפּלעטשטער נאָז זיך עפּעס דערמאָנט, ער איז נאָכגעלאָפן די באַן און געשריגן צו מיין שותף וועלכער איז געשטאַנען אין וואַגאָן ביים פענצטער, אַז ער האָט אין איילעניש פאַרענדיקט די הויזן, און דעריבער האָט ער פאַרגעסן אַרויסצושלעפּן די פּאַסטריגעס.

מיין שותף האָט נישט פאַרשטאַנען:

— וואָס פאַר אַ מאַמעליגע?! — האָט מיין שותף אַרויסגעשריגן פון פענצטער פון דער גענוג שוין לויפנדיקער באַן.

— נישט מאַמעליגע! —האָט דער שניידער מיט די לעצטע כוחות געשריגן, נאָכלויפנדיק די באַן און מאַכנדיק מיט די הענט, ווי מ׳נייט— פּאַסטריגע! פּאַסטריגע!!!

די באַן איז אַנטלאָפן.

אט אזוי האט מען געשפּילט טעאטער

נאָך אַזעלכע ענלעכע איבערלעבונגען, נאָך אַזאַ מין טעאַטער־שפּילן ביי אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זענען געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ ערגער און ערגער, האָב איך מיך אָנגעהויבן זייער שלעכט צו פילן. כ׳האָב אויפֿגעהערט צו עסן —פון שלאָפן איז קיין רייד נישט געווען— כ׳בין שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער, אַ פאַרביטערטער, אַזוי, אַז די אַרומיקע האָבן זיך אָנגעהויבן צו היטן פאַר מיר און מיך אויסמיידן. ביי דער מינדסטער קליינקייט פלעג איך אויפברויזן ווי אַ ווילדע חיה, קיין זאַך איז מיר נישט געווען ליב און כ׳האָב זיך פשוט געשראָקן, אַז כ׳וועל ערנסט קראַנק ווערן.

נישט דאָס וואָס מען האָט געשפּילט דעם ערגסטן שונד־רעפּערטואַר האָט מיך אַזוי שאָקירט, ווי דאָס וואָס מ׳האָט ביי די שוידערלעכע באַדינגונגען אויך געוואַגט שפּילן אַ בעסערע פּיעסע. ביי מיין שותף איז אַלץ וואָס קאָן ברענגען געלט, געווען אַ סחורה. ביי אים איז געווען רעכט צו שפּילן: היינט — שעקספּירן, מאָרגן — שמרן; היינט — זודערמאַנען, מאָרגן — פּריימאַנען; היינט — „בינקע־פּינקע“, מאָרגן — „אָטעלאָ“. צי דער אַנסאַמבל איז געווען צוגעפּאַסט, צי נישט, — איז אים געווען אַלצאיינס... ער האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט און קיין פּיעסע איז פאַר אים נישט געווען צו שווער.

צו יענער צייט איז אַרומגעפאָרן איבער רומעניע אַ גרופּע אַקטיאָרן פון מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער און האָבן מיט זייער אַ גרויסן דערפאָלג געשפּילט: „רעוויזאָר“, „נאַ דניע“, „קאַרשן־גאָרטן“ און נאָך אַנדערע פּיעסן פון זייער רעפּערטואַר. און געשפּילט האָבן זיי באמת קינסטלעריש; אַלע רומענישע צייטונגען האָבן וועגן זיי געשריבן ממש לויב־געזאַנגען,

אין אַ געוויסן אָונט, ווען די טרופּע איז זיך, ווי דער שטייגער איז געווען, צוזאַמענגעקומען צו מיין שותף אין שטוב און גערעדט וועגן דעם דערפאָלג פון די מאָסקווער; פּונקט האָט מען געלייענט די קריטיק וואָס איז דערשינען וועגן זייער „רעוויזאָר"־אויפפירונג, ווען עס איז ענדלעך געקומען די פראַגע וואָס מאַרגן צו שפּילן? האָט מיין שותף זיך פּלוצים געווענדט צו מיר מיט דער פראַגע: צי איך האָב נישט דעם „רעוויזאָר" אויף יידיש.

עס האָט מיר אין מאָמענט אַ טיאָכקע־געטון אין האַרצן, פּונדעסט־וועגן האָב איך זיך געסטאַרעט צו זיין רויק און איך האָב אים קאַלט־בלוטיק געפרעגט:

— צו וואָס דאַרפט איר דעם „רעוויזאָר"?

— הער נאָר די פראַגע! —האָט ער זיך אויסגעדרייט צום ווייב און באַלד צו מיר— ווען איך האָב דעם „רעוויזאָר" וואָלט איך זי אַנאָנסירט... נו... לאָמיר זאָגן אויף... איבערמאָרגן...

איך בין געבליבן אָן לשון! כ'האָב געפילט, אַז ס'גאַנצע בלוט אַנט־לויפט מיר פון פּנים. כ'בין געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט. כ'האָב נישט געוווּסט ווי צו רעאַגירן און וואָס צו ענטפערן. כ'האָב זיך געגעבן אַ הייב־אויף און גלייך זיך צוריק אַוועקגעזעצט... איך האָב געפילט אַ חשק אָנ־צוהייבן וויינען, אָדער... נעמען פּאַטשן.

אין צימער האָט אַ היבשע ווילע געהערשט אַ שטילקייט... ענדלעך האָב איך זיך געווענדט צו מיין שותף מיט אַ באַהאַלטענעם כעס:

— אַנטשולדיקט, איר קענט די פּיעסע?...

— יאָ... עפּעס אַמאָל האָב איך זי געזען אין נאַציאָנאַל־טעאַטער אין בוקאַרעשט.

— לאָמיר שוין זאָגן, אַז איך האָב יאָ די פּיעסע; איז דענקט איר, אַז אין קנאַפּע צוויי טעג איז מעגלעך צו שפּילן אַזאַ פּיעסע?! — האָב איך שיון אַן אויפגערעגטער געפרעגט.

— נו, וועלן מיר זי שפּילן שבת —איז ער שוין מסכים געווען— נאָך אַ טאָג! דריי פּראָבן איז קאַרג?...

— אוי, איך בעט אייך! —בין איר שיעור אַרויס פון די כלים— וואָס איז אייך געפעלן פלוצים „רעוויזאָר"?

— ווייל „רעוויזאָר" איז כמעט אַ יידישע פּיעסע!...

זיין ווייב האָט דערפילט, אַז עס שמעקט מיט אַ שטיקל סקאַנדאַל, וואָס זי האָט זייער געוואָלט אויסמיידן, האָט זי איבערגעריסן די פיינלעכע דיסקוסיע:

— ווייס איך וואָס, רעוויזאָר־שמעוויזאָר! הער איריס איז טאַקע גע־

שמואל איריס, ביי זיינע ערשטע טריט
אויף דער בינע.

רעכט! „רעוויזאָר" פעלט דיר? —האָט זי געשריגן אויפן מאַן— נאַ דיר גאָר אַ צרה מיט אַ „רעוויזאָר"!... שאַ! —האָט זי זיך פלוצים דערמאָנט— איך האָב אַ גוטע פּיעסע אויף מאָרגן, „שויליק", לאָמיר שפּילן „שויליק בן טודרעס חזקו!".

— ניין! איך האָב אַ בעסערע פּיעסע —האָט מיין שותף מיט פרייד

אויסגערופן— נאָך אַ בעסערע פּיעסע ווי „רעוויזאָר”: „טודרעס בלאָז!”; מאָרגן שפּילן מיר די פּיעסע! אויך אַ מעשה מיט אַ רעוויזאָר... נעם אַרויס די פּיעסע! — האָט ער געגעבן אַ באַפעל!

און אַזוי איז געווען: צומאָרגנס האָט מען געשפּילט די פּיעסע. עס איז געווען אַ שוידער צו זיצן אין טעאַטער, ממש אַ חוזק, ווי אייניקע אַקטיאָרן האָבן מיר אינפאָרמירט. פון גאַנצן אַנסאַמבל האָט קיינער די פּיעסע נישט געקענט, חוץ מיין שותף און טיילוויז זיין ווייב, וועלכע האָבן ביז דעם אָוונט אפשר צען יאָר זי נישט געשפּילט... דער סופּליאָר האָט געאַרבעט מעשים, ביז אין דער לעצטער ריי האָט מען אים געהערט.

איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו שפּילן אין דער פּיעסע; זאָל געשען וואָס עס וויל. די ראָל וואָס איך האָב באַדאַרפט שפּילן, האָט געשפּילט אַן אַקטיאָר, אַן אַלפאַבעט און האָט די פּיעסע אויף זיין לעבן נישט געזען אַפילו...

אויפן צווייטן טאָג האָט מיין שותף, ווייזט אויס, מיך געוואָלט רייצן:

— איר האָט באַדאַרפט זען ווי דער עולם האָט נעכטן געלעקט די פינגער פון דער פּיעסע און משהלע האָט עס „דערלאַנגט די סחורה”...

איך האָב געזוכט אַן אופן ווי אַזוי צו אַנטלויפן אינמיטן דער נאַכט און אַלץ מיט אַלעמען איבערלאָזן. איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אָפּשניידן, מאַכן אַן ענדע!

איך האָב שוין דעם אָוונט נישט געשפּילט, נאָר „געבולבעט” —ווי מ׳זאָגט עס אויפן אַקטיאָרישן לשון,— בין געווען זייער נערוועזיש. קיינער האָט מיך נישט באַלעסטיקט, אַלע האָבן געוווּסט, אַז איך בין איין שטיק דינאַמיט וואָס קען יעדע רגע אויפרייסן; אַלע זענען מיר אויסן וועג גע־גאַנגען.

נאָך דער פאָרשטעלונג בין איך אַוועק, דאַכט זיך, אַן „אַ גוטע נאַכט”, אַריין גלייך צו מיר אין שטוב, זיך אַ וואָרף־געטון מיטן אָנטועכץ אויפן בעט און זיך גוט אויסגעוויינט... כ׳האָב קיין אויג נישט געקאָנט צומאַכן; פאַרקערט, כ׳בין געלעגן מיט אָפענע אויגן און עס זענען פאַר מיר פאַר־ביי־געשוווּמען בילדער פון מיין ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט: ווי

איך האָב אַלס יונג בחורל, אין אַ שבת־נאָכמיטאָג, ווען מיין טאַטע איז געשלאָפן, אָפּגענאַרט מיין מאַמען, זי אַוועקגעשיקט צו אַ שכנה און אַליין האָב איך אַרויסגעגנבעט פון שטוב אַביסל וועש, צוזאַמען מיט מיין טאַטנס איינאונאיינציקן פּאַלטאָ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, וועלכן ער האָט זיך

אברהם פישזאָן ע״ה

נישט פאַרגינען אָנצוטאָן, חוץ שבת אין שול אַריין, און בין, אָן מיינע עלטערנס וויסן און קעגן זייער ווילן, אַנטלאָפן פון דער היים אָן אַ פּרוטה אין קעשענע, מיט דער גרעסטער יידישער טעאַטער־טרופּע פון אברהם פישזאָן, וואָס האָט צו יענער צייט עקזיסטירט אין רוסלאַנד, ווו איך בין

אַרײַן מיטן „רעכטן פּוס״, אַזױ צו זאָגן, װוּ מ׳האָט זיך געצאַצקעט מיט מיר און װען מײַן דירעקטאָר אַברהם פּישזאָן ע״ה האָט מיר פֿאַרגעלײגט די ערשטע גאַזשע פֿון פֿינף־און־צװאַנציק קערבלעך אַ חודש, בין איך רױט געװאָרן, זיך פֿאַרשעמט און אין געדאַנק געפֿרעגט זיך אַלײן: „פֿאַרװאָס קומט מיר געלט? איך דאַרף צוצאָלן װאָס מ׳גיט מיר אַ געלעגנהײט צו שפּילן טעאַטער״!...

בילדער: װי כ׳האָב מיט דער זעלבער טרופּע געװאַנדערט איבער רוסלאַנדס גרעסטע שטעט: קיִעװ, װאַרשע, אָדעס, ראָסטאָװ, ריגע, כאַרקאָװ, מינסק, דװינסק, װיטעבסק, װילנע, פּינסק, יעליסאַװעטגראַד, קרעמענטשוג, יעקאַטערינאָסלאַװ א״אַ... אין די גרעסטע טעאַטערס, מיט די שענסטע אױפֿפֿירונגען, װוּ דעם אַפֿיש האָט זעקס טעג פֿון דער װאָך פֿאַרנומען גאָרדינס און ליבינס רעפּערטואַר, מיט אַזעלכע װוּנדערבאַרע שױשפּילער, װי: פּישזאָן, אַרקאָ, ליבערט, דראַנאָװ, לעבעדיעװ, זאַסלאַװסקאַיאַ, קוטנער, בראַגינסקאַ, קושטשינסקי, בראַנדעסקאַ, קאָריק, קאַלינסקי און אַנדערע, װוּ די טרופּע האָט שטענדיק געהאַט גאַנצע דרײַ װאַגאָנען אױף דער רײַזע: אײנער פֿאַר אַקטיאָרן, אײנער פֿאַרן כאָר און אָרקעסטער און אַ דריטער פֿאַר באַגאַזש, אַלץ מיט אַזאַ פֿאַרנעם, מיט אַזאַ רחבות, מיט אַזעלכע באַקװעמלעכקײטן...

בילדער: װי מײַן מאַמע ע״ה איז געשטאָרבן פֿון בענקשאַפֿט נאָך איר געליבטן שמואליקל, װאָס האָט זי פֿאַרלאָזט; בילדער פֿון מײַנע רײַזעס איבערן װײַטן מזרח: כאַרבין, װלאַדיװאָסטאָק, שאַנכאַי, טיאַנזין, א״אַ, שטענדיק מיט די בעסטע אַקטיאָרן װאָס רוסלאַנד האָט פֿאַרמאָגט און געגעבן פּרעכטיקע פֿאָרשטעלונגען; בילדער, װי איך בין געװען מיטגרינדער, צוזאַמען מיטן גרױסן שױשפּילער פֿון „הבימה״, יהושע בערטאָנאָװ, פֿון דעם ערשטן אָדעסער מלוכה־טעאַטער, װוּ מיר האָבן געגעבן קינסטלערישע פֿאָרשטעלונגען און זיך באַטײליקט אַלס מיטגליד אין רעזשיקאָלעגיום.

בילדער פֿון דער װילנער טרופּע, צוזמען מיט אַזעלכע שױשפּילער, װי: בולאָװ, שטײן, אָרלעסקאַ, קאַמיען, קאַדיסאָן, בראַז, לאַרעס א״אַ... מיטן

„שבתי־צבי", אויפֿגעפֿירט פֿון יוסף בולאָוו אין דער ווילנער טרופּע



אין דער מיט: **בולאָוו אַלס „שבתי־צבי"**; אויבן: **טאַרלאָ און ווײַנשטאָק, אַלס „תלמידים"**;
אונטן רעכטס: **שמואל איריס אַלס „סולטאַן"**.

שמואל איריס

באַרימטן רעזשיסאָר יעקב שטערנבערג, מיט זיינע וווּנדערבאַרע אויפֿפֿי־רונגען. בילדער, צוזאַמען מיט מישאַ פישזאָן פון דעם „מוסטער־טעאַטער", מיט די בעסטע אַרטיסטישע כּוחות וואָס מיר האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט, איבער די גרעסטע שטעט פון רומעניע, בעסאַראַביע, בוקאָווינע און טראַנ־סילוואַניע, אין די גרעסטע טעאַטערס, אַלץ מיט אַזאַ פּראַכט, מיט אַזאַ גלאַנץ און נאָך אַ סך, אַ סך ענלעכע בילדער... און איצט שלעפּ איך מיך אַרום מיט וועגעלעך, איבער די קליינע, פינצטערע, בלאָטיקע, פאַרוואָר־פֿנסטע שטעטלעך, מיט אַ היסטאָרישן רעפּערטואַר פון „שווערער אַרטי־לעריע" און אַ גאַרדעראָב פון „פּוילישע רעק" פאַר „אחשורוש"...

אַזוי האָב איך די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטון, סיי פון איבערלעבן אַזעלכע זיסע דערינערונגען, סיי פון אויפרעגונג פון די לעצטע פּאַסירונגען. כ'האָב זיך געדרייט אויף מיין געלעגער ווי אַ שלאַנג און נאַס־געמאַכט ס'קישן מיט מיינע טרערן.

דעם גאַנצן צווייטן טאָג בין איך געבליבן אין בעט, אַפילו נישט אַראָפּגעגאַנגען צו דער טראַדיציאָנעלער „פאַרזאַמלונג" ביי מיין שותּף אין שטוב. מיין שותּף האָט אַ פּאָר מאָל געוואָלט אַריינגיין צו מיר, נאָר מיין ווייב האָט אים געזאָגט, אַז איך פיל זיך נישט גוט, איך שלאָף... ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט די סיבה פון מיין אויפגערעגטן צושטאַנד. זעענדיק אַז ס'איז שוין באַלד 10 דער זייגער און איך בין נאָך נישטאָ, איז ער גלייך אַריין צו מיר, זיך געזעצט אויפן בעט ווו איך בין געלעגן און מיך גענומען מוסרן און גלייכצייטיק טרייסטן ווי אַ געטרייער פאָטער:

— זע נאָר פון וואָס אַ מענטש נעמט זיך צום האַרצן, צוליב אַ נאַרישער פּיעסע דאַרטן...

— לאָמיר בעסער נישט רעדן וועגן דעם —האָב איך זיך ביי אים געבעטן— ס'איז גאַרנישט! ס'וועט מיר איבערגיין... ווי שפּעט איז?

— ס'איז שוין באַלד צייט צו גיין צו דער פאָרשטעלונג! — האָט ער מיר געענטפערט.

כ׳בין אַראָפּ פון בעט, זיך גענומען אָנטאָן, אים געזאָגט, אַז איך קום באַלד אַריין. ער איז אַוועק. איך בין באַלד נאָך אים צוגעגאַנגען צו זיין טיר און נישט געקאָנט אַריינגיין, ווייל כ׳האָב געפילט אַן עקל צו דער גאַנצער סביבה. כ׳בין אַריין גלייך אין טעאַטער, כאָטש עס האָט נאָך געפעלט איבער אַ שעה צום שפּילן, בין איך געזעסן איינער אַליין אין דעם ליידיקן קאַלטן סאַלאָן און... געוויינט.

פּלוצים האָט זיך אין סאַלאָן באַוויזן מיין שותּפס ווייב, זייער אַ האַר־ציקע און סענטימענטאַלע פרוי, און אַ זאָג געטון:

— נאָך נישט איבערגעגאַנגען דאָס משוגעת?... וואָס זיצט איר עפּעס אַליין אין דער פינצטער?... קומט אַריין אין שטוב, איך האָב געמאַכט אַ גוט גלעזעלע טיי!...

כ׳האָב זיך אַביסל געקווענקלט. זי האָט מיך אָנגענומען פאַרן אָרעם, כ׳האָב זיך נישט געוועדט און מיר זענען אַריין אין שטוב. די היימישע סביבה האָט מיך אַביסעלע אויפגעהייטערט. די טרופּע האָט, ווי געוויינ־לעך, געפּלוידערט, געזונגען, דערציילט וויצן, ביז מען איז אַריין אין טעאַטער. די פאַרשטעלונג איז אַדורך ווי תּמיד. כ׳האָב ביסלעכווייז אָנ־געהויבן פאַרגעסן וואָס נעכטן איז פאַרגעקומען.

מיין שותּף, אַ מענטש אַן איבערגעלייגטער, אַ טאַקטישער, מיט אַ ים געדולד, —איבערהויפּט צו מיר— האָט מיך, אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דער לעצטער געשעעניש, אין אַ נאָכמיטאָג איינגעלאַדן אויף אַ „גוט גלעזל וויין", און מיט מיר לאַנג געשמועסט, געמוסרט, אַז איך טאָר נישט זיין אַזוי עמפּפינדלעך, אַז טעאַטער איז נישט קיין לייכטע אונטערנעמונג, אַ געשעפט וואָס איז פאַרבונדן מיט אַן אַ שיעור שוועריקייטן, מיט גרויסע אויסגאַבן, אַ געשעפט ביי וועלכן מ׳דאַרף שטענדיק זיין אויף דער וואַך און עס אָפּהיטן און דאָרט ווו עס איז פאַראַן געשעפט, מוז פאַרשווינדן דער סענטימענט...

— גלויבט מיר! —האָט ער זיך אַזש געקלאַפּט אין האַרצן,— איך וויל אויך שפּילן אַ בעסער טעאַטער, פונקט ווי איר! און איך האָב שוין געפּרוווט אויך!... און נישט איין מאָל!... אָבער קיין פּרנסה האָב איך נישט

געהאַט... איר פאַרשטייט, מיין ליבער פריינד? —האָט ער אונטער דער וויר־קונג פון אַ פּאָר גוטע גלעזער רויטן ווין ווייטער גערעדט,— איר פאַר־שטייט? מ׳דאַרף געבן דעם עולם דאָס וואָס ער וויל... וואָס אים געפעלט... וואָס זאָל מען טון? איר זעט דאָך, אַז דער עולם איז אַ גולם!...

— איר האָט אַ טעות! —האָב איך רעאַגירט— ער איז שוין גאָר־נישט קיין גולם! נאָר מיר אַקטיאָרן פאַרגולמען אים... אָט זעט אַליין: ווען מיר שפּילן אַ שלעכטע פּיעסע וואָס געפעלט נישט דעם עולם, וואָס־זשע טוען מיר? אַנשטאָט צו שפּילן אַ בעסערע פּיעסע, שפּילן מיר אויף מאָרגן נאָך אַן ערגערע... און פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייל מיר האָבן נישט קיין באַציִונג צום טעאַטער און קיין רעספּעקט צו זיך אַליין. גיט אַ קוק ביי וועלכע קלעגלעכע אומשטענדן און באַדינגונגען מיר שפּילן טעאַטער, אָט אין די קליינע שטעטלעך, שוין נישט רעדן וועגן דעם וואָס מיר וואַנ־דערן ערגער ווי די ציגיינער. און אָט־דאָס איז דער תכלית און דער צוועק אונדזערער?! ניין! ליבער פריינט מיינער, זאָגט מיר, וואָס איז דער תכלית און וואָס איז דער צוועק?!

מיר זענען בידע אַנטשוויגן געוואָרן און לאַנגזאַם געזופּט דעם גוטן בעסעראַבער ווין. מיין שותף איז געווען אַביסעלע בגילופין, האָט ער די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין שמייכלען. די אייגעלעך האָבן ביי אים געגלאַנצט און זיינע באַקן זענען געווען פאַרפלאַמט.

אויף צו ענדערן די טעמע פון אונדזער שמועס, האָט ער אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך דעם מאַנטל און מיט דער רעכטער האַנט געגעבן אַ רוק אַרויף די הויכע קוטשמע אין אַ זייט איבערן רעכטן אויער, אַרויסגעשטעלט אַ פוס מיט אַ פאַרבלאָטיקטן שטיוול פאָרויס, זיך גענומען מיט דער ליג־קער האַנט „פּאָדבאָקאָם״ און מיט אַ שטיל בנעימותדיק קול מיר גענומען זינגען אַ רומענישע דוינע, אָבער אַזוי זיס און אַזוי געשמאַק, אַז טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן...

בכלל האָט ער פאַרמאָגט אַ „זיסן האַלדז״, — ווי מ׳זאָגט. קיין גרויסע שטימע האָט ער נישט געהאַט, אָבער ער האָט געזונגען מיט אַזאַ מתיקות, אַז ער האָט געקאָנט די נשמה אַרויסנעמען...

מיר האָבן פאַרביסן מיט גוטע בעסאַראַבער געגנדזענע גריוון, פאַר־טרונקען מיט געשמאַקן ווייַן און זענען ווידער אַרויף אויף דער טעמע: טעאַטער. איך האָב ווידער געגומען רעדן מיט גרויסן פּעסימיזם וועגן דעם. מייַן שותף איז געוואָרן ערנסט און מיר פּלוצים אַ זאָג געטון:

— איך זע דאָך, אַז אייך געפעלן נישט די קליינע שטעטלעך. נו,



שמואל איריס אין „די ברידער אשכנזי” פון י. י. זינגער.
אויפגעפירט דורך מאָריס שוואַרץ.

גוט, וועלן מיר אַריינפאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט! אָבער געדענקט! — האָט ער מיך געוואָרנט מיט אַ פינגער,— אין אַ גרויסער שטאָט זענען די הוצאות אויך גרויסע! און איך בין נישט זיכער צו מיר וועלן מאַכן בעסער ווי דאָ!

— ניין, ניין! חלילה! דאָס פאַרלאַנג איך נישט! —האָב איך אַ געשריי געטון— דאָס נישט! איר דאַרפט נישט זיין קיין קרבן צוליב מיינע קאַפּריזן!...

אין דעם פּרט האָבן מיר זיך תמיד געאייניקט. ביידע האָבן מיר נישט געוואָלט אַריינפאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט, צוליב פאַרשידענע סיבות: איך האָב זיך געהיט איבערהויפּט פון מיין געבורטשטאָט קעשענעוו, ווו איך האָב געהאַט אַ סך דערפאָלגן און דווקא מיט בעסערן טעאַטער און איך האָב זיך פשוט געשעמט מיט דעם רעפּערטואַר און מיט דער אָרעמקייט פון אָט דעם סאָרט טעאַטער־שפּילן (אפשר האָב איך איבערגעטריבן? — קאָן זיין!). מיין שותף ווידער, ווייל ער האָט זיך געשראָקן פאַר די צו־גרויסע הוצאות וואָס טעאַטער האָט געפאָדערט. חוץ הוצאות פּערזענלעכע און אויך פאַר דער פאַמיליע, ווייל אין אַ גרעסערער שטאָט האָט מען נישט געקאָנט אַרויסגיין אין גאַס „ווי נישט איז". די מיידלעך האָבן גע־פאָדערט זאַכן, און קליידלעך, און היטעלעך, מיט זאַנטיקלעך און נאָך אַנ־דערע קלייניקייטן וואָס אַ גרויסע שטאָט פאָדערט. און מיין שותף איז גע־ווען אַ מענטש אַן „איינגעהאַלטענער", דאָס הייסט, אַביסעלע אַ קאַרגער. וואָס האָט געמיינט: נישט קיין אויסברענגער...

אָבער מיט די אַלע זאַכן האָט מען נאָך געקאָנט, ווי עס איז, דורכ־קומען. דאָס איינציקע וואָס האָט אים געשראָקן זענען געווען די טעאַטער־הוצאות. אויך די אַקטיאָרן האָבן געמוזט פאָדערן מער געצאָלט, ווייל זייער געהאַלט וואָס זיי האָבן באַקומען איז קוים געווען צוגעפּאַסט צו די באַ־דינגונגען פון די קליינע שטעטלעך.

בריטשעווער זומער-טעאטער

אין די קליינע שטעטלעך פון בעסאַראַביע האָט מיין שותּף זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. דעם ערשטן פרימאָרגן, ווען ער איז געקומען אין אַ ניי שטעטל, איז ער אַוועק אין מאַרק אַריין צווישן די גויעס וואָס האָבן פאַרקויפט הינער, אייער, קעז, סמעטענע און אַנדערע שאר־ירקותן, אַרומגעגאַנגען פון איין גויע צו דער צווייטער, באַטאַפּט אַלע הינער, געפרעגט פרייזן און באַצאָלט פּונקט די העלפט וואָס זיי האָבן געבעטן... זייענדיק אַ מענטש אַן אימפּאָזאַנטער, אַ הויכער און רעדנדיק אַ גוטן רומעניש, האָבן זיי אין מאַרק פאַר אים פּשוט מורא געהאַט און געמיינט מי יודע וואָס פאַראַ „שישקע״ ער איז, געשיקט פון בוקאַרעשט צו קאָנטראָלירן די פּרייזן, און זיי זענען געווען צופרידן צו נעמען ביי אים וויפל ער האָט באַצאָלט, אַבי וואָס גיכער פון אים פּטור צו ווערן...

ווי ער האָט נאָר פאַרזאָרגט די פאַמיליע מיט עסן, איז ער אַוועק צום „פערטשעפּטאָר״ (שעף פון שטייערן־אַמט) וועגן שטעמפּלען די בילעטן און אין איין וועגס אויף אַ זייער קלוגן און פאָרזיכטיקן אופן דעם „פערטשעפּטאָר״ אַזוי צו קאָמבינירן, ביז עס איז אים געלונגען „אָפּצובלאַטן״, ווייל דער שטייער־אָפּצאָל פון טעאַטער־בילעטן אין רומעניע איז געווען אַ דריטל פון דעם פּרייז (גאַנצע דריי־און־דרייסיק פּראָצענט!) און עס איז פּשוט געווען „אַ ריס אין האַרצן״ אַזאַ סומע אַוועקצוגעבן. דעריבער איז מען געווען געצוווּנגען צו מאַכן מיטן פערטשעפּטער די קאָמבינאַציע פון: חצי שלי וחצי שלך... חוץ דעם וואָס מ׳האָט דעם פּריץ אַליין עקסטראַ געמוזט באַאַרבעטן...

פאַרענדיקט מיטן „פערטשעפּטאָר״ האָט מיין שותּף „אָפּגעשטאַט״ אַ וויזיט ביים קאָמיסאַר, אָדער זשאַנדאַר פון שטעטל, אים געמאָלדן זיין

קאָנצעסיע אויף צו שפּילן טעאַטער — כאָטש דאָס איז נישט נייטיק געווען — און דערמיט אים אָפּגעגעבן כבוד, וואָס האָט דעם אדון געמאַכט גוט פּילן, אים געגעבן אַ מתנה אַ פּאָר ציגאַרן אָדער אַ פּעקל טיטין, אים איינגעלאַדן נאָך וועטשערע אויף אַ גלעזל ווײַן און געשלאָסן מיט אים פרײַנטשאַפט.

אַזעלכע זאַכן האָט מען אין אַ גרעסערער שטאָט נישט געקאָנט דורכפירן.

אויף צו „נעמען" אַ טעאַטער, איז מײַן שותף געווען זייער אַ גרויסער בריה. ער פלעגט שוין אַזוי אויסקאָמבינירן, אַז קיין דירה־געלט זאָל אים נישט קאָסטן, פּאַרקערט, אין אייניקע פאַלן האָט מען אים נאָך צוגעצאָלט... דעריבער פלעגט ער אויסקלייבן די פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך, ווו אַ טרופּע איז זעלטן אַרײַנגעקומען און ער האָט געהאַט אַ כלל, אַז דאָרטן ווו עס קומען זעלטן טרופּעס איז דער עולם זשעדנע נאָך יידיש טעאַטער און דאָרטן ווו מ'איז זשעדנע, קאָן מען מאַכן גוטע געשעפטן, איבערהויפּט ווען די הוצאות זענען נישטיקע.

למשל, אין שטעטל סגוריצע (בעסאַראַביע) איז אינגאַנצן נישט געווען קיין סאַלאָן ווו צו שפּילן, איז מײַן שותף אַרײַנגעפאָרן אין דעם שטעטל און האָט דווקא יאָ געפונען אַ פּלאַץ צו שפּילן, וואָס קיינעם אין דער וועלט וואָלט גאָרנישט אײַנגעפאַלן...

אין דעם דאָזיקן סגוריצע איז פון קדמונים געשטאַנען אַן אַלטער מאַגאַזאָן (שייער) אין וועלכן די קאָאָפּעראַטיווע פון די „ווייסע" סטאָליערס — אַזוי האָבן זיך גערופן די סטאָליערס וואָס האָבן אויסגעאַרבעט טירן און פענצטער פאַר די פויערישע שטיבלעך — האָבן דאָרט געהאַט דעם דעפּאָזיט פון זייער סחורה. האָט מײַן שותף אָפּגעמאַכט מיט די באַלעבאַטים אויף צו שפּילן טעאַטער אין זייער מאַגאַזאָן, אויף פאָלגנדע קאָנדיציעס: ער צאָלט פאַרן „טעאַטער"... גאָרנישט, דאָס הייסט אינגאַנצן אומזיסט, דערפאַר אָבער וועלן אַלע מיטגלידער פון דער קאָאָפּעראַטיווע, מיט זייערע ווײַבער און קינדער באַקומען אַ הנחה פון דרײַסיק פּראָצענט פון

„די הויפּטזאַך״ פון יעווריינאָוו, אויפגעפירט דורך דער ווילנער טרופּע

עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: ווייסליץ, פרוי נאַטאַן, יוסף קאַמיען, ליובאַ קאַדיסאַן, מרים אָרלעסקאָ,
ע. טאַרלאָ, שמואל איריס; עס זיצן: שמחה נאַטאַן, אַלעקס שטיין און יוסף בולאָוו.

דעם געוויינלעכן פרייז פון די בילעטן. נאַטירלעך, איז די הנחה געווען גילטיק בלויז אין די וואָכן־טעג...

די סטאָליערס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פאָרשלאָג, באַלד אויס־געליידיקט דעם מאַגאַזאָן פון דעם געהילץ און געמאַכט נייע הילצערנע בענק אויף זייער חשבון, אויך האָבן זיי צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער אַ געניג פעסטע בינע און האָבן במשך פון דער גאַנצער וואָך אָנגעפילט דאָס „טעאַטער" אויף די ביליקע פרייזן, וועלכע מיין שותף האָט לכתחילה געהעכערט. וואָרום ווי באַלד עס קאָסט ביליק, איז דאָך יעדער אַ בעלן...

די געביידע פון דעם דאָזיקן „טעאַטער" איז געווען זייער אַן אַלטע, די ווענט — צעגויפגעקלעפּטע פון פשוטער בלאָטע, אַזוי אַז די שקצים פון דרויסן און גלאַט נייגעריקע האָבן מיט אַ געוויינלעכן שטעקן געקאָנט מאַכן אַ לאָך אין דער וואַנט, אָן שום שוועריקייטן און זען אומזיסט די פאָרשטעלונג. נישט איינמאָל האָט דער שרייבער פון די שורות אַליין געזען, ווי אינמיטן דער פאָרשטעלונג האָבן זיך געשטופּט שטעקנס אין די ווענט פון דער בינע און געמאַכט געניג גרויסע לעכער אין זיי, אַז מ'האָט קלאָר געקאָנט זען די אויגן וואָס האָבן אַיינגעקוקט. אַזוי יעדע נאַכט, און מיט יעדן טאָג זענען די לעכער געוואָרן גרעסער און צאָל־רייכער... עס האָט געדראָעט אַ געפאַר, אַז די ווענט זאָלן זיך צעשיטן און דער דאָך מיט די צעפוילטע בעלקעס זאָל אַראָפּפאַלן אויפן עולם, צוזאַ־מען מיט די אַקטיאָרן...

מיין שותף האָט איבערגערעדט מיטן זשאַנדאַר, האָט דער לעצטער אַוועקגעשטעלט אינדרויסן אַ שומר מיט אַ שטעקן.

קיין פאָדלאָגע האָט דאָס „טעאַטער" אויך נישט געהאַט און פון דער באַוועגונג פון פובליקום האָט זיך אויפגעהויבן אַ געדיכטער שטויב וואָס האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון דער פאָרשטעלונג און איז געקראָכן אין דער נאָז און אין די אויגן און די גאַנצע צייט האָבן געהאַלטן אין איין ניסן, סיי דער עולם, סיי די אַקטיאָרן. אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, איז דער עולם געגאַנגען ממש אין אַ געדיכטן נעפּל פון שטויב, וואָס די

שטראַלן פון די קעראָסין־לאָמפּן האָבן אים באַלויכטן און די מלבושים פון פּובליקום האָבן געהאַט אַ גרויען קאָליר...

אַלס צוגאָב האָט דאָס „טעאַטער" פאַרמאָגט נאָך אַ מעלה — פליי. אַזוי ווי אַלע יאָרן איז דאָס פּלאַץ געווען אָנגעפּילט מיט האָלץ, זענען דאָרט געווען גאַנצע מחנות פליי, וואָס האָבן נישט געלאָזט רוען און אין די ערשטע פּאָר נעכט —ביז מ'האָט זיי ביסלעכווייז אויסגערייניקט— האָבן זיך אַלע געהאַלטן אין איין קראַצן...

און ביי אַזעלכע אומשטענדן האָבן מיר אָפּגעשפּילט אין דעם דאָזיקן שטעטל איבער זעקס וואָכן, ביי גאַנץ גוטע געשעפטן.

עטלעכע וויאָרסט פון סגוריצע איז געלעגן אַזאַ ענלעך שטעטל, מיטן נאָמען בריטשעווע. האָבן די דאָרטיקע יידן פשוט מקנא געווען די סגורי־צער „וואָס זיי האָבן די זכיה צו האָבן ביי זיך אַזאַ טרופּע" —אַזוי האָט בפירוש דערקלערט די דעלעגאַציע, וואָס איז אונדז געקומען איינלאַדן קיין בריטשעווע— און אונדז געבעטן „אַז מיר זאָלן, למען־השם, נישט פאַרשעמען און קומען אויך צו זיי"...

מיין שותף האָט קיין צייט נישט פאַרלוירן און באַלד צומאָרגנס איז ער מיט דער „בריטשקע" פון דער זעלבער דעלעגאַציע אַריינגעפאָרן קיין בריטשעווע, צו זען וואָס מ'קאָן דאָרטן טון.

קומענדיק קיין בריטשעווע איז ער געוואָר געוואָרן, אַז קיין סאַלאָן ווו צו שפּילן איז נישט פאַראַן, און צו שפּילן אין די ענלעכע בודעס, שטאַלן אָדער מאגאזאָנען, וועלכע זענען געווען אַבסאָלוט אָן לופט און ווו מ'קאָן אין די זומער־חדשים „צעשמאָלצן ווערן"; קעגן דעם האָט שוין, אגב, זיין פאַמיליע אויך פּראָטעסטירט. אָבער ביי מיין שותף איז נישט געווען שייך נישט צו האָבן ווו צו שפּילן, איז ער געפאַלן אויף אַזאַ מין המצאה:

אין שטעטל האָט געוווינט אַ ייִד, אַ קצב, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אַלט שטיבל מיט אַ צעבראָכענעם דאַך, וואָס ביים מינדסטן רעגנדל איז דאָס שטיבל געווען פול מיט וואַסער. האָט דער קצב באַשלאָסן דאָס שטיבל איבערצובויען און עס אויך פאַרגרעסערן. נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט גע־האַט גענוג געלט צו מאַכן די גאַנצע אַרבעט אויף אַמאָל, האָט ער, נאָך

מיט יאָרן צוריק, אָװעקגעשטעלט איבערן שטיבל אַ גרױסן דאַך פון שינדלען מיט באַלקנס אין דער ערד, װאָס האָט פאַרדעקט דאָס גאַנצע שטיבל, צוזאַמען מיט אַ שטיק הױף ביז צום שכנס װאַנט, מיט דער אױס־זיכט װען עס איז צוצובױען װענט.

האָט מײן שותף „געװאָרפן אַן אױג״ אױף דעם קצבס נחלה. ער האָט אױסגערעכנט, אַז עס װעט זײן אַ װוּנדערבאַרער און לופטיקער פּלאַץ צו שפּילן טעאַטער, און עס איז אױך געדעקט מיט אַ דאַך אין פאַל פון אַ רעגן, אַזױ, אַז מען קאָן שפּילן טעאַטער בײ יעדן װעטער...

האָט מײן שותף אײנגערעדט דעם קצב, אַז ער זאָל פון זײן הײפל מאַכן אַ זומער־טעאַטער און עס אים פאַרדינגען אױף צװײ חדשים — נאַטירלעך, אומזיסט, — כדי אױסצופּרוּװן, צי מ׳קאָן דאָרט װירקלעך שפּילן טעאַטער. „דאָס הײסט, — האָט ער אין אים אַרײנגעטענהט, — מ׳דאַרף זען צי דאָס טעאַטער װעט האָבן אַ גוטע אַקוסטיק, צי דער אָרקעסטער װעט „קלינגען״, װי די שטימע װעט אַרױס, צי װעלן זיך פּאַסן די דעקאָראַציע, װוּ מ׳װעט אַװעקשטעלן די רעפלעקטאָרן״... און ער, מײן שותף, הײסט עס, װעט שױן מאַכן די נײטיקע רעקלאַמע צװישן אַלע ייִדישע אַקטיאָרן... חוץ דעם װאָס ער װעט לאָזן שרײבן אין אַלע בוקאַרעשטער צײטונגען װעגן בריטשעװער זומער־טעאַטער, און דער קצב װעט דערבײ פאַרדינען אַ סך געלט... און נאָך אַ זאַך: ד״ר קצב מיט זײן פאַמיליע פון זעקס פּער־זאָן װעלן האָבן אַן אײגענע „לאָזשע״ בײ זיך אין זומער־טעאַטער, דאָס הײסט, דער קצב װעט האָבן דאָס רעכט אַװעקצושטעלן בײ דער זײט אַ באַנק פאַר זעקס פּערזאָן און זען אומזיסט אַלע פאָרשטעלונגען, — אָבער נאָר פאַר זײן נאָענטע פאַמיליע! דאָס הײסט: זײן װײב מיט די פיר קינדער, און די דאָזיקע „לאָזשע״ טאָר פאַר קײן פאַל נישט פאַרקױפט װערן צו פרעמדע מענטשן...

דער קצב האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען װאָס מײן שותף האָט אים געזאָגט, װעגן אַקוסטיק, רעפלעקטאָרן, אָבער עס איז אים געפעלן געװאָרן דער געדאַנק, בפרט נאָך, אַז עס װעט זײן אַ זומער־טעאַטער פאַר דער צוקונפט, דאָס אײנציקע טעאַטער אין בריטשעװע, און ער האָט מסכים

געוועזן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַראַטן מיט זיין ווייב, וועלכע האָט ממש געשיינט פאַר פריידן. אַ קלייניקייט, אַן אייגן „זומער־טעאַטער"! „די שונאים וועלן דאָך צעפּיקעט ווערן!" — האָט די קצבטע בעת־מעשה געקלערט...

דעם זעלבן טאָג האָט דער קצב זיך גענומען צו דער אַרבעט: גוט אויסגערייניקט דעם הויף, אריינגעקלאַפּט דרענגער אין דער ערד פון אויבן באַפּעסטיקט נייע געהיבלעוועטע ברעטער און געמאַכט אַזוי אַרום עטלעכע רייען בענק. פון איין זייט הויף, ביים טויער, וואָס איז אַרויסגע־גאַנגען צו דער גאַס, האָט ער אָוועקגעשטעלט „קאָזלעס", פון אויבן ברע־טער און עס איז געוואָרן אַ בינע, באַפּוצט מיט טישטעכער, ליילעכער און מיטן באַרימטן „טלית" — אַלס פאָדערשטע פאָרהאַנג.

פון דער צווייטער זייט הויף, קעגנאיבער דער בינע, זענען געשטאַנען אַלטע קאַמערן וווּ מ'האָט געהאַלטן די הינער, האָלץ אויף ווינטער, קוילן, וואַסער אד"גל, האָט דער קצב גוט אויסגערייניקט, אָפּגעריסן די אַלטע פאַרפוילטע ברעטער פונעם דאַך ביז דער העלפט, וואָס דאָס האָט געביל־דעט אַ מין „גאַליאָרקע פאַרן געמיינעם עולם" — ווי דער קצב האָט זיך אויסגעדריקט,— באַפּוצט די ווענט פון די קאַמערן (סאַרייעס) מיט קאָ־לירטע, פויערישע „קילעמעס" (קאָווראָרן...) און דאָס זומער־טעאַטער איז פאַרטיק געוואָרן.

ביי דער דערעפענונגס־פאָרשטעלונג האָט דער קצב מיט זיין משפחה זיך אויסגעפּוצט אין זייערע שבתדיקע בגדים, זייערע פּנימער האָבן גע־שיינט פאַר פריידן און שטאָלץ, אַז עס איז פשוט צו זיין קיין גלייכן נישט געווען.

דעם עולם איז אויסגעקומען אַריינצוגיין אין „טעאַטער" דורך דער גאַסן־טיר, דורכגיין דעם קצבס שטיבל און דורך אַ שמאָלער נידעריקער קיך־טיר —וווּ מ'האָט באַדאַרפט דעם קאָפּ גוט אַראָפּבייגן מ'זאָל קיין קלאַפּ נישט כאַפּן,— אַריינגיין אין טעאַטער. איך בין גראָד געשטאַנען ביי דער טיר און קאָנטראָלירט די בילעטן. די ערשטע געסט וואָס האָבן זיך באַוויזן זענען געווען צוויי מיטליעריקע פרויען מיט אַ לאַנגן בחור פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, וועלכער האָט מיר געגעבן דריי בילעטן און בעת־

מעשה געקנאַקט „סעמעטשקעס״ און מיך טאַקע באַשפּיגן מיט די שאָלעכץ פון די זעלבע... אַן אויפגערעגטער, האָבן איך באַמערקט דעם בחור, אַז ער געפינט זיך אין אַ טעאַטער ווו עס איז פאַרבאָטן צו קנאַקן די קערלעך און אָנמאַכן אַ מיסט. דער בחור האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז רויט געוואָרן. איך האָב זיי קאָנטראָלירט די בילעטן און זיי אָנגעוויזן די פּערטע ריי.

געוויינלעך האָט ביי אונדז אויסגעזעצט דעם עולם דער סופליאָר פון דער טרופּע, בכדי צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן; נאָר פונקט דעם אָוונט האָט ער זיך פאַרשפּעטיקט. די ווייבער מיטן בחור זענען, אויף מיין אָנ־ווייזונג, צוגעגאַנגען צו דער פערטער ריי און אַזוי ווי די בענק האָבן נישט געהאַט קיין אָנלען, זענען זיי געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט, געקוקט אויף דער אָפענער ליידיקער בינע — דער טלית איז נאָך נישט געווען פאַרצויגן — וואָס איז געווען פאַרפּוצט מיט קאָלירטע טישטעכער, באַלד אויף דער „גאַליאָרקע״, וואָס איז אויך געווען באַפּוצט מיט די זעלבע קאָלירטע זאַכן און געהאַט דעם זעלבן אויסזען ווי די בינע, און זיי האָבן נישט געוווסט וואָס צו טון. ענדלעך האָבן זיי באַשלאָסן און ביידע ווייבער האָבן זיך דערנענטערט צו מיר, זיך אַנטשולדיקט, און איינע פון זיי האָט אַ פרעג געטון, אין וועלכער ריכטונג זיי דאַרפן זיך זעצן מיטן פּנים, אָנ־ווייזנדיק מיט דער האַנט סיי אויף דער בינע, סיי אויף דער גאַליאָרקע. איך האָב אַ שמייכל געטון און זיי אָנגעוויזן ווו מ׳דאַרף. זיי האָבן גע־קנייטש מיט די פּלייצעס און זענען צוגעגאַנגען צו זייער ריי און זיך, ווייזט אויס, נישט געטרויט אַוועקצוזעצן, זייענדיק זיכער, אַז איך האָב געמאַכט מיט זיי אַ שפּאַס... איך בין דאָך עפּעס אַן אַקטיאָרטשיק, אַ לץ... בין איך שוין צוגעגאַנגען צו זיי און זיי געזאָגט:

— איך זע דאָך, אַז איר גלייבט מיר נישט, טוט־זשע אַזוי: זעצט זיך איינע מיטן פּנים אַהער און איר — האָב איך געוויזן אויף דער צוויי־טער — מיטן פּנים אַהין...

זיי האָבן זיך צעלאַכט, זיך אַביסל פאַרשעמט. איינע האָט זיך טאַקע געזעצט און די צווייטע מיטן לאַנגן בחור זענען אַלץ געבליבן שטיין, אַ

פּנים, צו וואַרטן ביז עס וועלן קומען באַקאַנטע, וועלן זיי טון דאָס זעלבע וואָס יענע...

פון דער קאָמבינאַציע צו שפּילן אין אַ „זומער־טעאַטער" זענען אַלע צדדים געווען צופרידן. אויך די אַקטיאָרן וואָס האָבן זיך נישט באַדאַרפט שטיקן אין די דושנע סקלאַדן אָדער שטאַלן, ווו עס האָבן זיך שטענדיק געפילט ריחות פון שימל, „ניליע" און פערדישע מיסט. פון מיין שותף איז דאָך אָפּגערעדט, ער איז געווען אין זיבעטן הימל: ערשטנס, שפּילן מיר אויף דער פרייער לופט; צווייטנס, —דער עיקר— דאָס שפּילן קאָסט גאָר־נישט! אַוודאי, אין דער גרויסער שטאָט זענען די הוצאות אויסערגעוויינ־לעכע; פאַר אַלץ דאַרף מען צאָלן: טעאַטער, רעקוויזיטן, רעקלאַמע, קליי־דער, —וויל די „פּוילישע רעק" זענען פאַר דער גרויסער שטאָט אַביסל וויניק— אַן אָרקעסטער מוז מען האָבן, כאָטש פון אַ פיר־פינף מוזיקער, אַפּישן, פּאַרוקן און נאָך אַנדערע קלייניקייטן... און דאָס אַלץ קאָסט געלט! אָבער דאָ קאָן מען זיך באַגיין אָן די אַלע זיבן זאַכן...

און נאָך עפּעס: אין די קליינע שטעטלעך פאַרדינט מיין שותף געלט, חוץ דעם שפּילן, וויל פאַר רעפּערטואַר, קליידער, פּאַרוקן און אַנדערע שמאָכטעס, האָט ער באַקומען באַצאָלט, וואָס דאָס איז אַריינגעגאַנגען אין די אויסגאַבן, אמת, טאַקע נישט קיין גרויסע געלטער, אָבער גענומען האָט ער. אין סך־הכל האָט ער פאַרמאָגט גאַנצע דריי אָדער פיר אַלטע, פאַר־שמאָלצענע, צעקודלטע, שמוציקע פּאַרוקן, וואָס קיינער פון די אַקטיאָרן האָט זיי קיינמאָל נישט גענוצט —ער אַליין אויך נאָר אין אַ זעלטענעם פאַל— מ'האָט זיך פּשוט געמיאוסט זיי צו נעמען אין דער האַנט; ווידער, קיין פאַר־טיקע בערד אויף טול, האָט ער אַוודאי נישט געהאַט. אָבער אַזוי ווי ער פלעגט שפּילן אַלע טאַטע־ראָלן, האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ באָרד פון טונקעלער „קרעפּע", וועלכע ער האָט נאָך יעדער פאַרשטעלונג, זי פאַר־זיכטיק אַראָפּגענומען און זי באַהאַלטן אין אַ ספר, און פון יעדן מאָל זי קלעפּן און אָפּקלעפּן, איז די באָרד געוואָרן אַלץ וויניקער, קלענער, אַזוי, אַז מיט דער צייט איז פון דער באָרד געוואָרן אַ בערדל...

מיט דער זעלבער באָרד האָט ער געשפּילט אַלע ראָלן, סיי אַ יונגן,

סיי אַ זקן; דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט זיין אַלטער קאַפּאָטע, וואָס איז אייגנטלעך קיין קאַפּאָטע נישט געווען, נאָר אַ מין „ראַדזעווולקע״, וואָס ער האָט זי געניצט צו אַלע פּיעסן, סיי קלאַסישע, סיי מאָדערנע. אין דער פּיעסע „שבת קודש״, למשל, שפּילנדיק די ראָל פון „לייב ספרדי״, האָט ער די קאַפּאָטע צוגעשפּילעט ביזן האַלדז, איבער וועלכן מ׳האָט געזען אַ ווייסן ברייטן איבערגעלייגטן קאָלנער פון העמד. און שפּילנדיק ביי דער פּיעסע „אַ מענטש זאָל מען זיין״, די ראָל פון „ישראל גראָדנער״, האָט ער די קאַפּאָטע אינגאַנצן צעשפּילעט, מיטן קאָלנער פון העמד אינעווייניק, און דאָס, הייסט עס, האָט געבילדעט די עפּאָכע... אָבער פון אַזעלכע זאַכן האָט ער זיך קיינמאָל נישט געערגערט, אויך האָט ער זיך פון קיין ראָל קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט, צי די ראָל איז געווען פּאַר אים צוגעפּאַסט צי ניין, — איז אים נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט געשפּילט אַלץ, נישט געזוכט צו סטאַרעווען און זיך מאַכן וויכטיק...

אַמאָל האָט פּאַסירט, ווען ביי דער פּיעסע „ציפּקע פייער״ איז קראַנק געוואָרן דער אַקטיאָר וואָס האָט באַדאַרפט שפּילן די ראָל פונעם יינגערן ברודער —אַ בחור׳ל פון אַ יאָר אַכצן— איז מיין שותף געגאַנגען אים פאַרבייטן, כאָטש ער איז געווען אַ הויך־וווקסיקער, אַ ברייט־ביייניקער, מיט אַ היפּשן בויך...

אין דעם בריטשעווער „זומער־טעאַטער״, ווו מיר האָבן געשפּילט, האָט מען יעדעס וואָרט וואָס די אַקטיאָרן האָבן גערעדט אויף דער בינע געהערט אויף דער גאַס און אַז מ׳האָט געזונגען האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן שטעטל. דאָס האָט צוגעצויגן אַ סך נייגעריקע יידן, אויך גוייִם צווישן זיי, וואָס זענען געשטאַנען פון יענער זייט טויער וואָס דאָס איז, כלומרשט געווען דער אונטערגרונד פון דער בינע.

די קליינע שקאָצימלעך פלעגן יעדע נאַכט אַרויפקריכן אויפן טויער און זיך אויסזעצן אויפן באַלקן וואָס איבער אים, מיט די פיסלעך אַראָפּ־געהאַנגען איבער דער בינע און קוקן אויף דער פאָרשטעלונג. אַזוי אַז דער עולם וואָס איז געזעסן אין טעאַטער האָט כסדר געזען אויף דער בינע הענגנדיקע, פאַרשמירטע, באָרוועסע פיסלעך. האָט מען אָוועקגע־

שטעלט אַ שומר, וואָס האָט זיי נישט געלאָזט קריכן אויפן טויער, — איז געוואָרן נאָך ערגער. עס זענען געפלויגן אַזעלכע שטיינער אין טויער, אַז עס האָט אויסגעזען ווי מ׳באָמבאַרדירט פון ערגעץ... אָדער ביי אַ שטילער סצענע, פלעגן זיי לאַכן, פייפן און אָנמאַכן אַזעלכע געוואַלדן, אַז מ׳האָט געקאָנט פאַרטויבט ווערן...

דאָס ערגסטע אָבער איז געווען, וואָס זיי פלעגן רייצן זייערע הינט, וואָס זענען אין שטעטל געווען גאַנצע מחנות, —דער קצב אַליין האָט פאַרמאָגט דריי גרויסע הינט ווי די וועלף, וואָס זענען אין פאַרלויף פון דער פאָרשטעלונג געלעגן נעבן דער „לאָזשע“ פון זייערע באַלעבאַטים און כסדר געוואָרטשעט,— האָבן די שקצים געבראַכט אַ קאַץ און זי אָפּגעלאָזט נעבן טויער, האָבן זיך די דרויסנדיקע הינט אַ לאָז־געטון צו דער קאַץ מיט אַ שרעקלעך בילעריי, האָבן דעם קצבס הינט זיך געגעבן אַ לאָז צום טויער, דאָס הייסט צו דער בינע, מיט געוואַלדיקע קולות און האַוקערייען, און עס איז געוואָרן אָנשטאָט אַ טעאַטער, — אַ הינטישער קאָנצערט...

האָט מען שוין אויף מאָרגן קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט „איינלאַדן“ די שקצים זיך צו זעצן אויפן טויער, אַבי עס זאָל זיין שטיל...

אַזוי האָבן מיר זיך אָפּגעפּלאָגט דעם גאַנצן זומער, ווידער ביי נישט קיין שלעכטע געשעפטן ווייל קיין הוצאות האָבן מיר כמעט נישט געהאַט, חוץ די קלעגלעכע גאַזשעס וואָס די אַקטיאָרן האָבן געקראָגן, וואָס האָט זיי קוים געקאָנט קלעקן אויף אַ שטיקל לעבן צו מאַכן.

מיין שותף, ווי שוין געזאָגט, וועלכער איז געווען אַ גרויסער איינברענגער, אַן אָנשטענדיקער דירעקטאָר און אַ פּינקטלעכער צאָלער, האָט אַנגאַזשירט תמיד צווייטראַנגיקע אַקטיאָרן, ווייל זיי האָבן געקאָסט ביליקער און זיי זענען גערן צו אים געגאַנגען, ווייל זיי האָבן געוווסט אַז זייער געלט איז זיכער ווי אין אַ מלוכה־באַנק.

איך האָב אויף דעם אַלעם נישט געקאָנט און אויך נישט געטאָרט רעאַגירן, ווייל איך בין דאָך אַ שותף צום געשעפט און מ׳דאַרף איינשפּאָרן... כ׳האָב צו די אַקטיאָרן אויך קיין טענה נישט געקאָנט האָבן, ווי זיי האָבן זיך געקליידט אויף דער בינע, ווייל פון זייערע פאַרדינסטן

האָט זיי נישט געקלעקט זיך צו קויפן אַפּילו אַ „לייטיש״ העמד; פון אַ נייעם אַנצוג איז דאָך שוין אָפּגערעדט. און איך האָב געמוזט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק ווו איך געפין זיך. פאַר מיר זענען געווען צוויי וועגן: אָדער בלייבן אין געשעפט און אַלץ דולדן, אָדער אַנטלויפן אינמיטן דער נאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט קוקנדיק דערויף וואָס אַזעלכע ענלעכע סצענעס און געשעע־נישן זענען נאָך ביי מיר ווייט נישט אויסגעשעפט און וועלכע איך קלער נאָך ביי אַ געלעגנהייט צו פאַרעפנטלעכן, — וועלן מיר זיך אומקערן צום אָנהייב, דאָס הייסט: צו אונדזער רייזע קיין ליעוווע...

מ׳פארט אין דער וועלט אריין

אויף דער צווייטער נאַכט נאָך אונדזערע גאַסטראָלן אין רימניק־סאַראַט, בין איך, צוזאַמען מיטן אַקטיאָר חיים קאָסאָווסקי, וועלכער איז אויך געווען אין דער טרופּע, אַרויסגעפאָרן אין דעם רומענישן שטעטל אַדאָבעשט, אַלס פאָרשטייער פון דער טרופּע, כדי צוצוגרייטן די פאָר־שטעלונג אויף מאָרגן אָוונט. די טרופּע האָט באַדאַרפט אַרויספאָרן איבער־דערפאַרי און מיין שותּף ווידער אין אַן אַנדער ריכטונג, אויף דער „ליניע".

די באַן וואָס מיר האָבן באַדאַרפט נעמען אין אָנגעקומען פון בוקאַ־רעשט דריי אַ זייגער פאַרטאָג, אַ פול־געפּאַקטע, מיט פינצטערע נישט־באַהייצטע וואַגאָנעס, מיט אָפענע זומער־פּלאַטפאָרמעס, מיט וועלכע מען פלעגט פאָרן זומער אויף דאַטשע. מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער באַן און געמוזט בלייבן שטיין אויף דער פּלאַט־פאָרמע, ווייל אין וואַגאָן איז פשוט געווען אוממעגלעך אַריינצודרינגען. עס איז געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז די פּאַסאַזשירן זענען געשטאַנען איינער אויפן אַנדערן.

נישט־קוקנדיק דערויף וואָס איך בין געווען געגוג וואַרעם־אָנגעטאָן, האָב איך דאָך נישט געקאָנט בלייבן שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע, צוליב דער זאַווערוכע וואָס האָט געבושעוועט פון ביידע זייטן און ממש גע־שניטן אין פּנים ווי מיט מעסערס, האָבן איך געוואָלט כאָטש ווייניקסטנס אַריינשטעלן דעם קאָפּ אין דער אָפענער טיר פון וואַגאָן, אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך, ווייל נישט־קוקנדיק אויף דער שטאַרקער פראָסט, איז אין וואַגאָן געווען אַזאַ עיפּוש, אַז מ'האָט געקאָנט דערשטיקט ווערן האָב איך שוין בעסער געליטן פון דעם גזלן, דעם ווינט, און ביסלעכווייז זיך צוגעוווינט...

אומגעפער מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט די באַן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרעסערער סטאַנציע און איך, פּונקט ווי אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן זענען געווען צופרידן, זיך אַביסל דורכצולויפן נעבן וואַגאָן, בכדי צו דערוואָרעמען די געפרוירענע פיס. אין עטלעכע מינוט אַרום איז געגעבן געוואָרן דער נייטיקער צייכן, די באַן האָט געגעבן אַ פייף, וועלכן די זאַווערוכע האָט פאַרשלונגען און גענומען פאָרן ווייטער.

אָפּפאָר־נדיק אומגעפער אַ פּאָר הונדערט מעטער, האָב איך, צוזאַמען מיט די איבעריקע פּאַסאַזשירן וואָס זענען געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, באַמערקט עפּעס אַן אומנאָרמאַלקייט אַרום דער באַן, וועלכע האָט גענומען לויפן שנעלער און שנעלער. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט פאַרשידענע פייפערייען, וועלכע זענען אָבער, איבער דעם שרעקלעכן ווינט, צום מאַשיניסט, וואָס האָט געפירט די באַן, נישט דערגאַנגען. ס׳האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו באַווייזן פון אַלע זייטן רויטע ליכט־סיגנאַלן. מיר האָט זיך גערדאַכט, אַז איך הער אַפילו שיסן פון ווייטן... ביז דער מאַשיניסט האָט, ווייזט אויס, זיך געגעבן רעכענונג, וואָס אַרום אים טוט זיך און די באַן האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער, ביז זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, און טאַקע אין זעלבן מאָמענט גענומען שנעל צו גיין הינטערוויילעכטס אויף צוריק, און ווי מיר זענען נאָר אַרויף אויף אַ צווייטער ליניע, איז מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט דורכגעלאָפן אַ שנעלצוג, וואָס איז געקומען פון דער קעגנריכטונג.

איך האָב ערשט דערנאָך זיך געגעבן רעכענונג, אַז די ליניע האָט געהאַט בלויז איין פּאָר רעלסן און איך האָב געטראַכט: ווען דער מאַשיניסט וואָלט נישט באַמערקט די סיגנאַלן אין דער ריכטיקער צייט, וואָלט געשען איינע פון די גרעסטע קאַטאַסטראָפעס, וואָס איז צו יענער צייט אין רומעניע געווען אַן אָפטע דערשיינונג און איך וואָלט איצט דעם דאָזיקן עפּיזאָד נישט באַשריבן...

אין פּאַקשאַן האָבן מיר געביטן אַ צווייטע באַן און זענען אָנגעקומען מיט אַ זייטיקער ליניע קיין אָדאָבעשט, צען אַזייגער אינדערפרי. איך בין גלייך צוגעפאָרן צום טעאַטער, וואָס איז, נאַטירלעך, קיין טעאַטער

סאָניע איריס אין איינער פון אירע כאַראַקטער־ראָלן.

נישט געווען, נאָר אַ היימישע גרויסע שטוב מיט אַ טיר צו דער גאַס, אַ מין קרעטשמע אָדער אַ קאַפע, ווו מ׳האָט געמאַכט אַ גוטע טערקישע קאַווע, מ׳האָט אויך באַקומען אַ גוט שנעפסל מיט אַ געשמאַקן צובייסן און די הויפּטזאַך: פון דעם אמתן אָדאָבעשטער וויין. איך האָב דאָרטן גע־טראָפן עטלעכע ייִדן ביי אַ פּאָר טישלעך, שמועסנדיק וועגן וועלט־פּאָליטיק...

דער באַלעבאָס, דערוויסנדיק זיך דעם צוועק פון מיין קומען, האָט מיך זייער וואַרעם אויפגענומען און מיר צוגעזאָגט אַלץ צו באַזאָרגן פאַר דער היינטיקער פאָרשטעלונג.

אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי מ׳וועט מאַכן די בינע, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַן אַלטן ביליאַרד־טיש, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט שטוב.

— „דעם ביליאַרד־טיש — האָט ער געזאָגט — רוקט מען צו אָט צו יענעם ווינקל, פון אויבן ווערן געלייגט ברעטער און אין איין האַלבער שעה איז די בינע פאַרטיק״...

— פאַרוואָס עפּעס די בינע אין אַ ווינקל? — האָב איך געפרעגט, — דאָס זע איך צום ערשטן מאָל; פאַרוואָס נישט אינדערמיט שטוב?

— וואָר אַרט עס אייך? איר זייט רויק, עס איז ביי מיר נישט דאָס ערשטע מאָל! — האָט ער געענטפערט און מיר גלייך געגעבן צו פאַרשטיין: — איר זעט דאָרט דאָס פענצטער? האַ? איז פון דאָרטן גייען די אַקטיאָרן אַרויף אויף דער בינע.

— דאָס איז ביי אייך אַ פענצטער? דאָס איז דאָך אַ פענצטערל; דאָ קאָן דאָך קוים אַ קינד דורכגיין; ווי־זשע וועלן די אַקטיאָרן...

ער האָט מיך נישט געלאָזט פאַרענדיקן:

— גלויבט מיר, אַז דורך דעם פענצטער זענען דורכגעגאַנגען אַביסל „גרעבערע״ אַקטיאָרן ווי איר: פינקע פרידמאַן, די שלימאָוויטש, רובינ־שטיין; איר קענט רובינשטיינען? אַן אַטלעט! אויך די מאַדאַם קאַנער — די קאַנער איז סך־הכל געווען דאַר ווי אַ שטעקן, נאָר מיט איר האָט ער

זיך, הפּנים, געוואָלט גרויסן... — זייט רויִק, עס איז ביי מיר נישט קיין נייעס צו מאַכן אַ בינע.

איך בין צוגעגאַנגען נענטער צום פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ געגנוג שמוציקער קיך, דורך וועלכן מען גייט אַרויס די קאַוועס און די אַנדערע זאַכן. אין דער זעלבער קיך האָט מען זיך אויך באַדאַרפט גרימירן און זיך איבערטאָן. כ'האָב געטראַכט, אַז די שוישפּילער וועלן זיך דאַרפן איינברעכן אין דרייען. נאָר וואָס האָב איך געקאָנט מאַכן, אַז קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען? — „אַז נישט, וואָלטן די אַקטיאָרן באַדאַרפט אַרויפגיין אויף דער בינע דורכן פּובליקום" — האָט מיר דער באַלעבאָס געגעבן צו פאַרשטיין.

איך האָב דעם באַלעבאָס איבערגעגעבן די עטלעכע געשריבענע „אַפישן" וואָס כ'האָב מיטגעבראַכט, אַז מ'זאָל זיי אויסקלעפּן איבערן שטעטל, אָבער דער באַלעבאָס און די פּאָר יידן וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז עס איז נישט נייטיק, ווייל אין צען מינוט אַרום וועט שוין „קינד און קייט" וויסן וועגן דער גרויסער גע־שעעניש, אַז אַ טרופּע יידישע אַקטיאָרן זענען געקומען און שפּילן היינט ביינאַכט. אָבער כ'האָב דורכויס געפאָדערט דאָס צו טון. האָט דער באַלע־באָס ביי מיר גענומען די פּלאַקאַטן און מיך באַרויִקט:

— האָט נישט קיין מורא, עס וועט שוין זיין אַלץ באַזאָרגט. איר גייט בעסער אַריבער אַנטקעגן אין אכסניא —האָט ער געזאָגט— און באַזאָרגט אַ פּאָר צימערן פאַר דער טרופּע; און איר אַליין, ווי איך זע, זענט דאָך אויך מיד, טאָ גייט לייגט זיך צו און אַרום אַכט אַזייגער וועט שוין אַלץ זיין פאַרטיק.

איך בין ווירקלעך געווען זייער מיד און נאָכדעם ווי איך האָב פאַר־זאָרגט די טרופּע מיט קוואַרטיר, האָב איך זיך געלייגט אין בעט און בין געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

אַ זייגער זעקס, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט ווי אַן אָפּגעבריטער. אין דרויסן איז שוין געווען גוט פינצטער. כ'בין שנעל אַריין אין קאַפע און געטראָפן דאָרטן ביי עטלעכע טישלעך אַ גרעסערע צאָל יידן, וואָס האָבן

געשפילט אַ „בלאַנש" (דאָמינאָ). אַלץ איז געווען ווי פריִער. פון צוגרייטן די בינע איז אַפילו קיין רייד נישט געווען. כ׳האָב זיך געערגערט. דער באַלעבאָס האָט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט מיך באַרויִקט, מיר צוגע־טראָגן אַ געשמאַק טערקיש קאַווע און מיר צוגערוקט אַ שטול צו איינעם פון די טישלעך פון די שפּילער, איך זאָל „קיבעצן". די היימיש־קייט האָט מיך אינגאַנצן באַרויִקט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט געוואַלדן:

— פינצטערע קאַליקע!

— גולם!

— דאָבל־זעקס, דאָבל־פינף!...

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געשיקט דעם שטיין?...

כ׳האָב זיך בפירוש אַמוזירט; די סביבה איז געווען אַ היימישע, אַ פריילעכע. ס׳האָט מיך זייער פאַראינטערעסירט, ווי אַזוי איניקע פון די שפּילער האָבן באַטיטלט די שטיינער פון דער דאָמינע. ביי איניקע האָט אַ זעקס געהייסן אַ „שעסטיאַריק" אָדער אַ „שוסטער"; אַ פינפער האָבן זיי גערופן: אַ „פיטעריק", אַנדערע האָבן דעם פינפער אָנגערופן אויף ענגליש: „פייף"; אַ פיר האָט געהייסן: פראַק"; אַ דריי — „שירעק" (אַפּנים, צוליב זיין אויסזען ווי די נקודה „שורק"; דאָס זעלבע מיט אַ צוויי, וואָס האָט געהייסן „שיווע" („שוא"); דער איינס — „חיריק" און דעם „בלאַנש" האָבן זיי גערופן פשוט: נאַקעטער ט... און נאָך אַזעלכע טערמינען און אויסדרוקן...

די צייט איז דערווייל נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. די ווייזערס פון דעם אַלטן זייגער אויף דער וואַנט האָבן שוין געוויזן באַלד אַכט, און פון קיין בינע איז נאָך קיין סימן נישט געווען. כ׳האָב זיך שוין ווידער אָנגעהויבן דענערווירן. דער באַלעבאָס האָט מיך געראָטן איך זאָל גיין צו דער באַן באַגעגענען די טרופּע און צום לעצטן מאָל מיר פאַרזיכערט, אַז ווען איך וועל צוריקקומען וועט שוין אַלץ זיין פאַרטיק.

איך בין אַוועק אויפן וואָקזאַל און דאָרט האָב איך זיך דערוווסט, אַז איבער דעם גרויסן שניי־פאַרשיט אויף דער ליניע, וועט די באַן אָנקומען

מיט אַ פּאַרשפּעטיקונג פון איבער אַ שעה. אַזוי, אַז אַנשטאָט ניין אַ זייגער, וועט זי אַריינקומען נאָך צען... אַ גוטע בשורה! וואַרטן אויפן וואָקזאַל אין אַזאַ קעלט האָט נישט געהאַט קיין זין, אויסער דעם האָט מיך באַאומרויִקט די בינע און מ׳האָט אויך באַדאַרפט אָנהייבן צו פאַרקויפן בילעטן און איך בין אַוועק צוריק אין קאַפע.

דאָסמאָל האָט דער באַלעבאָס געהאַלטן וואָרט. איך האָב שוין גע־טראָפן דעם ביליאַרד־טיש צוגערוקט צום ווינקל ביי דעם באַרימטן פענצ־טער. עס האָט נאָר געפעלט אַרויפצולייגן די ברעטער און אויסשטעלן די בענקלעך. ביי דער טיר איז שוין געווען צוגעגרייט אַ טישל, פאַרשפּרייט מיט אַ צייטונג, וואָס האָט געבילדעט די קאַסע. לײדער אָבער זענען זייער ווייניק מענטשן געקומען נאָך בילעטן. דער באַלעבאָס האָט מיך גע־טרייסט, אַז דער עולם וויסט נאָך נישט... דערפאַר, אָבער —האָט ער מיר פאַרזיכערט— וועט שבת נישט זיין ווו קיין „שפּילקע־קעפּל״ צו וואַרפן...

איך האָב געטראַכט: אַ שיין געשעפט, זיך אַוועקזעצן אין אַדאָבעשט און וואַרטן אויף שבת. דערווייל איז די טרופּע אָנגעקומען, אַלע מידע און פאַרמאַטערטע פון אַ גאַנצן טאָג זיך שלעפּן מיט דער באַן. מ׳האָט אין איילעניש יעדן צוגעפירט צו זיין קוואַרטיר און מ׳האָט שוין די מינוט געמוזט גיין אין טעאַטער, ווייל דער זייגער איז שוין געווען באַלד צוועלף...

דער „ליבהאָבער״ פון דער טרופּע, אַן אַקטיאָר אַ נערוועזער, אַן אויפגערעגטער צוליב דעם וואָס „מען מוטשעט די טרופּע״, ווי נאָר ער ער איז אַריין אין צימער, האָט ער אין גרויס איילעניש גענומען דעם קאַסטן מיט זיין ביסל פאַרמעגן, אים איבערגעקערט מיטן דנאָ אַרויף און צעשאָטן אַלע זיינע זאַכן און קליידער אויף דער ערד, אַרויסגעשלעפּט זיין צע־קנייטשן פראַק מיט די הויזן, דעם ווייבס אַ פּאָר נישט־געפּרעסטע קלייד־לעך, זי, דאָס הייסט זיין ווייב, געכאַפּט פאַר דער האַנט און איז אַריין אין טעאַטער אַ רויטער, אַן אָנגעצונדענער...

ווי געזאָגט, איז געקומען אַ גאַנץ קליינער עולם אין טעאַטער. דער באַלעבאָס האָט אינמיטן דער פאָרשטעלונג סערווירט דעם עולם טערקישע קאַוועלעך, אויך קליינע פלעשעלעך וויין. די מענטשן וואָס זענען געזעסן

אין די ערשטע רייען האָבן די אויסגעלײדיקטע קאַווע־טעפּעלעך און ווײַן־פלעשלעך אַוועקגעשטעלט אויפן ראַנד פון דער בינע, עס האָט אויסגעזען ווי מ׳וואָלט דעם ברעג פון דער בינע באַפּוצט מיט כריזאַנטעמען...

אגב, איז יענע נאַכט ביי דער פאָרשטעלונג פאָרגעקומען אַ קליינער עפּיזאָד וועלכן איך וואָלט נישט געוואָלט דורכלאָזן:

אין דער פּיעסע וואָס מיר האָבן געשפּילט, האָב איך פאָרגעשטעלט אַ ייִדן, אַ ליידקגייער, אַן „אָנלייגער״ וואָס וויל נישט אַרבעטן, אַ ייִד וואָס ליגט גאַנצע טעג אין די קאַפּעען, שפּילט אין קאָרטן, פערדלעך און נאָך אַנדערע גוטע זאַכן, קומט יעדע נאַכט אַהיים פאַרטאָג, — יענער פויגל! איז אין ערשטן אַקט פאַראַן אַ סצענע, ווי ער קומט אַריין שטילערהייט אויף דער בינע און זיין פּלוניתטע באַגעגנט אים מיטן אמתן ברוך־הבא... איז ווי איך בין אַרויף אויף דער בינע איז דאָס וויַיב מיך באַפאַלן מיט געוואַלדן:

— „גזלן! רוצח ווו שלייעסטו זיך אַרום גאַנצע נעכט און איך דאַרף וואַרטן אויף דיר! ווו ביסטו געווען?! גנב! שוין נאָך דריי אַ זייגער!״...

אין דעם זעלבן מאָמענט האָט דער זייגער וואָס הענגט אין קאַפּע אויף דער וואַנט געגומען שלאָגן צוועלף, האָב איך אַזוי עקספּראָמט אַ זאָג געטון:

— וואָס פאַר אַ דריי דער זייגער? הערסט דאָך, אַז עס איז ערשט צוועלף! דיין זייגער לויפט!...

ביים עולם איז אויסגעבראָכן אַזאַ געלעכטער מיט אַ בראַוואָ־פּאַ־טשעריי, גלייך ווי איך וואָלט דאָ געזאָגט די גרעסטע חכמה, און איך גלויב אַז דער עקספּראָמט־וויץ איז געוואָרן דער שליסל צום סוקסעס פון דער פאָרשטעלונג, — ווייל דער עולם האָט שוין נאָכדעם געלאַכט פון יעדער נאַריִשקייט...

נאָך דער פאָרשטעלונג איז אַ היבשע טייל פון עולם געבליבן צו באַגריסן די אַקטיאָרן און גלייכצייטיק אויך זיי באַדויערן וואָס אַזוי ווייניק מענטשן זענען געקומען זען אַזאַ „וווּנדערלעכע פאָרשטעלונג״.

מיר האָבן זיך באַראַטן מיט די ייִדן וואָס ווייטער צו טון און נאָך אַ

קליינער אסיפה וואָס עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן האָט מען באַשלאָסן, אַז מאָרגן, פרייטיק הייסט עס, לאָזן מיר דורך, מיר שפּילן נישט. (אַזאַ לוקסוס האָבן מיר זיך נאָר געקאָנט דערלויבן, ווייל מיין שותף איז נישט געווען. ביי אים זענען אַזעלכע זאַכן נישט דורכגעגאַנגען). און מיר זאָלן



שמואל איריס אַלס „סאַטסקי" אין „טוביה דער מילכיקער" פון ש. עליכם.

צוגרייטן אויף שבת עפּעס אַ „גוטע זאַך", אַ לאַכנדיקע, און זיי, די ייִדן, וועלן שוין מאַכן די אמתע רעקלאַמע און דאָס טעאַטער וועט זיין פול געפּאַקט. חוץ דעם וועט מאָרגן, פרייטיק, ווערן געהייצט די באָד ספּעציעל פאַר די אַקטיאָרן.

דאָס איז שוין געווען אַ מתנה פון דעם בעדער אַליין, — אַזוי באַגייסטערט איז ער געווען פון דער פאָרשטעלונג...

— איר פאַרשטייט? —האָט דער בעדער גערעדט מיט פּאַטאָס— איך הייץ די באָד צוויי מאָל אין חודש, האָב איך טאַקע פּאַראַכטאָגן פרייטיק געהייצט; נאָר, אַז מיר האָבן די זכיה צו האָבן ביי אונדז אַזעלכע אָנגעלייגטע געסט —האָט ער געדרשנט,— וועל איך מאָרגן, צוליב אייך, נאָכאַמאָל הייצן!...

עס זענען באַלד אויסגעוואַקסן אויפן טיש עטלעכע פלעשער וויין מיט געשמאַקע היינערשע לעבערלעך צו פאַרבייסן. מיר האָבן מיט די האַרציקע אַדאָבעשטער ייִדן זייער פיין פאַרבראַכט, ביז אין דער שפּעטער נאַכט. ענדלעך האָבן מיר זיך מיט זיי פיין געזעגנט, זיי געדאַנקט פאַר זייער אינטערעסירן זיך מיט אונדז און זיך צעגאַנגען יעדער אין זיין רו.

מיר האָבן נאָך לאַנג קאָמענטירט מיט מיין שותפס ווייב די לאַגע, ווי מיר קאָנען בלייבן אין אַזאַ שטעטל ווי אַדאָבעשט שפּילן שבת, ווו קיין אויסזיכטן אויף קיין איינגאַמע קאָן נישט זיין. זי האָט מיר אָבער פאַרזיכערט, אַז איר מאַן וועט שוין געפינען עפּעס אַ שטאָט ווו צו שפּילן שבת.

— ער וועט אונדז נישט לאָזן זיין לאַנג אין דעם העק, איר וועט זען!

איך האָב געלאַכט, ווייל קיין ידיעה פון אים האָט נאָך נישט געקאָנט זיין; ער איז דאָך ערשט היינט אין דער פרי אַרויסגעפאָרן אויף דער „ליניע" און מאָרגן איז שוין פרייטיק...

— איר וועט שוין זען! — האָט זי זיך געהאַלטן ביי אירס.

אויפן צווייטן טאָג זענען די ווייבער אויפגעשטאַנען פרי, איינגעקויפט אַלץ אויף שבת און גענומען זיך צוגרייטן דעם מיטאָג.

אַ זייגער צען אין דער פרי, איך בין נאָך געשלאָפן, איז אַריין צו מיר מיין שותפס ווייב מיט אַ געוואַלד:

— שטייט אויף! אַ טעלעגראַמע פון מיין מאַן! גיכער שטייט אויף!

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט נישט־טויט, נישט־לעבעדיק. אין דער טעלעגראַמע האָט זיך געזאָגט, אַז די טרופּע זאָל תיכף־ומיד אַרויספאָרן קיין הוש...

איך בין געבליבן שטיין גלייך מ׳וואָלט מיך אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. וואָס הייסט עפּעס הוש? וואָס וועלן מיר דאָרטן טון? שפּילן טעאַטער? ווו? אין קוזאַס געבורט־שטאָט, ווו עס איז אַפילו אין גאַס געפערלעך צו רעדן ייִדיש? אַמאָל איז הוש טאַקע געווען אַ גוט שטעטל פאַר ייִדיש טעאַטער, אָבער היינט? אָט אַזעלכע געדאַנקען זענען מיר דורכגעלאָפן אין קאָפּ. אָבער לאַנג טראַכטן האָט מען נישט געקאָנט און איבערלייגן זיך איז נישט געווען וואָס. עס איז געקומען פון דירעקטאָר אַ טעלעגראַמע צו פאָרן, דאַרף מען פאָרן! אויסער דעם איז געבליבן זייער ווייניק צייט צו דער באַן וואָס גייט־אָפּ פון אָדאָבעשט עטלעכע מינוט פאַר צוועלף.

מיר האָבן די „גוטע נייעס״ באַלד געמאָלדן דער טרופּע. עס איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע מיט אַ לויפעניש, מען האָט זיך גענומען פּאַקן. די ווייבער האָבן זייער נישט־צופרידענע, נעבעך געמוזט אויסגיסן די יויכן, וואָס זיי האָבן געשטעלט קאָכן און דאָס נישט־דערקאָכטע פליייש איינפּאַקן צוזאַמען מיט די טעפּלעך. דער „ליבהאבער״, נאָך אַן אויפגערעגטער פון נעכטיקן אויספּאַקן, האָט אויפן זעלבן אופן איינגעפּאַקט, דאָס הייסט, ער האָט גענומען די זאַכן וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אויף דער ערד נאָך פון נעכטן און זיי אַריינגעוואָרפן אין קאַסטן, אַליין איז ער אויך אַריין אין קאַסטן און מיט אַ שרעקלעכער רציחה „איינגעפּרעסט״ די זאַכן מיט די פיס. און אַרום 2 אַ זייגער זענען מיר שוין געפאָרן מיט דער באַן אויפן וועג קיין קראַסנע. דאָרט האָבן מיר געביטן אַ צווייטע לאָקאַלע באַן וואָס איז אַוועק קיין הוש.

די גאַנצע צייט פון אונדזער רייזע קיין הוש האָט מען אַלץ קאָמענטירט: וואָס איז דאָס פאַר אַ רעטעניש? וווהין פאָרן מיר, צו אַלדי גוטע יאָר?... און ווו וועלן מיר מאָרגן שפּילן? מיר קריכן דאָך גלייך צום לייב אין פּיסק אַריין! שפּילן ייִדיש טעאַטער אין הוש — איז דאָך אויסגעשלאָסן! עס איז דאָך די „הייליקע״ שטאָט פון פּראָפעסאָר קוזאַ, ימח־שמו וזכרו! די סאַמע נעסט פונוואַנען עס ווערט פאַרשפּרייט דער אַנטיסעמיטיזם איבער גאַנץ רומעניע. וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ מיסטעריע, צו אַלדי

רוחות! אָט מיט דער דאָזיקער פראַגע אויף די ליפּן זענען מיר צוועלף דעם זייגער, אין אַ שטורעמדיקער ווינטער־נאַכט, אָנקומען קיין הוש.

אין הוש געפינט זיך דער וואָקזאַל אויפן פרייען פעלד, אַ פּאָר קילאָמעטער פון שטעטל. די זאַווערוכע איז געווען אַ מוראדיקע. דער ערשטער בין איך אַראָפּ פון דער באַן אין דער פולער זיכערקייט, אַז מיין שותּף וואַרט אונדז אָפּ און וועט אודנז אויפקלערן דאָס רעטעניש.

באַלד איז אויך אַראָפּ מיין שותּפס פרוי, דערנאָך די גאַנצע טרופּע מיט די פּעקלעך און צו אונדזער גרויסער אַנטוישונג האָבן מיר אונדזער דירעקטאָר נישט געטראָפן.

מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו פייפן — וואָס דאָס איז געווען ביי אונדז אַזאַ מין סיגנאַל — קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. מיר האָבן געזוכט מיט די אויגן אין דער פינצטער, — מיין שותּף איז נישט געווען. מיר זענען שוין געווען פאַרצווייפלט און נישט געוווסט וואָס צו טון און וווהין צו גיין, חוץ דעם האָבן מיר פּשוט נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט אַריינצופאָרן אין שטעטל, ווייל די פּאָר פיאַקערס (איזוואָשטשיקעס) וואָס האָבן זיך געפינען אויפן וואָקזאַל זענען זיך אַלע צעפאָרן און די טרופּע איז כמעט געבליבן אַליין אין דער שרעקלעכער שטורעמדיקער נאַכט אויפן פרייען אָפענעם פעלד. די ווייבער האָבן געוויינט און געציטערט פון קעלט און אויפרעגונג. ענדלעך האָט זיך באַוויזן אַ פיאקער. מיר האָבן אויף אים אַרויפגעפּאַקט די ווייבער מיט די קינדער און דער זעלבער פיאקער האָט זיך שפּעטער אומגעקערט און גענומען דעם באַגאַזש און די מענער זענען אַוועק צופוס אין שטעטל.

מיין שותּפס ווייב האָט פּאַר דער צייט נישט גערוט. נישט געקוקט אויפן שלעכטן וועטער, איז זי אין דער שפּעטער נאַכט אַרומגעלאָפן איבער די פּאָר האָטעלן פון שטעטל צו זוכן איר מאַן, ליידער האָט זי אים אָבער אין ערגעץ נישט געטראָפן. אין איין האָטעל האָט מען אונדז אַפילו געזאָגט, אַז ער איז דאָ, אַז ער שלאָפט אין אַ צימער אויפן ערשטן שטאָק. מיר האָבן זיך אַלע דערפרייט און געלאָפן אַהין, אָבער אַ נעכטיקער טאָג!... עס איז געוואָרן אַ יללה פון די קינדער; די ווייבער האָבן צוגעהאָלפן...

עפּעס האָט דאָך מיט אים געמוזט פּאַסירן? ווייל ער איז תמיד געווען אַן אַן איבערגעגעבענער צו זיין פאַמיליע, און דאָ האָט ער זיי פּלוצים געלאָזט אויף הפקר...

איך האָב זיי אַלעמען געמוזט טרייסטן, אַז מ׳דאַרף נישט זיין פאַר־צווייפלט, מ׳מוז האָבן געדולד און צוואַרטן ביז אינדערפרי! כאָטש איך אַליין בין געווען זייער אומרויק איבער אים, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז ער איז נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג מיטן האַרץ זיינעם... ער פלעגט אויך פון צייט צו צייט באַקומען קליינע אַטאַקעס און ביי אַזאַ פאַל, ווען ער האָט נאָר עפּעס דערפילט, ווו ער זאָל זיך נאָר נישט געווען געפינען, האָט ער זיך באַלד אַוועקגעלייגט „נאָזנדיק" אויף אַ פּאָר מינוט, ביז עס איז אים איבערגעגאַנגען. זיין ווייב האָט עס גוט געוווּסט און דערפאַר האָט זי זיך אַזוי געערגערט, אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט, נישט אַרויסצו־ווייזן צופיל פאַר די קינדער.

דער האָטעל ווו די גאַנצע טרופּע האָט זיך געפונען איז געווען אי־בערגעפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן, אַזוי, אַז קיין צימער איז נישט געווען צו באַקומען, ווידער גיין זוכן אַ צווייטן האָטעל אין אַזאַ נאַכט: איז געווען אוממעגלעך, חוץ דעם האָט דער אייגנטימער פון האָטעל אונדז געזאָגט, אַז אין די איבעריקע האָטעלן איז דאָס זעלבע.

די ווייבער האָבן זיך ווי נישט איז איינגעאָרדנט אין אַ בוידעם־שטיבל ווו עס איז געווען קאַלט, פּונקט ווי אינדרויסן. די מענער האָבן געמוזט בלייבן זיצן אין קאָרידאָר אויף די פּעקלעך.

די נאַכט איז געווען אַ געגנוג לאַנגע. ענדלעך פאַרטאָג איז מען ווי עס איז איינגעדרימלט. אָבער אַ שטאַרקער קלאַפּ אין דער דרויסנדיקער טיר האָט אונדז אַלעמען אויפגעוועקט. דאָס זענען ייִדישע בעלי־עגלות פון ליעווע, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן פון מיין שותף צו ברענגען די טרופּע אַהין.

שמואל איריס אין „די ברידער אשכנזי"
אויפגעפירט דורך דעם דירעקטאָר פון יידישן קונסט-טעאַטער,
מאָריס שוואַרץ.

דער לאַבעשניק *)

*) אויפן אַקטיאָרישן זשאַרגאָן, וואָס איז אייגנטלעך „קלעזמער־לשון״ מיינט „לאָבעשניק״ — אַ שוישפּילער אָדער אַ קלעזמער.

די רייזע קיין ליעווע איז געווען אַן אַנגענעמע און איז אַדורך אין אַ גוטער שטימונג. דער פראָסט האָט „געבראָכן", דער פרימאָרגן איז געווען אַ שיינער, אַ ליכטיקער, די זון האָט געצערטלט און דער עולם איז געווען צופרידן, וואָס ענדלעך וועט מען קאָנען אַ שטיקל צייט זיך אָפּרוען פון וואַנדערן יעדן צווייטן טאָג. מ'האָט אויפן וועג זיך אַמוזירט, דערציילט פאַרשידענע מעשיות, עפּיזאָדן, געזאָגט וויצן, געזונגען פון „שולמית", „בר כוכבא", „קאַלדוניע" און פון אַנדערע היסטאָרישע אָפּערעטן און די בעלי־עגלות האָבן מיטגעזונגען... אַזוי אַז די עטלעכע און פופציק וויאָרסט זענען פאַרביי דאַכט זיך שנעל, כאָטש די רייזע האָט געדויערט עטלעכע שעה צייט. די רייזע איז נאָר געוואָרן שווער עטלעכע וויאָרסט פאַר ליעווע, ווו דער שניי האָט „געלאָזט" און דער גאַנצער וועג איז פאַרגאָסן געוואָרן און געבילדעט אַ מין אָזיערע און אַ טיפע בלאָטע, אַז עס איז געווען אומ־מעגלעך דורכצופאָרן, אַ זאַך וואָס פּאַסירט זייער אָפּט אויף יענעם שטיקל וועג, — לויט די דערקלערונגען פון די בעלי־עגלות. די מאַנסבילן האָבן געמוזט, במחילה, אַראָפּקריכן פון די בוידן און בראָדזשען אין וואַסער און אין בלאָטע, אונטערשטופּנדיק די וועגענער, וואָס זייער אַנגענעם, אין דעם געגנוג קאַלטן פרימאָרגן איז עס, וואָס אַן אמת, נישט געווען.

אין דער בויד איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אויף דער „קאָזלע", נעבן בעל־עגלה, וועלכער איז געווען זייער אַ באַרעדעוודיקער און גערעדט האָט ער נאָר אין גראַמען. צו יעדער זאַך, האָט ער נישט־טראַכטנדיק לאַנג, באַלד געפונען דעם נייטיקן גראַם... און דווקא נישט קיין נאַרישן גראַם, פאַרקערט, אין אַ געוויסער מאָס אַפילו אַ גאַנץ קלוגן, וואָס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַ בעל־עגלה.

פּלוצים, טאַקע גאָר אומגעריכט פאַר אַלעמען, האָט ער געגעבן אַ זינג מיט אַ גאַנץ־נישקשהדיקער שטימע — נישט־קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז שוין ווייט נישט געווען קיין יונגערמאַן — דאָס ליד פון „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ״:

„פאַריאָמערט, פאַרקלאָגט,
פון זיין היים פאַריאָגט,
פאַר זיינע גרויסע זינד״ אאז״וו...

אַלע זענען געבליבן פשוט איבערראַשט. אַזוי זינגען מיט אַזוי פיל האַרץ און געפיל, האָט מען זעלטן אַפילו פון אַן אַקטיאָר געהערט און דאָ זינגט גאָר אַ פּראָסטער בעל־עגלה.

משה גאָלדנבערג, וואָס איז געזעסן אין דער זעלבער בויד, האָט פון גרויס איבעראַשונג גענומען פינטלען מיט די מייזלשע אייגעלעך און אַ זאָג געטון:

— „מאַטרע״ דער „דויל״! (זע נאָר דעם יאָלד!).

דער בעל־עגלה האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים און אַ זאָג־געטון:

— אוי, איך פּריטשאַכנע! (איך שטאַרב). אויב איך בין אַ „דויל״, זענט איר אַ „פּטיוק״... (שנעק).

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. די חברה האָט דערנאָך פאַרצויגן דאָס ערשטע כאָר־געזאַנג פון „שולמית״, פון „בר כוכבא״. דער בעל־עגלה האָט מיטגעזונגען, אָבער געענוי מיט די ווערטער, מיט אַלץ, מיט אַלעמען. דאָס האָט מיך זייער פאַראינטערעסירט און איך האָב אים אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פון וואַנען קענט איר די אַלע געזאַנגען.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר און מיך לאַנג אָנגעקוקט. איך האָב באַמערקט אַ טרויער אויף זיין פּנים:

— איך בין אויך געווען אַ „לאָבעשניק״...

— וואָס הייסט אַ „לאַבעשניק״? — האָב איך אין גרויס פאַרוווּנ־דערונג איבערגעפרעגט.

— איר ווייסט נישט וואָס עס הייסט אַ „לאַבעשניק״? — האָט ער גוטמוטיק געשמייכלט, — זענט איר דאָך אַ יאָלד. יאָ, יאָ, אַ „לאַבעשניק״! איך האָב נאָך געשפּילט מיט גאָלדפאַדענען. און דערביי האָט ער מיר דערציילט אַ גאַנצע מעשה:

אַלס צוועלף־יעריקער בחורל איז ער געבליבן אַ קיילעכיקער יתום און זיך געמוזט אַליין דערנערן. אין חדר איז ער שוין מער נישט געגאַנ־גען, כאָטש ער האָט שוין געלערנט חומש מיט רש״י און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ שיינע סאָפּראַן־שטימע, האָט ער מיט גרויסע שוועריקייטן זיך דערשלאָגן קיין קעשענעוו און איז אָנגעקומען צו אַ חזן, אַלס משורר, בלויז פאַרן עסן און איז גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן. ער האָט געמוזט טון אַלע שטוב־אַרבעטן, ניאַנטשען די קינדער, כאַפּן פּעטש און באַקומען אַ קרענק צו עסן. נאָך אַ יאָר צייט האָט זיך אים אָנגעהויבן בייטן די שטימע, האָט אים דער חזן אַרויסגעוואָרפן, האָט ער געמוזט ווערן אַ שמייסער בײַ די בעלי־עגלות, וואָס האָבן געפירט פאַרשוינען פון קעשענעוו קיין אוריעוו און צוריק. אַזוי האָט ער זיך אָפּגעפּלאָגט אַ פּאָר יאָר, גוט פאַר־שוואַרצט געוואָרן, געטון אַלע שווערע אַרבעטן, ביז עס איז אים די שווערע אַרבעט נמאס געוואָרן, איז ער פאַרבליבן אין אוריעוו און געוואָרן אַ באַהעלפער ביי אַ דרדקי־מלמד און געטראָגן איבער די בלאָטעס די קינדער אין חדר... אָבער אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ „גוט אויער״ צו מוזיק, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן צו די דאָרטיקע קלעזמער און געקלאַפּט ביי זיי אויף דער פּויק. פאַר דער צייט האָט ער צוריק באַקומען אַ באַרי־טאָן־שטימע, אָבער ער האָט זי נישט געהאַט ווו אויסצונוצן, ביז עס איז געקומען די צייט פון „פּריזיוו״ (זיך שטעלן צו די סאָלדאַטן), און נישט וועלנדיק גיין דינען „פאָניען״, האָט ער אין אַ שטילער נאַכט געמאַכט אַ פּעקל פון זיינע קליידער, דאָס פּעקל צוגעבונדן צום קאָפּ, און זייענדיק אַ גוטער שווימער, איז ער אַריבערגעשווומען דעם פּרוט און איז אָנגעקומען קיין רומעניע. דאָרט האָט ער געטראָפן גאָלדפאַדענען מיט זיין

טרופּע און אַזוי ווי מ'האָט זיך געניטיקט אין כאָריסטן מיט שטימען, איז ער געוואָרן אַ כאָריסט אין יידישן טעאַטער.

גאַנצע פיר יאָר צייט האָט ער געוואַנדערט מיט דער טרופּע איבער רומעניע, שוין אַפילו געשפּילט ראָלן אויך, אָבער קיינמאָל נישט געהאַט אַפּצועסן צו דער זעט... דאָס טעאַטער איז אים נמאס געוואָרן און ער האָט ווידער איבערגעשוווּמען דעם פּרוט, אויפן זעלבן אופן ווי אַמאָל... און איז אָנגעקומען אין אַ צווייט שטעטל אין בעסאַראַביע וווּ קיינער האָט אים נישט געקענט. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ בעל־עגלהס אַ טאָכטער, זייער אַ שיין מיידל, זיך פאַרליבט אין איר, מיט איר חתונה געהאַט און איז פאַרבליבן אַ בעל־עגלה ביזן היינטיקן טאָג...

— —

די קורצע אָבער טראַגישע לעבנס־געשיכטע פון דעם דאָזיקן בעל־עגלה האָט מיך גערירט ביז טרערן. מיר האָבן ביידע אַ ווײַלע געשוויגן. ענדלעך האָב איך איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— איר ווייסט, אַז איר זאָגט שיינע גראַמען? איר זענט דאָך עפּעס אַ גאַנצער פּאָעט! פאַרוואָס פאַרשרייבט איר זיי נישט?

ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט:

— ווייס איך... אויך מיר אַ שרייבער... אַז מען איז פאַריאָגט, יעדן טאָג דאַרף מען פאָרן! ווער האָט ידען צייט דערצו!... פריִער, מיט יאָרן צוריק, ווען כ'בין געווען יונגער, האָב איך יאָ עפּעס אָנגעשריבן... איך האָב עס אין דער היים, באַהאַלטן. איך היט עס אָפּ ווי אַן אוצר... כ'ווייס, זאָל עפּעס בלייבן אַ זכר נאָך מיין טויט...

— איר ווייסט? איך וואָלט זייער געוואָלט זען, וואָס איר האָט אָנגעשריבן — האָב איך זיך ביי אים כמעט ווי געבעטן.

— נו, גוט... אַז איר ווילט דווקא, איז... כאַפּט זיך אַריין צו מיר שבת בייטאָג אויף אַ גלעזל טיי, ווייל שבת פאָר איך נישט, אַ קליין שטעטל... עס פּאַסט נישט! —האָט ער זיך פאַר מיר ווי פאַרענטפערט— וועל איך אייך ווייזן וואָס איך פאַרמאָג...

איך האָב אים געדאַנקט, און טאַקע דעם ערשטן שבת נאָכמיטאָג בין איך אַוועק צו אים. ער האָט מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען, דאָס זעלבע אויך זיין פרוי, מאַכנדיק מיר אַ געגראַמטן קבלת־פּנים:

נו, געפּעלט אייך עפּעס מיין פּאַלאַץ ווו איך וווין?
נו, גיכער, זאָגט שוין,
איר שיינער פּאַרשוין...

אָט מיט די פּאָר געגראַמטע ווערטער האָט ער מיר געטראָגן אַ וואַרעמע האַנט אָקעגן:

— אָבער מיר פאַרלאַנגען נישט מער, —האָט ער גערעדט אַ באַגייס־טערטער— מיר זענען צופרידן!... די קינדער ברוך־השם פאַרזאָרגט, שוין דאָ היבשע אייניקלעך, זענען מיר אין צווייען: „דיד דאַ באַבאַ". איך מיט מיין „דוילעוווקע" (יידענע): כאַ, כאַ! — האָט ער פאַרענדיקט לאַכנדיק.

מערקווירדיק, אינדערהיים האָט ער געהאַט אַ באמת שבתדיקן אויס־זען. עפּעס איז ער געווען גאָר אַן אַנדער מענטש, מער ערנסט. פאַר די פאָר שעה וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי אים אין שטוב האָט ער כמעט קיין גראַמען נישט געזאָגט. דאָס וויינ זיינס האָט אונדז דערלאַנגט צו גלעזלעך טיי מיט איינגעמאַכטס, מיט געשמאַקע מאָן־קיכלעך. נאָך דער טיי האָט ער אַריינגעבראַכט פון צווייטן חדר אַ פּעקל פּאַפּירן, פאָטאָגראַ־פיעס, איינגעוויקלט אין אַן אַלטן טלית־זעקל. איך בין אייניקע פאַרשרי־בענע פּאַפּירלעך דורכגעלאָפן מיט די אויגן, אַלץ געגראַמטע זאַכן, בדחני־שע, אָבער צווישן אַלע זאַכן האָב איך אויך געפונען אַ זאַך וואָס האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט:

— דאָס האָט איר אויך געשריבן? — האָב איך אים געפרעגט.

— ניין, ניין! דאָס איז נישט מיינס; דאָס איז אַ בריוו פון מיינעם אַ גוטן ברודער וועלכער איז געווען מיט מיר צוזאַמען ביי גאָלדפאַדענען; ער איז טאַקע פאַרבליבן אַן אַקטיאָר.

דער „בריוו" האָט מיך פאַראינטערעסירט. ער האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ געוויינלעכער בריוו, וועגן געזונט, טעאַטער, וועגן זיין לעבן און זיינע צרות און זיך פאַרענדיקט אין גראַמען.

איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר געבן דעם בריוו איבערצושרייבן, ער האָט אָבער קיין גרויסן חשק נישט געהאַט דעם בריוו אַרויסצוגעבן:

— איר וועט גאָרנישט פאַרשטיין... —האָט ער זיך צו מיר געווענדט — ווייל ער איז געשריבן אין „קלעזמער־לשון״.

— טאַקע דערפאַר אינטערעסירט ער מיך! איך וויל לערנען! —האָב איך אים געבעטן— איך פאַרזיכער איך, אַז מאָרגן ברענג איך אים אייך צוריק.

ער האָט מיר צוליב געטון. איך האָב אים געדאַנקט, זיך האַרציק געזעגנט מיט אים און זיין ווייב, אים איינגעלאַדן אויף איבעראַכטאָג שבת צו קומען אין טעאַטער און בין אַוועק.

(איך גיב דאָ איבער דעם „בריוו״ אין זעלבן סטיל ווי דער מחבר האָט אים געשריבן. ביי דער זייט קומט די איבערזעצונג פונעם קלעזמער־זשאַרגאָן).

דער בריוו

...הכלל פון „מאַטאַם״ (דאָרטן)
זענען מיר אַהערצו געקומען
אין „מאַטיד״ (דאָ)
איז אויך פינצטער
און ביטער.
און איך דאָ אַליין:
רעזשיסאָר, אַקטיאָר,
בילעטיאָר
און אויך רעקוויזיטער.

איך האָב נישט
קיין „קליפט״ (מאַנטל)
נישט קיין „טרעטערס״ (שיך)

קיין קראַגן,
נאָר אַ צילינדער
און די אַלטע „נאַקידקע״
(פעלערינע)
און די טרופּע —
דו ווייסט דאָך
ווער דאָרט איז פאַראַן:
„יאַ טי, אי טרעטי
דאַווידקע״...

מיר „לאָבען״ (שפּילן)
דאָ אַליין
פון די טייערסטע

אַט אַזוי האָט מען געשפּילט טעאַטער

„סנאַטשקעס" (פּיעסן)
(דו ווייסט דאָך,
אַלץ איך מיט מיין ציליען)
„שולמית, „קאַלדוניע",
„בעל תשובה" —
און „מוישע" (פּובליקום)
וויל אַלץ אין טעאַטער
גישט „כיליען" (גרין).

די זבאָרן
זיי זענען דאָ
„לאַזשע" (מיאוס)
באָטש נעם
די פּאַרוקן, דעם שמינק
און פּאַרזעץ זיי...
און דאָס שטעטל
איז פול:
מיט „סימסאָנקעלעך"
(כלה־מיידלעך)
„דוילעווקעס" (ווייבעלעך)
און „כעשטעלעך" (מיידלעך)
אַלע „קליוועצע" (שיינע).

איז שפּיל איך
דעם „טרייפהניאַק"
(דו ווייסט
אין דער ראָלע
בין איך דאָך:
„קאַיזער אונד קעניג").
אייפן האַרצן
איז ביטער,
דער מאָגן איז ליידיק
און עולם אין טעאַטער
איז ווייניק...

איז פּונקט ביי דער
דראַמע, אַ „דויל" (יאָלד)
דאָרט, אין פּאַרטער,
ער „סמידעט" (זיצט)
און „דרישבלט" (שלאָפט)
געשמאַק־זיך...
פּאַרדריסט
וואָס מען שעצט נישט,
דיין קונסט
און דיין שפּילן,
כאָטש כאַפּ באַלד
די „זשעטשיס" (זאַכן)
און פּאַק זיך!...

מיר האָבן
קיין „סנאָטשקע" (פּיעסע)
נישטאָ וואָס
צו „לאָבען" (שפּילן)
פון „בעריען" (עסן)
און „קעריען" (טרינקען)
פּאַרגעסן...
עס קריכן די „זשיקרעצן" (אויגן)
אויס פונעם קאָפּ
נאָך אַ שטיקל „אוקריל" (ברויט)
אויף צו עסן...

שמואל איריס

איך „מאָטרע" (קוק)
בעלי־חובות
פון אַלע פיר עקן,
וואָס טוען זיך
ביסלעך פאַרזאַמלען
פאַר „בעריען" (עסן)
פאַר „דריזשבלען" (שלאָפן)
דעם שוסטער, די פּראַטשקע
און איך האָב נישט
קיין „באַש" (געלט)
צו „באַצאַמלען" (באַצאָלן)

הכלל, גוטער ברודער
ס'איז „נעסקעם" „געטערעט"
(נישט גערעדט)
עס „פּראָבעט" (נישט פּאַראַן) ,
קיין „דעצמער" (פּיטאַק־פּיטאַקל)
אין „שטעקער" (קעשענע).
און דאָ איז אַ טרופּע
זאָל גאָט
מיך נישט שטראָפן!
פון קלעצער, פון דרענגער
פון פלעקער...

בלאטעס

ביים אַריינפאָרן אין ליעווע האָט מיין שותף אונדז באַגעגנט אַ שיינענדיקער. דאָס ווייב מיט די קינדער האָבן זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן מיט טרערן אין די אויגן, מ׳האָט זיך געהאַלדזט און געקושט, גלייך מ׳וואָלט זיך שוין יאָרן נישט געזען, און דעם אמת געזאָגט, האָט עס טאַקע אַזוי אויסגעזען. מיר האָבן פאַר די צוויי טעג אַזויפיל איבערגעלעבט, אַז עס האָט אויסגעזען ווי צוויי יאָר.

ער האָט כמעט יעדן אַנגעוויזן זיין ווירנונג וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר אונדז — דאָס הייסט, פאַר מיר און פאַר זיך מיט די פאַמיליעס האָט ער באַזאָרגט צוויי ווירנונגען, טאַקע אויפן הויף פון „טעאַטער״. ער האָט אַפילו פאַראָרדנט צו פאַרשאַרן די ליימיק־קלעפּיקע בלאָטע און געמאַכט אַ סטעזשקע פון שטיינער, פון דער שטוב ביז צום אַריינגאַנג אין „טעאַטער״ און מ׳האָט באַדאַרפט זיין אַן אַקראָבאַט אַריבערצושפּאַנען פון איין שטיין צום אַנדערן...

נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס אַלע זענען געווען מיד און צעבראָכן, האָבן מיר אים באַוואָרפן מיט פראַגן: וואָס מיט אים איז געשען פאַר דער צייט? ווי ער קומט אַהער? ווי אַזוי האָט ער אָפּגעמאַכט מיטן טעאַטער? — אַזוי זענען געפאַלן פראַגן פון אַלע זייטן.

ער האָט אונדז גערן דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך אין דער באַן צופעליק באַקענט מיט אַ ליעוועער ייִד, וועלכער האָט אים געגעבן אַלע אויסקינפטן פון דעם שטעטל און ווי אַזוי מען פאָרט אַהין. פונקט האָט די באַן זיך דערנענטערט צו קראַסנע, האָט ער קיין צייט נישט פאַרלוירן און באַלד גענומען די באַן קיין הוש און דאָרט האָט ער זיך תיכף פאַרבונדן טעלעפאָניש מיטן אַפּטייקער פון ליעווע, וואָס האָט געהאַט אַ

טעלעפאָן — טאַקע דער איינציקער טעלעפאָן פון שטעטל — זיך פאַרגע־שטעלט, אַז עס רעדט דער דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער און אים גע־פרעגט, צי עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ גרויסער טרופּע צו שפּילן יידיש טעאַטער. דער אַפּטייקער האָט אים געהייסן אַריינקומען, וועט מען שוין זען אויפן אָרט עפּעס צו טון. נאָך דעם שמועס מיטן אַפּ־טייקער האָט ער אונדז טעלעגראַפירט, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין הוש און אַליין איז ער מיט אַ גויש וועגעלע אַריינגעפאָרן קיין ליעווע, ווייל די בעלי־עגלות וואָס פאָרן טאָג־טעגלעך זענען שוין געווען אַוועקגעפאָרן.

— וואָס אַרט אייך, איר וועט שוין זען! איר וועט שוין זען — האָט ער אַ צופרידענער איבערגעחזרט — איך האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגן ליעווע.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז זיין חוש פאַר ליעווע געווען אַ ריכטיקער. די יידן זענען ממש געווען אויסגעהונגערט נאָך יידיש טעאַטער, ווייל זעלטן ווען איז אַ טרופּע אַהין אַריינגעפאָרן, פּשוט, ווייל דאָס שטעטל איז געלעגן ווייט פון אַ באַן, מיט שלעכטע וועגן און מ׳האָט באַדאַרפט צענדליקער וויאָרסט זיך „העצקען" אויף די בוידן, אָדער גאָר מיט פויע־רישע וועגעלעך, וואָס האָבן אַרויסגעטרייסלט די נשמה.

די בוידן וואָס די בעלי־עגלות האָבן אָנגערופן „פאַיעטאָנען", זענען געווען איינגעטיילט אין קלאַסן: ערשטע, צווייטע, דריטע און אַפילו פערטע קלאַס אויך... נאַטירלעך, האָט מען אין זעלבן „פאַיעטאָן" געצאָלט פאַר־שידענע פרייזן פאַר דער רייזע: די ערשטע קלאַס, איז געווען דער אויבנאָן, די מזרח־זייט, ווי, להבדיל, אין שול, דאָרט זענען געזעסן די „שיינע באַלעבאַטים", די מער־פאַרמעגלעכע, די מיוחסים, און דער בעל־עגלה פלעגט דאָרט גאַנץ אָפט „צונויפקוועטשן" ביז פיר פאַרשוינען, כאָטש עס איז געווען פלאַץ קוים פאַר דריי... דאָס האָט זיך אויך געווענדט לויט דער „ברייט" פון די פאַסאַזשירן. די צווייטע קלאַס האָט געהייסן: די „שפּיגל־וואַנט" (טאַקע אַזוי האָבן עס די בעלי־עגלות גערופן), וואָס קעגנ־איבער דעם אויבנאָן, די וואָס זענען געזעסן מיטן פּנים אויף צוריק, — דאָרט האָט דער בעג־עגלה אויך „אָשאָזעט" אַ דריי־פיר שטיק... פון

סאָניע איריס אַלס די גבירטע אין „שיך״ פון ב. רעסלער.

ביידע זייטן פאַיעטאָן זענען אויך געזעסן צו צווײ פאַרשוינען, זיי זענען שוין געזעסן מיט די פּנימער אינדערמיט. דאָס האָט געהייסן: דריטע קלאַס. און די צווײ וואָס זענען געזעסן אויף דער „קאָזלע", נעבן שמייסער, וואָס דער ווינט און רעגן האָט זיי געשמיסן אין פּנים, — דאָס איז געווען די פערטע קלאַס. דער באַגאַזש איז געווען צוגעבונדן פון אונטן און אויך ביי די זייטן.

אַזוי פלעגן די בעלי־עגלות „אָנדאַפּטשען" אַזעלכע פּערצן, פּופּצן פאַרשוינען, ווי ביי שלום־עליכמען: „ייִדן, ווייבער און קינדער, און אַ רבֿ, און אַ זעקל־מעל, און אַ חזן, און אַ ציג, און אַ גלח"... און די דאַרע אויס־געמוטשעטע פערדלעך האָבן געמוזט שלעפּן די שווערע בויד צענדליקער ווי‏אָרסט אין די געדיכטע ליימיק־קלעפּיקע בלאָטעס פון יענע שלעכטע וועגן...

ביי ייִדן איז פאַראַן אַ ווערטל: „ס'איז בלאָטע!". אויף אַ קעגנשטאַנד פון נישט־גרויסער וויכטיקייט, זאָגט מען: „ווייסיך, ס'איז בלאָטע!", אָבער די ליעווער בלאָטעס זענען שוין גאָרנישט קיין „בלאָטע"...

למשל, אין ליעווע זענען געווען עטלעכע רייכע פאַמיליעס, וואָס אייניקע פון זיי זענען באַשטאַנען פון צען־צוועלף מיטגלידער פון יעדער שטוב, וועלכע זענען עטלעכע מאָל אין וואָך געגאַנגען אין טעאַטער, און ווען אַזאַ משפחה, אָן עין־הרע, האָט געוואָלט גיין אין טעאַטער, האָבן זיי נישט געקאָנט גיין אַלע צוזאַמען, זיי האָבן געמוזט גיין צו צווײ, פאַר־לעכווייז, אויף „אויסצוצאָלן"... די שטוב האָט פאַרמאָגט צווײ פּאָר „באַ־טיקעס" (אַזעלכע טיפע, הויכע קאַלאָשן), האָבן בלויז צווײ מענטשן אָנ־געטאָן די „באַטיקעס" און די דינסט האָט געטראָגן אַ גרויסן ליידיקן קויש און זיי באַגלייט צום טעאַטער, בראָדזשענדיק ביז אין די קני אין בלאָטע. אין „טעאַטער" האָבן זיי אויסגעטאָן די „באַטיקעס", די שיקסע האָט זיי אַריינגעלייגט אין קויש און איז געגאַנגען אַ היים, ברענגען אַנ־דערע צווײ פון דער פאַמיליע און אַזוי אַרום איז די שיקסע געגאַנגען אַזעלכע פינף־זעקס מאָל... צוריק פון טעאַטער — אויך דאָס זעלבע... אַ

סך מאָל איז אויסגעקומען צו וואַרטן מיטן אָנהייבן די פאָרשטעלונג, ווייל עס האָבן נאָך געפעלט צוויי־דריי מענטשן פון דער משפחה...

אין ליעווע זענען געווען אַזעלכע בלאָטעס, אַז מען איז אַריין אין זיי, האָט מען שוין נישט געקענט אַרויס... און דערפאַר טאַקע פלעגן אַ סך טרופּעס אויסמיידן דאָס שטעטל און זייער זעלטן איז דאָרט געקומען אַ טרופּע, און דעריבער טאַקע איז קיין חידוש נישט געווען, וואָס די ליעווער ייִדן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן טעאַטער ווי הונגעריקע וועלף, זיי האָבן עס ממש געגעסן מיט ברויט. אַלץ איז דאָרט געווען פאַר זיי ניי... יעדע שמאַטע איז פאַר זיי געווען אַ סחורה, האָבן מיר טאַקע פאַר די פאָר חדשים וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט, געשפּילט ביי די ניינציק פּיעסן (!), ווייל אַ פּיעסע איז מער ווי איין מאָל נישט געגאַנגען. מיין שותף האָט נישט געוואָלט ריזיקירן מיט איבערחזרן אַ פּיעסע, סיידן אין אַ גאָר זעל־טענעם פאַל. און געשפּילט האָבן מיר יעדע נאַכט...

עס איז לייכט צו זאָגן שפּילן ביי די ניינציק פּיעסן און יעדע פּיעסע בלויז מיט איין (1) שלעכטע פּראָבע, דערצו ביי שווידערלעכע אַנטי־טעאַטער־אומשטענדן.

מיך פאַרזענלעך האָט עס זייער אַ סך געזונט געקאָסט. איך האָב טאַקע געזאָגט מיין שותף, אַז: „ייִדישע אַקטיאָרן זענען, אָדער די גרעסטע קרבנות, אָדער די גרעסטע חוצפּהניקעס! ביי וועלכן פאָלק אין דער וועלט — האָב איך געטענהט — קאָן גאָר געמאָלט זיין אַזאַ מין סאָרט באַציִונג צו טעאַטער? ווי איז דאָס מעגלעך, אַפילו פיזיש, צו שפּילן יעדע נאַכט אַן אַנדער פּיעסע, וועלכע איז פאַרן גרעסטן טייל פון דער טרופּע אומ־באַקאַנט"?...

ערשט דעמאָלט האָב איך זיך דערוווסט, וואָס פאַר אַ ריזיקע צאָל פּיעסן דאָס ייִדישע טעאַטער פאַרמאָגט. איך האָב מער־ווייניקער געוווסט, אַז דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי, טשעכאָוו, אַנדרייעוו און אַנדערע באַוווּסטע רוסישע דראַמאַטורגן, האָבן אין משך פון זייער לעבן אָנגעשריבן יעדער איינער פון זעקס ביז אַכט פּיעסן, און ביי אונדז האָט איין סיגעל, אין אַ צייט פון פופצן יאָר, אָנגעשריבן צוויי און אַכציק שטיק (!), וואָס זענען

געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע (זע ז. זילבערצווייגס לעקסיקאָן, צווייטער באַנד, זייט 1470—1477), חוץ אַ גרויסע צאָל פּיעסן וואָס זענען נישט געשפּילט געוואָרן... (אויסער דעם אַ פּאָר צענדליק סקעטשן און איינ־אַקטערס...). דאָס באַווייזט, אַז ער, (סיגעל אַליין) האָט אָנגעשריבן צוויי מאָל אַזוי פּיל פּיעסן וויפל צען רוסישע דראַמאַטורגן צוזאַמען... און דריי־פערטל פון סיגעלס רעפּערטואַר האָט פאַרמאָגט מיין שותף, חוץ פּיעסן פון פריימאַן, לאַטיינער, זאָלאָטאָרעווסקי, פּראָפעסאָר הורוויץ —פון גאָלד־פאַדענען איז דאָך שוין אָפּגערעדט— און מיר האָבן געמוזט „באַקן" יעדן טאָג אַן אַנדער פּיעסע פון זייער רעפּערטואַר.

די געשעפטן זענען געווען זייער גוטע, אַלץ איבער דער זעלבער סיבה: די הוצאות זענען געווען נישטיקע, דער סאַלאָן האָט געקאָסט אַ שיבוש, ווייל דעם באַלעבאָס מיטן שיינעם נאָמען „פּיניע פאַרד" האָט עס געלוינט. מיר האָבן דעם סאַלאָן גענוצט בלויז די פּאָר שעה ביינאַכט; פּראָבן האָט מען געמאַכט אָדער ביי מיר, אָדער ביי מיין שותף אין שטוב, — אַלץ הייסט פּראָבן!... די אַקטיאָרן האָבן זיך געזעצט ווו מ'האָט געקאָנט: אויף די פּאָר שטולן, אויפן קאַסטן, אויף די בעטן; דער סופלאָר האָט געזאָגט און מיר האָבן אים נאָכגעזאָגט... אַ גאַנצן טאָג איז אין דעם סאַלאָן געווען אַ ביליקער גוישער רעסטאָראַן מיט שמוציקע בענק און טישן, פאַרגאָסענע מיט פעטע מאכלים און עס האָט זיך שטענדיק געפילט אַ שאַרפער ריח פון וויין מיט געפּרעגלטע שטיקער חזיר מיט ציבעלע און קנאָבל, און דער דאָזיקער שיינער ריח האָט זיך געפילט אין שטוב, אין גאַס, אַפילו אין בעט... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיר שפּילן טעאַטער אין אַ גרויסער שמוציקער קיך און דאָס האָט מיר פאַרמיאוסט דאָס לעבן...

זייער אָפט האָבן די שיכורים וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג אָנגעפילט דעם סאַלאָן, זיך באַזעצט ביז שפּעט אין דער נאַכט און געזונגען מיט באַנומענע קולות. דאָס פּובליקום האָט זיך שוין אָנגעהויבן צונויפקומען אין טעאַטער און די שיכורים האָבן זיך געהייסן דערלאַנגען נאָך וויין. האָבן מיר פּראָטעסטירט צום באַלעבאָס, ער זאָל זיי מער נישט פאַרקויפן קיין וויין, האָט ער שוין קיין ברירה נישט געהאַט און זיי געמוזט געבן

דעם דרך. די גויִים האָבן זיך געזידלט מיט די געמיינסטע ווערטער, געשאָלטן אַלע זשידעס. מיט גרויסע שוועריקייטן האָט מען זיי קוים געפּטרט. „פּיניע פֿאַרך“ האָט אויף זייערע זידלערייען און באַליידיקונגען נישט רעאַגירט; פֿאַרקערט, ער האָט צו זיי גערעדט מיט גוטן, זיי געבעטן, געגלעט. פֿאָרט קלייענטן!...

איך האָב דאָס אַלץ צוגעקוקט, זיך געשעמט און זייער אַ סך געליטן, אַזוי אַז די גוטע געשעפֿטן האָבן מיך גאָרנישט באַפֿרידיקט און איך האָב אָנגעהויבן ערנסט צו טראַכטן ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען, ווי אַזוי אַרוסצוקריכן פֿון דער בלאָטע...

ליעווע איז געווען אַ טיפּיש יידיש שטעטל, מיט אַן אייגנאַרטיקער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין רוסיש און מיט דעם „פּראָסטן עולם“ קיין מגע־ומשא נישט געהאַט... אין דעם דאָזיקן שטעטל איז נישט געווען אַפֿילו קיין סימן פֿון וועלכער עס איז קולטור־טעטיקייט, אַפֿילו קיין ריכטיקע ביבליאָטעק איז דאָרט נישט געווען, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע ענלעכע בעסאַראַבער שטעטלעך, וואָס האָבן ממש געשפּרודלט מיט קולטור און געזעלשאַפֿטלעכקייט, כאָטש די רומענישע „סיגוראַנצאַ“ (זיכערקייטס־פּאָליציי) האָט יעדן איינעם גוט „אַרייַנגעקוקט אין קאָפּ אַריין“, אַז קיין טרפֿה־פּסול זאָל זיך נישט אַרייַנכאַפּן...

די „אינטעליגענציע“ פֿון שטעטל איז באַשטאַנען פֿון דאָקטאָר, אַפּטייקער, באַנק־דירעקטאָר, פֿאָטאָגראַף און נאָך עטלעכע פֿון די „בעסערע“ פֿאַמיליעס פֿון שטעטל. און טאַקע ביים פֿאָטאָגראַף אין שטוב איז געווען דער „סבאָרני־פּונקט“ (זאַמל־פּונקט). דאָרטן פֿלעגן זיי זיך אַלע טרעפֿן יעדן טאָג און אַרומרעדן אַלע שטאָט־ און וועלט־נייעס. מיין שותּף פֿלעגט אויך אַהין קומען אַ ביסל צו שמועסן. איך בין זעלטענער געגאַנגען און דאָס אויך אָן איבעריקן חשק, ווייל, ערשטנס, האָב איך נישט זייער שטאַרק ליב געהאַט אָט די געמאַכטע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן העכער פֿון אַלעמען און געבלאָזן פֿון זיך, און צווייטנס, בין איך נישט געגאַנגען אַהין איבער די טיפֿע בלאָטעס. מיין שותּף אָבער האָט נישט איבערגעקליבן: ער האָט אָנגעטאָן אַ פּאָר הויכע שטיוול און געגאַנגען ביז

איבער זיי אין דער בלאָטע. אויך פלעגן זיי אים געבן עצות וועלכע פּיעסן צו שפּילן, נאַטירלעך, אַלץ פון רוסישן רעפּערטואַר. און מיין שותף פלעג זיי אַלץ צוזאָגן... אַז אים איז סיי ווי געווען אַלצאיינס וואָס צו שפּילן, אַבי ס'זאָל ברענגען געלט...

איין מאָל האָט פּאַסירט אַן אויסערגעוויינלעכע פאַל, וואָס האָט שיעור דערפירט צו אַ גרויסן סקאַנדאַל צווישן מיר און מיין שותף, וואָס איך קאָן עס נישט פאַרגעסן ביז היינטיקן טאָג. די זאַך איז געווען אַזוי:

מיין שותף האָט באַדאַרפט אַריינפאָרן קיין בוקאַרעשט אויף אַ פּאָר טעג, כדי צו פאַרלענגערן זיין קאָנצעסיע און אויך דערליידיקן זיינע פּריוואַטע געשעפטן. זענען מיר אין אַן אָוונט, פאַר זיין אָפּפאָרן, געזעסן ביי מיין שותף אין שטוב און ער האָט באַדאַרפט באַשטימען דעם רעפּערטואַר פאַר די פּאָר טעג וואָס ער וועט פעלן. און ווי דער שטייגער איז געווען, האָבן אַלע געגעבן פאַרשידענע עצות. ער האָט קאַלטבלוטיק געראויכערט זיין ליולקע און דערציילט, אַז ער האָט זיך געטראָפן מיטן אַפּטייקער און פאָטאָגראַף, האָבן זיי אים געזאָגט, אַז ווען ער זאָל שפּילן די „האַרבסט־פידלען", גאַראַנטירן זיי אים פאַר צוויי אויספאַרקויפטע איינגאַמעס.

— איר האָט דען די פּיעסע? — האָב איך מיט אַ באַהאַלטענער אויפרעגונג אים געפרעגט.

— ניין!... אָבער איך בין זיכער, אַז איר האָט זי!

— פאַרוואָס זענט איר אַזוי זיכער?!

— וואָס הייסט? —האָט ער געזאָגט— עס איז דאָך אַ ליטעראַרישע פּיעסע.

ביי אים איז יעדע פּיעסע אין וועלכער עס איז נישט געווען קיין „געזעגנגע", „מערשע" און „טענצע" — געווען ליטעראַריש...

— ניין —האָב איך זיך פאַרענטפערט— נישט איך האָב זי, נישט איך קען זי, נישט איך האָב זי אין מיין לעבן געזען אַפילו...

פלוצים האָט איינער פון די אַנוועזנדע אַקטיאָרן געגעבן אַן עצה:

— מיר קאָנען שפּילן „דודס פידעלע" און זי אַנאָנסירן אַלס די „האַרבסט־פידלען"...

אַלע האָבן באַלד מסכים געווען; מיין שותף — אַוודאי.

איך האָב אָן אַ וואָרט צו זאָגן זיך אויפגעהויבן פון בענקל און זיך געלאָזט צו דער טיר אין גרויס אויפרעגונג.

מיין שותף האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג און מיך באַרויִקט, אַז מ׳קאָן סיי ווי נישט שפּילן „דודס פידעלע", ווייל ער פאָרט אַוועק און די פראַגע פון די „האַרבסט־פידלען" איז דערמיט פאַרענדיקט געוואָרן.

נאָך דער לעצטער געשעעניש, האָט ער שוין נישט געפרעגט קיין עצות און אַליין באַשטימט דעם רעפּערטואַר פאַר די טעג וואָס ער וועט פעלן: מיטוואָך — „דער שמש אין קימפּעט"; דאָנערשטיק — „וועלוול עסט קאָמפּאָט" און פרייטיק, ווען ער וועט צוריקקומען — „גאָט פון נקמה".

אַלס שותף האָב איך נישט געטאָרט רעאַגירן קעגן דעם אויסוואַל פון די פּיעסן, פאַרקערט, איך האָב נאָך געמוזט מאַכן אַן אָנשטעל פון צופרידנקייט צו דעם „בייזן שפּיל". אָבער דאָס איז געווען קעגן מיין כאַ־ראַקטער און ווי איך האָב זיך געסטאַרעט צו באַהאַלטן מיין אויפרעגונג, האָט מען פאָרט אין מיר דערקענט די אינערלעכע אומצופרידנקייט. איך האָב שוין געזען וואָס פאַר אַ סאָרט „גאָט פון נקמה" מ׳וועט דאָס „דער־לאַנגען", — אָבער איך האָב גאָרנישט געקאָנט מאַכן. מיין שותף האָט דאָך מיר געוואָלט צוליב־טון און שפּילן אַ „ליטעראַרישע פּיעסע" (כאָטש אין דער אמתן האָב ער אַליין זיך געוואָלט אַ ביסל „דורכגיין" —ווי מ׳זאָגט אויפן אַקטיאָרישן לשון,— אין דער ראָל פון יאַנקל שאַפּשאָוויטש...). האָב איך געטראַכט: זאָל עס גיין ווי עס גייט, אָבער דעם „וועלוולען" האָב איך כאָטש געוואָלט „אָפּשרייען": כ׳האָב געטענהט צו מיין שותף, אַז עס איז אַ חילול־השם, ביי דער איצטיקער צייט צו שפּילן אַזעלכע „ווערק"! איך האָב געפרעגט די אַקטיאָרן, ווי זיי מיאוסן זיך נישט צוצו־רירן צו אַזעלכע פּיעסן און זיי געגעבן אָנצוהערן, פאַרוואָס זיי פּראָטעס־טירן נישט צו זייערע דירעקטאָרן וואָס צווינגען זיי צו שפּילן אַזאַ פּאַס־קודסטווע! זיי, די טרעגער פון קולטור, די פאָרשטייער פון טעאַטער־קונסט!... אָבער ווייס איך וואָס! כמעט אַלע האָבן מיך באַטראַכט מיט אַ

שמייכל פול מיט חוזק און מיט בליקן פון איראָניע. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, אין צימער האָט געהערשט אַ טויט־שטיל־קייט. איך האָב זיך געפילט געטראָפן פון זייער גלייכגילטיקייט, פון זייערע בליקן בלויז... כ׳האָב געזען, אַז זיי האַלטן מיך ענטוועדער: ווי אַ משוגענעם אָדער גלאַט ווי אַ שונא וואָס וויל רוינירן דאָס געשעפט...

מיין שותפס ווייב האָט געוואָלט פאַרגלעטן דעם עסק און אָנגעוויזן, אַז איך זאָל נאָר וועלן, בין איך אימשטאַנד צו מאַכן פון וועלוולען אַ טראַגישע געשטאַלט, אַ ליטעראַרישע פיגור...

— וואָס רעדט איר, ליבע פרוי? — האָב איך שוין געלאַסענער געענטפערט — עס איז דאָך אַ קוואַטש, אַ מיאוסע זאַך! נישטאָ שוין קיין אַנדערע פּיעסן? — וואָס עפּעס „וועלוול עסט קאָמפּאָט״?

— ווייל קיינער וועט נישט קאָנען עסן קאָמפּאָט אַזוי ווי איר — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ קאָמפּלימענט...

ווילנדיק, נישט־ווילנדיק, האָב איך געמוזט קאַפּיטולירן. און דער סוף איז געווען, אַז די צוויי פאָרשטעלונגען האָבן אין וואָכעדיקע טעג געבראַכט כמעט פולע טעאַטערס און דער עולם האָט ממש געלעקט די פינגער, — אַזוי איז דאָס „שטיק״ געפעלן געוואָרן... עפּעס אַ קלייניקייט אַזעלכע צוויי נעמען: „דער שמש אין קימפּעט״ און „וועלוול עסט קאָמפּאָט״...

איך בין נאָכאַמאָל דורכגעפאַלן.

פאַר די פאָר טעג וואָס מיין שותף איז אַוועקגעפאָרן האָט דער פּראָסט „געבראָכן״, דער שניי געלאָזט און ס׳איז געוואָרן אַ קוואַטש און נאָך אַ גרעסערע בלאָטע און עס איז געוואָרן אוממעגלעך נישט נאָר אַרויסצוגיין אין גאַס, נאָר אַפילו אריבערגיין דעם הויף, פון דער שטוב צום טעאַטער. און דאָס האָט מיך אַ ביסל געשראָקן און אַרויסגערופן פאַרשידענע געדאַנקען. עפּעס האָב איך געהאַט אַ מאָדנעם פאָרגעפיל, אַז קיין גוטס וועט דאָס נישט ברענגען.

געוויינלעך פלעגן די בוידן זיך אומקערן פון הוש אַ זייגער פיר־פינף נאָכמיטאָג. דאָס איז געווען ביי אַ נאָרמאַלן וועטער. נאָר אין די לעצטע

פּאָר טעג האָבן זיי איבער די פאַרפּלייצונגען פּאַרשפּעקטיקט אויף עטלעכע שעה. און אַזוי ווי מיר האָבן פּרייטיק באַדאַרפט שפּילן „גאָט פון נקמה" מיט מיין שותף אין דער הויפּטראָל, און דער עולם האָט שוין פון גאַנץ פרי אָנגעהויבן „אָפּצושלאָגן" די טירן נאָך בילעטן, און ביז מיטאָג זענען שוין כמעט אַלע בילעטן געווען אויספאַרקויפט, האָב איך געקלערט: אויב די בוידן זאָלן פאַרשפּעטיקן אַפילו אויף זעקס שעה און מיין שותף זאָל אַריינקומען אַ זייגער עלף, קאָן ער נאָך אַלץ באַווייזן צושפּילן. צום אומגליק אָבער האָט פּרייטיק דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג אָנגעהויבן צו גיסן אַ שלאַקס־רעגן, פון יענע ערב־פּסחדיקע רעגנס, וואָס האָבן אָנ־געהאַלטן עטלעכע שעה. האָב איך שוין אָנגעהויבן צו צווייפלען צו מיין שותף וועט בכלל קאָנען די נאַכט אַריינקומען... מיין שותפס ווייב האָט אויך געטראַכט דאָס זעלבע, אָבער זי האָט אַפילו מורא געהאַט צו דער־לאָזן צו אַזאַ געדאַנק.

די טרופּע האָט ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען ביי מיין שותף אין שטוב און יעדער איז געקומען מיט אַן אַנדער פּזמון, אַז דער וועג איז אויסערגעוויינלעך שלעכט, אַז דער פּרוט איז אַרויס פון די ברעג־געס און פאַרגאָסן די גאַנצע געגנט... אַז אַ וואָגן איז נעבן זייער שטוב פאַרזונקען געוואָרן... און נאָך אַזעלכע ענלעכע מעשיות.

נאַטירלעך, האָט מען שוין דעם אָוונט קיין וויצן נישט דערציילט און קיין לידער נישט געזונגען. אַלץ איז געווען פאַרדאגהט, די קינדער זענען געווען פאַרטרויערט, דאָס ווייב פאַרצווייפלט. די לאַגע איז געווען זייער אַן ערנסטע. וואָס טוט מען? אַ זייגער ניין איז אַריינגעקומען פּיניע פאַרך מיט דער גוטער בשורה, אַז ער האָט געהאַט אַ ידיעה פון די פּויערים, אַז די בוידן וועלן היינטיקע נאַכט נישט קאָנען אַריינקומען. עס איז געוואָרן אַ יללה פון די קינדער, אַז מען האָט זיי גאָרנישט געקאָנט באַרויקן. זיי איז נישט געגאַנגען וועגן דער פאָרשטעלונג, נאָר וואָס דער טאַטע וועט בלייבן אין פעלד אין אַזאַ שרעקלעכער נאַכט.

איצט איז געבליבן די פראַגע וואָס צו טון. עס פעלן קנאַפּע צוויי שעה צו דער פאָרשטעלונג, די בילעטן זענען אַלע אויספאַרקויפט. און

וואָס טוט מען?! אַלע בליקן זענען געווענדט צו מיר. קיינער וואָגט נישט אַרויסצורעדן אַ וואָרט. איך האָב באַדאַרפט דעצידירן. איך בין געווען אַזוי אומבאַהאָלפן, אַז איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טון. האָב איך גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, אַ זאָג געטון:

— וואָס טוט מען?...

— יאָ! וואָס טוט מען טאַקע? — האָט מיין שותפס ווייב גלייך צו מיר זיך געווענדט.

— וואָס איז דאָ צו טון? —האָב איך נישט דרייסט געענטפערט— איר זעט דאָך, אַז עס איז אַן אומגליק... נו... וועלן מיר מוזן בייטן די פּיעסע... וועלן מיר שפּילן נאָכאַמאָל... „וועלוול“...

אַלע זענען מיך באַפאַלן:

— וואָס רעדט איר! —האָט מיין שותפס ווייב זיך געבייזערט— עס איז דאָך דער זעלבער עולם! ערשט נעכטן געשפּילט די פּיעסע!

— נו, איז אַן אַנדער פּיעסע —האָב איך געזאָגט— מיר וועלן אַנאָנסירן פאַרן פּובליקום, אַז עס איז געשען אַזאַ פאַל און זיי וועלן זיכער...

מ'האָט מיך נישט געלאָזט ענדיקן; אַלע האָבן זיך געטומלט. מיין שותפס ווייב האָט מיט איין געשריי אַלעמען איינגעשטילט:

— שאַט! זאָל זיין שטיל, צו אַלדי גוטע יאָר! בייטן די פּיעסע וועט הייסן אָפּנאַרן דעם עולם און מיר זענען דערצו נישט געוווינט. מיר וועלן פאַרלירן דעם צוטרוי און מיר מעגן זיך שוין היינטיקע נאַכט איינפּאַקן!... פאַרגעסט נישט, אַז דאָס טעאַטער איז אויספאַרקויפט, עס וועלן הייַנט זיין אַלע „בעסערע“ מענטשן, ווי מעגן מיר אַפילו טראַכטן פון בייטן די פּיעסע?!

— וואָס דען זאָלן מיר טון? — האָב איך אין פאַרצווייפלונג אויסגערופן.

— מיר מוזן הייַנט שפּילן „גאָט פון נקמה“ — האָט זי קאַטעגאָריש געזאָגט.

— וואָס הייסט „גאָט פון נקמה“? ווי אַזוי? און ווער וועט שפּילן יאַנקל שאַפּשאָוויטש?! — האָב איך שוין געשריגן.

אַט אַזוי האָט מען געשפּילט טעאַטער

שמואל איריס אין דער פּיעסע „דער נדר".

— איר! — האָט זי נאָך העכער געשריגן, אָנווייזנדיק מיטן פינגער גלייך מיר אין נאָז אַריין.

כ'בין געבליבן אָן לשון. אויף דעם האָב איך זיך נישט גערעכנט. כ'האָב נישט געוווּסט וואָס צו טון און ווי צו רעאַגירן. כ'האָב זיך אויפגעהויבן פון שטול און זיך באַלד צוריק אַוועקגעזעצט. ענדלעך האָב איך — אַנשטאָט צו ענטפערן — אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין, אַ געוויין מיט אַ כליפּעריי וואָס איז געקומען פון אַ פאַרביטערטן אָנגעווייטיקטן מענטשן..

מיין שותפס ווייב האָט מיך געוואָלט באַרויִקן, מיך געמונטערט, גע־גלעט איבערן קאָפּ, דערנאָך האָט זי געגעבן אַ ווונק צו אַלעמען, זיי זאָלן פאַרלאָזן דאָס צימער.

די אַקטיאָרן האָבן פאַרשטאַנען און זענען אַרויסגעגאַנגען. ווען מיר זענען געבליבן אין צווייען האָט זי מיר גענומען געבן אַ פּאָרציע מוסר: אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ מאַן אַזוי זיך צו צעיאַכמערן, איבערהויפּט פאַר אַ שותף! און ווען איר מאַן איז נישטאָ, דאַרף איך אים פאַרטרעטן ווי אַ באַלעבאָס, נישט ווי אַ יינגל, זאָל איך איר מוחל זיין!...

איר רעדט זיך אַזוי גרינג וועגן שפּילן אַן אַנדער פּיעסע? —האָט זי אין מיר אַריינגעטענהט— וואָס וועט דערויף זאָגן מיין מאַן? ניין ליבער פריינט, נישט אַזוי פירט מען אַ געשעפט. איר מוזט אייער שותף פאַר־טרעטן אין זיין אָפּוועזנהייט אין אַלע הינזיכטן, סיי אין געשעפט, סיי אויף דער בינע... טעאַטער טאָר זיך נישט אָפּשטעלן!...

כ'האָב איר געפּרוּווט געבן צו פאַרשטיין אַז איך בין נישט צוגע־פּאַסט צו דער דאָזיקער ראָל:

— דאָס פּובליקום וועט דאָך מאַכן פון מיר דעם גרעסטן חוזק!... ווי קום איך מיט מיין פיגור צו שפּילן אַזאַ ראָל ווי „יאַנקל שאַפּשאָוויטש"? איך וועל דאָך אויסזען ווי אַ קעצל...

זי איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען, כסדר אַריינגערעדט אין מיר, אַז עס וועט זיין גוט; מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ'קען נישט צעברעכן קיין געשעפט צוליב מיינע קאַפּריזן.

איך האָב איינגעזען, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט איז זי גערעכט, האָב

איך געמוזט ברעכן מיין עקשנות און גיין צו דער שחיטה... אַ ברירה האָב איך געהאַט?

זי האָט אַריינגערופן די טרופּע און זיי געהייסן זיך גיין אָנטאָן צו דער פאָרשטעלונג. איך האָב אַלץ געזוכט אַ מיטל ווי זיך צו ראַטעווען. כ׳האָב יעדן איינעם געפרעגט ווער פון זיי איז אַ געשפּילטער. אַלע האָבן געקנייטשט מיט די פּלייצעס. כ׳האָב זיך פאַרקלאָגט פאַר זיי:

— ווי איז מיר! אַ שעה פאַר דער פאָרשטעלונג צו גיין שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָל! איך קאָן דאָך נישט אַ וואָרט!...

— וועסט זיך שוין אָן עצה געבן! — האָט מיין ווייב מיר געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן.

איינער פון דער טרופּע, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גוטער סופליאָר און איצט אַ שלעכטער אַקטיאָר, האָט מיר פאַרגעלייגט, אַז ער אַליין וועט אַריינגיין אין „קאַסטן״ און מיר סופלירן. איך האָב אים געדאַנקט, און דעם אמת געזאָגט, האָט ער מיך „געהאַלטן״ ווי עס באַדאַרף צו זיין.

כ׳האָב זיך ווי עס איז אָנגעגרימירט און מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעני־ש בין איך אַרויף אויף דער בינע און האָב „געשפּילט״. נאָכן ערשטן אַקט האָב איך זיך געשעמט די אַקטיאָרן צו קוקן אין פּנים אַריין, כאָטש זיי האָבן מיר געמאַכט טויזנטער קאָמפּלימענטן... כ׳האָב געלאַכט מיט גאַל; כ׳האָב געוווּסט, אַז זיי נעמען מיך אויפן זיכער.

צום לעצטן אַקט איז אָנגעקומען מיין שותף. מיר האָבן אים קוים דערקענט, — אַזוי פאַרשמירט און פאַרבלאָטיקט איז ער געווען פון קאָפּ ביז די פיס, ווייל ער האָט עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד געריטן אויף אַ פערד צוזאַמען מיטן בעל־עגלה, וועלכער איז געקומען נעמען אַנדערע פערד אויף אַרויסצושלעפּן דעם פאַיעטאָן מיט די פאַרשוינענע, וואָס איז געווען פאַר־זונקען אין בלאָטע ביז איבער די רעדער. ער האָט גוטמוטיק געלאַכט ווען ער האָט מיך דערזען, מיר געקלאַפּט גוט־ברודעריש אין פּלייצע און מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז איך זע אויס זייער גוט...

אויך ער האָט מיך גענומען אויפן זיכער...

אויפן צווייטן פרימאָרגן האָבן מיר זיך געטראָפן ביים פאָטאָגראַף

אין שטוב מיט דער גאַנצער „אינטעליגענציע״. מ׳האָט גערעדט פאַרשיי־דענע זאַכן, וועגן דער נעכטיקער פאָרשטעלונג האָט מען אַפילו מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט. איך בין געווען צופרידן, ווייל געוויינלעך פלעגט מען דאָרט נאָך יעדער פאָרשטעלונג דיסקוטירן, דערמאָנען די וויצן, די לידלעך און דאָ — שאַ שטיל! נאָר ביים געזעגענען זיך האָט דער דאָקטער מיך פלוצים אַ פרעג געטון, ווי איך פיל זיך נאָך דער נעכטיקער פאָרשטעלונג?.. איך האָב דערפילט, אַז איך הייב אָן רויט צו ווערן און נאָך אַ ווײַלע אים געענטפערט: „זייער פיין!״ און פלוצים האָט ער מיך ווידער אַ פרעג געטון צי איך האָב שוין אַמאָל געשפילט די ראָלע פון יאַנקל שאַפּשאָוויטש? איך האָב זיך אַ ביסל געקווענקלט און אים געזאָגט דעם אמת, אַז עס איז דאָס ערשטע מאָל. האָט ער זיך אַנטשולדיקט און אויף זייער אַ קאָרעקטן אופן מיך געבעטן, אַז איך זאָל די ראָל מער נישט שפּילן...

— די ראָל איז נישט פאַר אייך!... איר זענט אַ „קאָמיק״ און איר דאַרפט שפילן „קאָמיטשעסקע״ ראָלן, איר פאַרשטייט?... זאָגט איר מיר צו? — האָט ער איבערגעחזרט.

— יאָ, הער דאָקטער! איך פאַרזיכער אייך, אַז מער וועל איך די דאָזיקע ראָלע נישט שפּילן! — האָב איך געענטפערט, דריקנדיק זיין האַנט.

מ׳האָט נאָך גערעדט פאַרשידענע זאַכן, וואָס איך האָב שוין נישט געהערט און קיין אָנטייל גענומען. מיין מוח איז געווען פאַרנומען מיט פאַרשידענע געדאַנקען און טראַכטענישן. כ׳האָב זיך אין דעם מאָמענט פונקט דערמאָנט אַן עפּיזאָד וואָס האָט פּאַסירט מיט אַן אַלטן אַקטיאָר, פון וועלכן איך בין גראָד געווען אַן עדות.

— —

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בין איך געווען מיט אַ טרופּע אין גאַלאַץ (רומעניע) און דאָרט געשפּילט טעאַטער. אין דער זעלביקער שטאָט האָט געלעבט אַן אַלטער יידישער אַקטיאָר, מיטן נאָמען: מעכעלע גליקמאַן („דער קליינער מעכעלע״) ,וואָס האָט שוין לאַנג קיין טעאַטער נישט געשפּילט, נאָר געאַרבעט ביי בערשטלעך, דאָס הייסט, כדי צו ציִען חיונה איז ער

אויף דער עלטער געוואָרן אַ בערשטלמאַכער, כאָטש ער איז שוין געווען אַ זקן פון אַזעלכע זעקס־זיבן און זיבעציק יאָר... נישט געקוקט אויף זיין עלטער איז ער נאָך געווען — ווי ער האָט אַליין געזאָגט — אַ „קרעפּקע" יידל, פון אַ זייער קליינעם וווקס, מיט אַ ברייטער געשטופּלטער נאָז און מיט אַ פּנים פון פּאַרמעט־הויט. מיט זיין קליינער פיגור און ברייטער נאָז האָט ער אויסגעזען זייער קאָמיש, — אגב, האָט ער טאַקע געשפּילט קאָמישע ראָלן — ער פלעגט אָפט קומען צו אונדז אויף פּראָבן, דערציילן עטלעכע וויצן און בעטן מ'זאָל אים צאָלן אַ שנאַפּס, וואָס מיר האָבן גערן געטון. און בראָנפן האָט ער געקאָנט אויסטרינקען אַ ים. ווען מ'האָט אים פאַרגעלייגט צו טרינקען אַ גלאָז טיי, אָדער מילך, האָט ער זיך אויסגעלאַכט:

— טיי און מילך זענען פאַר אַלטע לייט; איך בין אַ יונגערמאַנטשיק, — טרינק איך נאָר בראָנפן אָדער וויין...

וועגן דעם אופן פון זיין שפּילן טעאַטער פלעגט מען דערציילן פיל קוריאָזן, אין וועלכע איך האָב שפּעטער זיך אַליין איבערצייגט.

דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט ער געשפּילט אינגאַנצן אין עטלעכע געציילטע ראָלן, דאָס איז געווען: „די באָבע יאַכנע", „שמענדריק", „אַל־טערוניו" (אין „דודס פידעלע") און „חנוך" (אין „אשה רעה"). קיין נייע ראָלן האָט ער נישט געלערנט... און זייענדיק אין אַ טרופּע האָט ער געהאַט גענוג פרייע צייט — מ'האָט דאָך נישט געשפּילט יעדן טאָג „דודס פידעלע" אָדער „שמענדריק" — אַרומצוגיין איבער די קרעטשמעס און זוכן מ'זאָל אים צאָלן אַ שנאַפּס... (ער איז טאַקע שפּעטער געשטאָרבן פון אַ כראָנישער מאָגן־קראַנקייט, וואָס איז אים געקומען פון צופיל טרינקען).

איינע פון זיינע באַליבטע ראָלן איז געווען „חנוך" אין „אשה רעה". דאָרט האָט ער געהאַט אומגעפער אַזאַ פראַזע: „האָט זי אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער, — האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ געוויין".

האָט ער די פראַזע אַזוי געזאָגט:

„האָט זי אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער: בו..הו..הו..הו..."

„האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ געוויין — כאַ, כאַ, כאַ, כאַ..."

דאָס הייסט, אַלץ קאַפּויער... ביים וויינען געלאַכט און ביים לאַכן געוויינט... אַלץ פאַרקערט, קאָמיש. אַזוי האָט ער געשפּילט זיינע ראָלן.

מ׳דערציילט אַפילו, אַז אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, ווען ער איז געלעגן אין אַ שפּיטאָל אין בראַזילאַ, האָט ער זיך איבערגעדרייט מיטן הינטן צו די דאָקטוירים און אַ זאָג געטון: „נו, איצט קאָנט איר מיר שוין...״ און אויסגעהויכט די נשמה. (זע: „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, זייט 488).

גראָד אין דער צייט, ווען מיר האָבן געשפּילט אין גאַלאַץ איז מעכעלע אין איין טאָג געקומען צו אונדז, באַשר, אַזוי ווי ער האָט גע־הערט, אַז מיר דאַרפן אַריינפאָרן אויף עטלעכע פאַרשטעלונגען קיין בראַילאָ, און אַזוי ווי ער איז פונקט אַלט געוואָרן זיבן יאָר... (דאָס הייסט: זיבן־און־זיבעציק), פאַרלאַנגט ער, אַז מיר זאָלן אים מיטנעמען און ער וועט זיך „דורכגיין״ אין איינע פון זיינע ראָלן! דאָס הייסט פּשוט: ער וויל שפּילן טעאַטער...

מיר האָבן אויסגעבייטלט חלומות, אָבער ער איז באַשטאַנען אויף זיינס, אַז מען טאָר נישט פאַרשעמען אַן אַלטן אַקטיאָר! און ווידער דאָס זעלבע: ער איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר, מוז ער כאָטש איין מאָל פאַר זיין טויט שפּילן... אויב נישט וועט ער דאָ אויפן אָרט שוין שטאַרבן! און דערביי זיך ביטער צעוויינט...

מיר האָבן געזען, אַז די זאַך ווערט ערנסט, חוץ דעם האָט אונדז פּשוט געריסן ביים האַרץ צוצוקוקן ווי אַ זקן, אַן אַקטיאָר וויינט, — האָבן מיר קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און אים געמוזט צוליב־טון.

צו זיין גדולה איז קיין גלייכן נישט געווען. מיר האָבן געמוזט מיט אים גיין אין קרעטשמע און מאַכן אַ שנאַפּס אויף זיין חשבון. נאָך די ערשטע פּאָר כוסות האָט ער אונדז אַלעמען געקושט און זיך צערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער:

— קינדערלעך! —האָט ער געשריגן מיטן פלעשל אין האַנט— דער־פאַר וואָס איר האָט מיר צוליב־געטון, זאָלט איר אַלע האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן ווו די בערן ק... (אַ מיאוס וואָרט).

אט אזוי האָט מען געשפּילט טעאַטער

אין דער פּיעסע וואָס מיר האָבן געשפּילט האָט מען געגעבן מעכעלען אַ ראָל פון אַ „בוף־קאָמיקער“, דאָס מיינט, אַן עלעגאַנטער יונגערמאַנטשיק, אַ זינגער, אַ טענצער, — אָבער ער האָט געמאַכט פון דער ראָל גאָר עפּעס אַנדערש. ערשטנס, האָט ער אין דער ראָל אַפילו נישט אַריינגעקוקט —אַ תּירוץ: ער האָט פאַרגעסן די ברילן...— נאָר ער האָט גערעדט די פּראָזע פון „שמענדריק“, „אַלטערוניו“, „חנוך“, אָבער נישט פון דער פּיעסע וואָס מיר האָבן געשפּילט; צווייטנס, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטע, שיך און זאָקן, אַ קליין קאַפּעליושל מיט לאַנגע פּיאות... (כאָטש ער האָט באַדאַרפט שפּילן אַ מאָדערנעם וועלטלעכן בחור), האָט זיך אָנגערויט דאָס אַלטע פאַרמעטנע פּנים, געהאַלטן דער מאַמען ביים פאַרטוך און פלוצים, אומגעריכט פאַר יעדן, איז פאָרגעקומען אַזאַ סצענע: ער האָט געגעבן אַ געשריי:

ער: „מאַמע! איך וויל קאַאַאַ“... (לאַנג געצויגן)
די מאַמע: „וואָס ווילסטו?“
ער: „איך וויל קאַאַאַ“...
די מאַמע: „וואָס ווילסטו, מיין קינד?“
ער: „איך וויל קאַאַ...טשקעוואַלי!“ (אַזאַ רומענישער קעז)
אין אַ מינוט אַרום:
ער: „מאַמע! איך וויל פּי...“ (לאַנג געצויגן)
די מאַמע: „וואָס ווילסטו ווידער?“
ער: „איך וויל פּי...טער מיט ברויט“...
און אַזוי כּסדר...

פונדעסטוועגן איז אויפן צווייטן טאָג דערשינען אַ קריטיק אין אַ דאָרטיקער רומענישער צייטונג, אַז דער יונגער אַקטיאָר וואָס האָט געשפּילט דעם „שמענדריק“, האָט ביי דער יידישער בינע אַ גלענצנדע צוקונפט...

— —

— קומט, איר גייט? — האָט מיין שותף מיך אויפגעוועקט פון מיינע מחשבות.

איך בין אַרויס אין גאַס צוזאַמען מיט מיין שותף. ער איז געווען אויפגעלייגט; איך — פאַרקערט. איך האָב זיך געפילט ווי אַ פאַרשולדיק־טער, אַ פאַרשעמטער. דער לעצטער „קאָמפּלימענט" פון דאָקטער האָט מיך פּריטשמעליעט... איך בין דערצו נישט געווען געוווינט! מיין שותף איז געגאַנגען הינטער מיר און צו מיר עפּעס גערעדט, איך האָב אָבער נישט געהערט, ווייל אין מיין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט פאַרשידענע געדאַנ־קען.

פּלוצים האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל:

—איך רעד דאָך צו אייך! וואָס זענט איר אַזוי צעדרייט?

איך בין געבליבן שטיין, אים אָנגעקוקט אַ ווײַלע, נישט פאַרשטאַנען אַפילו וואָס ער זאָגט מיר. איך האָב זיך האַסטיק אויסגעדרייט, געמאַכט דעם ערשטן שפּאַן און זיך אַראָפּגעגליטש פון אַ גרויסן שטיין וואָס איז געלעגן אויף דער סטעזשקע און בין אַריין מיט ביידע פיס ביז איבער די קני אין בלאָטע. מיין שותף האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט, בכדי מיר צו העלפן, האָבן איך זי אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, האָט ער מיר געוואָלט געבן די צווייטע האַנט, איז אים דערווייל אַרויסגעפאַלן די ליולקע, האָט ער זי געוואָלט אויפהייבן, האָב איך אים געגעבן אַ שטאַרקן ציִ, איז ער אַריין גלייך מיט מיר אין דער געדיכטער בלאָטע...

נישט־ווילנדיק האָבן מיר זיך ביידע צעלאַכט פון דער קאָמישער סיטואַציע אין וועלכער מיר האָבן זיך ביידע געפונען: די דירעקטאָרן פון יידישן טעאַטער זענען געשטאַנען ביז איבער די קני אין בלאָטע...

— איר זעט ווי טיף אין בלאָטע דאָס יידישע טעאַטער איז געזונקען?

— האָב איך זיך געוויצלט.

— אָבער זעט נאָר אין וואָס פאַר אַ בלאָטע איר האָט מיך אַריינ־געשלעפּט — האָט מיין שותף זיך באַקלאָגט.

— איך האָב אייך באַצאָלט אַ חוב!...

מיין שותף האָט, ווייזט אויס, דעם שטאָך נישט פאַרשטאַנען, און אפשר האָט ער זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק...

— נו, מילא, דאָס איז בלאָטע, אָבער... ווי אַזוי קריכט מען אַרויס פון דאַנען? — האָט ער געזאָגט.

— איר זענט דאָך אַ מענטש מיט אַ סך געדולד, וואָס האָט איר קיין צייט נישט? עס ברענט?... — האָב איך זיך געוויצלט, אַרומקוקנדיק זיך פון אַלע זייטן...

אונדזער גליק איז געווען, וואָס אַ שכן האָט אונדז דערלאַנגט אַ לאַנגן שטעקן און מיט דער הילף פון נאָך אַ פּאָר שכנים אונדז איינציקווייז אַרויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע.

אַהיימקומענדיק האָב איך שוין קיין מיטאָג נישט געקאָנט עסן. ווידער געדאַנקען און אָבער געדאַנקען. איין זאַך: נאַר אַנטלויפן! און וואָס שנעלער! איך האָב געזען, אַז וואָס לענגער איך וועל בלייבן אין געשעפט, אַלץ מער חוזק וועל איך פון זיך מאַכן. איך בין ווידער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרביטער־טער כסדר, אַ נערוועזער, צו קיינעם קיין גלייך וואָרט נישט אויסגערעדט. און דאָך האָב איך נישט געקאָנט דעצידירן וואָס צו טון. פון איין זייט די אומשטענדן, פון דער צווייטער — די פריינטלעכע באַציִונג צו מיר און די פאַרערונג וואָס מיין שותף מיט זיין פאַמיליע האָבן מיר אַרויסגעוויזן, —כאָטש איך האָב זיי אַ סך מאָל פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש— האָט מיך געהאַלטן ווי אין תפיסה. און אַזוי האָב איך נאָך געגנוג לאַנגע חדשים אַרומגעוואַנדערט מיט דער טרופּע איבער די פאַרוואָרפנסטע קליינע שטעט־לעך פון רומעניע, בעסאַראַביע און בוקאָווינע, אָפּגעריסן פון יעדער קול־טור און ציוויליזאַציע, ווו איך האָב פאַר דער גאַנצער צייט כמעט קיין עלעקטריש לעמפּל נישט אָנגעזען און געשפּילט טעאַטער.

ערגער איז געוואָרן שפּעטער, ווען מיין שותפס צוויי חנעוודיקע טעכ־טער האָבן אָנגעהויבן אונטערוואַקסן און זענען געוואָרן אַקטריסעס; די משפחה האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרגרעסערן, עס איז צוגעקומען אַן איי־דעם פּאַר דער עלטערער טאָכטער און דאָס געשעפט איז ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משפחה־טעאַטער. די ראָלן האָבן געמוזט פאַר־

טיילט ווערן בלויז צווישן אייגענע, צו זיי זענען געווען פּאַסיק פאַר די די ראָלן צו נישט, זיי האָבן געמוזט אין יעדער פיעסע שפּילן און קיין פּרעמדע האָט מען שוין נישט צוגעלאָזט, ווי דאָס איז געווען גאַנץ נאַ־טירלעך. מיר האָבן שוין אַפּילו אָנגעהויבן צו שפּילן מער מאָדערנע פּיעסן, אָבער דער אַלטער שימל פון דער „שווערערס אַרטילעריע" האָט זיך אַלץ נאָכגעשלעפּט און ערשט דעמאָלט האָט מען געזען דעם גייסטיקן דלות, וועלכן אייניקע פון דער משפּחה האָבן געהאַלטן פאַר אַ געוויסן שטאָלץ...

די יונגסטע טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן, מיט אַ קליין שטי־מעלע, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, האָט אָנגעהויבן שפּילן די „פּרימאַדאָנעס" און דערמיט באַזייטיקט פון דער טרופּע אַ זייער פעיִקע אַקטריסע מיט אַ פיינער שטימע; מיט איר איז אויך אַוועק דער „ליבהאבער" פון דער טרופּע, ווייל דער נייער אידעם — ווייט נישט צו־געפּאַסט פאַר אַזעלכע ראָלן — האָט אים געדאַרפט פאַרטרעטן...

די משפּחה האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן פאַר זיך דעם גאַנצן כבוד, מיטן גאַנצן געלט... מיר אַליין האָט עס שוין אויך אָנגעהויבן אָנרירן מאַטעריעל. די פאַרדינסטן זענען שוין געוואָרן קלענערע, ווייל דער אידעם איז געוואָרן אַ דריטער שותף... אויסער דעם האָב איך געזען, אַז היינט־מאָרגן וועט אונטערקומען אַ חתן פאַר דער קלענערער, וואָס וועט זיין אויף מיין „אַמבלואַ" (זשאַנר) און אַזעלכן האָבן זיי טאַקע געזוכט, — וועט מען מיר אַליין אויך געבן דעם דרך...

איינזעענדיק, אַז פאַר מיר וועט דאָס געשעפט קיין גוטס נישט ברענ־גען, סיי קינסטלעריש, סיי מאַטעריעל, האָב איך באַשלאָסן דעפיניטיוו אַן ענדע צו מאַכן — אַנטלויפן!...

ס י ג ו ר א נ צ א

(זיכערקייט - פּאָליצײ)

עס זענען פֿאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל אַקטיאָרן, וואָס קאָנען זיך צו־פּאַסן צו אַלע אומשטענדן, — אַפּילו די ערגסטע. זיי מאַכט נישט אויס ווו און ווי אַזוי מען שפּילט טעאַטער, — אַבי פּרנסה. זיי מאַכן זיך נישט קיין „שלעכט בלוט" —ווי מ׳זאָגט— נעמען זיך נישט צום האַרצן פֿון גאָרנישט. זיי זענען אויך פֿון די וואָס קאָנען איבערטראָגן אַ באַליידיקונג און נישט ווערן ברוגז, ווייל דאָס אַקטיאָרישע פֿאַך איז דאָך אַ פֿאַך פֿון בלויז קנאה (פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט ביי אַלעמען!) און וויבאַלד קנאה —אויפֿן אַקטיאָרישן לשון הייסט קנאה: „קאַיאַף", „קאַיאַפּיזם"— מיינט דאָך שנאה... מ׳קאָן זיך צעקריגן איבער גאָרנישט, איבער דער קלענסטער נאַרישקייט, זיך זידלען מיט די מיאוסטע ווערטער און תיכף צוריק ווערן די בעסטע גוטע ברידער, גלייך ווי עס איז גאָרנישט געשען... ווייל סוף־כל־סוף זע־נען דאָך אַקטיאָרן „קאַפּריזנע גרויסע קינדער"... — אָט אַזעלכע אַקטיאָרן בין איך מקנא... ווייל, לײדער, געהער איך נישט צו דער קאַטעגאָריע. אפשר צוליב מיין עמפּפינדלעכקייט —וואָס קיין גרויסע מעלה איז עס נישט—; כ׳קאָן נישט זיין חבר ווען איך בין ברוגז; כ׳קאָן נישט לאַכן, ווען איך וויל וויינען; כ׳קאָן נישט אַרויסווייזן קיין צופֿרידנקייט, ווען איך בין אומצופֿרידן, — מיט איין וואָרט: כ׳קאָן נישט „קרומען מיט דער נשמה", וואָס איז ביים טעאַטער —ווי שוין געזאָגט— זייער אַ גרויסער חסרון... אויך אַז מען קאָן נישט „עסן קיין פֿיש" (אויפֿן אַקטיאָרישן לשון הייסט עס: חנפֿענען) איז גאָר אַן אומגליק!... אָבער צום גליק בין איך אין דעם פּרט נישט דער איינציקער, פֿאַראַן נאָך אַ סך אַזעלכע ווי איך...

נישט זייענדיק געוווינט צו קיין כאַלטורע־טעאַטער, האָב איך פֿונ־דעסטוועגן פֿאַרבראַכט אין זעלבן קנאַפּע דריי יאָר צייט, אין וועלכן כ׳האָב

שמואל איריס

קינסטלעריש זייער אַ סך געליטן און כ׳האָב יעדן טאָג געוואָלט אַנטלויפן. דאָך איז מיר שווער געווען זיך צו שיידן מיט דעם, איבער דער ווונדערבאַרער באַציִונג צו מיר פון מיין שותף מיט זיין פאַמיליע, וועלכע האָבן זיך ממש מיט מיר געצאַצקעט. עס איז געווען נאָך אַן אָפּהאַלט, וואָס ס׳איז פשוט נישט געווען וווהין צו לויפן, ווייל כמעט אומעטום איז געשפילט געוואָרן דער זעלבער רעפּערטואַר, אפשר אָן דער „שווערער אַרטילעריע״, אָפּטמאָל אַפילו אַ פּרווו מיט אַ בעסערער פּיעסע, אפשר ביי בעסערע באַדינגונגען, מער מענטשלעכע, דערפאַר אָבער האָסטו שטענדיק באַדאַרפט זיין אונטערגעוואָרפן די קאָנצעסיאָנערן, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז באַשטאַנען פון אונטערוועלט־מענטשן, נאָענטע שמעלקעס כ׳ ט דער פּאָליציי און אַ סך פון זיי זענען טאַקע געווען אַגענטן פון דער „סיגוראַנצע״. ווען אַן אַקטיאָר איז אַריינגעפאַלן אין דעם געשעפט ווו זיי זענען געווען פאַראינטערעסירט, האָט ער געמוזט „טאַנצן נאָך זייער פּייפל״ און טון וואָס זיי האָבן געוואָלט. פון אַוועקגיין אין אַ צווייטער טרופּע — אויב זיי האָבן זיך אין דיר געניטיקט — האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. ביסט גלייך געוואָרן געמסרט און אַרעסטירט, און מיט דער רומענישער „סיגוראַנצע״ האָט קיינער נישט געהאַט קיין חשק צו האָבן קיין מגע־ומשא...

און אָט ביי די דאָזיקע לייט איז עס געלעגן דער גורל פון דעם יידישן טעאַטער אין רומעניע, בעסאַראַביע, בוקאָווינע און די אַנדערע אָקופּירטע געביטן פון יענער צייט, ווו די גאַנצע מאַכט איז אומעטום געווען אין די הענט פון דער „סיגוראַנצע״, וואָס האָט געשמט מיט איר ברוטאַליטעט...

קיין דירעקטאָרן, באַלעבאַטים הייסט עס, זענען אָט די דאָזיקע לייט נישט געווען; פאַר די אַקטיאָרן האָבן זיי נישט געהאַט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל קיין גאַזשעס האָבן זיי נישט געצאָלט; זיי האָבן נישט געוואָלט ריזיקירן מיט גאָרנישט; זיי האָבן פון געשעפט געדאַרפט נאָר נעמען און טאַקע וואָס מער! ערשטנס, האָבן זיי באַדאַרפט נעמען פּראָצענטער פאַר דער קאָנצעסיע; צווייטנס, האָבן נאָר זיי באַדאַרפט זיצן אין קאַסע ביים פאַרקויפן די בילעטן און קיינעם פון די אַקטיאָרן נישט

נאָך איינע פון זיינע פּאָפּולערע ראָלן: אין דער פּיעסע „די גאָלדענע טעג״

אַריינגעלאָזט אין קאַסע; דריטנס, זענען זיי געווען די שטייערן־צאָלער (צו יענער צייט האָט מען געצאָלט אַ דרייאונדרייסיק־פּראָצענטיקן שטייער) און אין אַלע פאַלן האָבן זיי געגנבעט, דאָס הייסט: זיי האָבן באַגנבעט סיי די „פּערטשעפּציע״ (שטייערן־אַמט), סיי די אַקטיאָרן, וועלכע זענען פון זיי מוראדיק עקספּלואַטירט געוואָרן. אַז קיין ריכטיקן חשבון האָבן זיי קיינמאָל נישט געקאָנט האָבן און קיין איבעריקע פראַגן האָט מען נישט געטאָרט שטעלן, ווייל באַלד ביסטו דערקלערט געוואָרן אַלס באָלשעוויק...

מסירה איז שטענדיק געווען אַ גאַנגבאַר אַרטיקל ביים יידישן טעאַטער אויך אין צאַרישן רוסלאַנד, אָבער נישט אויף אַזאַ דירעקטן אופן ווי אין רומעניע. ווי באַוווּסט, איז דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד געווען פאַרבאָטן, דווקא אין די גובערניעס, ווו עס איז געווען אַ קאָמפּאַקטע יידישע באַפעלקערונג, אין דער אַזוי־גערופענער „טשערטאַ אָסעדלאָסטי״ (אַ מין געטאָ). למשל: אין אַזאַ יידישער שטאָט ווי בערדיטשעוו, מיט כמעט אַ ניינציק־פּראָצענטיקער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט בלויז אויף יידיש, איז יידיש טעאַטער געווען פאַרבאָטן. און אין אַמאָליקן פּעטערבורג — איז עס געווען דערלויבט... דער אונטערשיד איז נאָר געווען, וואָס אין בערדיטשעוו האָבן יידן געהאַט ווינרעכט, אָבער נישט געטאָרט שפּילן יידיש טעאַטער; דערפאַר אָבער אין פּעטערבורג, האָט מען יאָ געמעגט שפּילן, אָבער צוליב תחום־המושב — נישט געטאָרט וווינען...

צו יענער צייט האָט אַ געוויסער טעאַטער־דירעקטאָר באַקומען דורך פּראָטעקציע אַ דערלויבעניש ביי דער אָרטיקער מאַכט צו שפּילן —אין איינער אַ שטאָט פון וואָלינער גובערניע· עטלעכע פאָרשטעלונגען. איז אַ צווייטער דירעקטאָר, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט אין אַ צווייטער שטאָט אויפן גאַנצן סעזאָן און אַפילו נישט געטראַכט צו פאָרן ערגעץ אַנדערש, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם פאַל, האָט ער זיך גלייך געווענדט צום גובערנאַטאָר פון וואָלינער געגנט מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל אים דערלויבן צו שפּילן יידיש טעאַטער אין אַ צווייטער שטאָט פון זיין גובערניע, אויפן סמך פון דעם, אַז דאָרט שפּילט איצט די און די

טרופּע... דער סוף איז געווען, אַז אים האָט מען אָפּגעזאָגט די בקשה, יענעם האָט מען פֿאַרבאָטן און דער פּריסטאַוו (קאָמיסאַר) האָט געכאַפּט אַ שוואַרצן סוף...

אַ פֿאַל פֿון מסירה האָט אויך פּאַסירט מיטן שרייבער פֿון די שורות, אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין יאָר 1916, אין סאַמע ברען פֿון דער מלחמה, האָב איך מיט דער הילף פֿון מיין פֿרוי, דעזערטירט פֿון פֿראָנט און מיט פֿאַלשע דאָקו־מענטן וואָס מיין פֿרוי האָט מיר פֿאַרשאַפֿט, בין איך צוזאַמען מיט מיינע



אַ באַרימטע טראַיקע: ש. איריס, אהרן לעבעדיעוו און ש. קושטשינסקי, — דאַסמאָל אַלס אמתע סאָלדאַטן, אין ווייטן מזרח.

חברים אהרן לעבעדיעוו, יצחק אַרקאַ און י. קושטשינסקי, אַוועק קיין כאַרבין, ווייל אויף דער טעריטאָריע פֿון מאַנדזשוריע איז געווען אַ געזעץ, אַז די בירגער וועלכע ווינען דאָרט פֿון פֿאַר דעם יאָר 1914, ווערן נישט מאָבי־ליזירט און נישט געשיקט אויפֿן פֿראָנט. נאַטירלעך, האָבן מיר דורך אַ געוויסן „מאַכער", פֿאַר עטלעכע רובל, זיך באַוואָרנט, אַז מיר ווינען אויף

דער „מאַנדזשוריער" טעריטאָריע נאָך פון יאָר 1910, אַזוי האָט עס געהייסן, זענען מיר פאַרשריבן געוואָרן אין דער פּאָליציי...

מיר האָבן זיך אין כאַרבין גאַנץ פיין איינגעאָרדנט, געשפּילט מיט דערפאָלג פיר מאָל אַ וואָך מיט די איבעריקע אַקטיאָרן וואָס האָבן זיך דאָרט געפינען. מיר האָבן גוט פאַרדינט און געלעבט אַ גוטן טאָג. ביז אין אַ שיינעם טאָג איז אָנגעקומען אַ מסירה פון רוסלאַנד צו דער דאָרטיקער פּאָליציי און מיר זענען אַלע פיר אַרעסטירט געוואָרן און לויט די דעמאָלטיקע רוסישע געזעצן, האָט אונדז געדראָט ביז צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע. אָבער צו אונדזער גליק איז אויפן דריטן טאָג פון אונדזער אַרעסט געשען דער נס פון דער רוסישער רעוואָלוציע און מיר זענען באַפרייט געוואָרן. שפּעטער האָט מען אונדז געוויזן די שריפטלעכע מסירה, וועלכע איז געגאַנגען זעכצן טויזנט ווי־אַרסט — פון אייגענע מענטשן, אַ חבר, וועמענס נאָמען עס איז נישט כדאי צו דערמאָנען...

אויך זענען געווען מסירות אויף אַקטיאָרן וואָס האָבן זיך נישט צוגעשטעלט צום „פּריזיוו" (מיליטער־דינסט) און נאָך אַזעלכע ענלעכע פאַלן, אָבער שוין נישט אַזוי אָפן, אַזוי ברוטאַל ווי פון די רומענישע קאָנצעסיאָנערן. אמת, נישט אַלע האָבן זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן מיטל. עס זענען אויך געווען מענטשן אָנשטענדיקע, קאָרעקטע, פּינקטלעכע צאָלערס פון די קלאָגעדיקע גאַזשעס פון וועלכע דער אַקטיאָר האָט קוים־קוים געקאָנט מאַכן אַן אָרעם לעבן, — אָבער leider, איז זייער צאָל געווען אַ נישטיקע.

איך מיין, אַז מיר האָבן זיך צופיל צערעדט וועגן זייטיקע זאַכן... ווילן מיר דעריבער זיך אומקערן צו די קאָנצעסיאָנערן:

בוקאַרעשט

דער הויפּט־קאָנצעסיאָנער פאַר יידיש טעאַטער אויפן נאָמען פון מאָריס ליבליך, וואָס איז אַליין קיין אַקטיאָר נישט געווען, נאָר דער אייגנטימער פון באַוווסטן טעאַטער „זשיגניצע", ביי וועמען יידישע אַקטיאָרן

זענען געוואַלדיק עקספּלואַטירט און אויסגענוצט געוואָרן און געלעבט אין שטענדיקער מורא. אין דער טרופּע אַלס ליבליכס שותּף האָט זיך געפונען זיינער אַ נאָענטער קרוב, דער באַקאַנטער אין זיין צייט אַקטיאָר איציקל גאָלדענבערג, וועלכער איז פּאַקטיש געווען דאָס „פּענדל" פון די יידישע אַקטיאָרן אין רומעניע. זייער אַן אָנשטענדיקער און רויִקער מענטש, ער האָט אָבער נאָר אָנגעפּירט מיט דער קינסטלערישער זייט פון טעאַטער, אַלס ערשטער אַקטיאָר און רעזשיסאָר נאַטירלעך... צו דער געשעפטלעכער זייט פון טעאַטער האָט ער זיך ווייניק געמישט, ווייל ער האָט פּשוט קיין כאַראַקטער דערצו נישט געהאַט, חוץ דעם האָט ער שוין געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, — זיינע שותּפים האָבן שוין גוט אַכטונג געגעבן, אַז פאַר די אַקטיאָרן זאָל וואָס ווייניקער בלייבן...

מיט די פונקציעס פון דער געשעפטלעכער זייט פון טעאַטער, וואָס איז —ווי שוין פריִער דערמאָנט— באַשטאַנען פון זיצן אין קאַסע און פאַרקויפן די בילעטן, נישט געבן די אַקטיאָרן קיין חשבון און צאָלן די בילעטן־שטייערן, האָט זיך אָפּגעגעבן ליבליכס אַן אײדעם, דער הער קרעמעניצער, וואָס איז פּשוט געווען אַן אַגענט פון דער „סיגוראַנצע".

דער דאָזיקער פאַרשוין איז געווען ביי זיך אַ גאַנצער תּקיף, אַ גרוי־סער באַרימער און נאָך אַ גרעסערער ליגנער. ער איז געווען פון יענע אַסימילירטע יידן, וואָס האָט שטאָלצירט מיט זיין רומענישן פּאַטריאָטיזם. ער האָט אַפילו אין אַ געוויסער מאָס באַרעכטיקט די קוזאָס און קאָרדעאַנוס מיט זייערע באַנדעס, וועלכע האָבן געממיתט יידן און זיי אַרויסגעוואָרפן פון די וואַגאָנעס פון די לויפנדיקע באַנען. נאָך אַזעלכע פאַלן פלעגט ער זיך אויסדריקן און דווקא אויפן הויכן קול:

— אַ מצווה אויף זיי, אויף די שנאָרערס! זאָלן זיי זיך נישט שטופּן דאָרט ווו מ׳דאַרף זיי נישט! פאָרן מיט די באַנען גלוסט זיך זיי? זיי זענען נישט קראַנק צו גיין צופוס! — האָט ער פאַרענדיקט כלומרשט מיט אַ וויץ...

אויף די בעסאַראַבער יידן איז ער גאָר געווען אש־להבה. ער האָט געטענהט, אַז זיי האָבן פאַרפּאַסקודיעט דאָס לאַנד מיט זייער הולך, מיט זייער אויסזען, מיט זייערע קאַלטענעוואַטע בערד און מיט זייערע פּראָסטע

פאַרגרעבטע מאַנירן. חוץ דעם זענען אַלע בעסאַראַבער ייִדן ביי אים געווען באַלשעוויקעס און איבער זיי טאַקע שלאָגט מען אויך די רומענישע ייִדן...

זיין תקיפות און חוצפּה האָבן נישט געהאַט קיין מאָס און קיין גרע־נעץ. צו יעדן איינעם האָט ער גערעדט „פון אויבן אַראָפּ"... ער האָט זיך געהאַלטן העכער פון אַלץ און פון אַלעמען, פון ייִדישע אַקטיאָרן איז דאָך אָפּגערעדט, אויף זיי האָט ער געקוקט ווי אויף ווערים... אים איבערצו־שפּאַרן האָט קיינער נישט געוואַגט. ער איז געווען דער אַלץ־ווייסער, אַלץ זעער און אַלץ פאַרשטייער; קיינעמס מיינונג האָט ביי אים נישט געהאַט קיין ווערט..

זיינע גוזמאות זענען געווען אַזוי נאַריש, אַז מען האָט זיי געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט. און אַזוי ווי ער פלעגט זיי ביי יעדער געלעגנהייט איבערחזרן, האָט ער אַליין אָנגעהויבן גלייבן אין זיי.. ער האָט, למשל, זיך באַרימט, אַז ער לערנט דעם קעניג פערדינאַנד רעדן רומעניש (ווי באַוווסט איז דער רומענישער קעניג פערדינאַנד געווען אַ דייטש, פון די האָהענצאָלערס, וואָס האָט גערעדט אַ שלעכטן רומעניש, דערצו נאָך מיט אַ דייטשן אַקצענט), ער האָט זיך געשווירן מיט די גרעסטע שבועות, אַז מיטן פּרעמיער בראַטעאַנו איז ער אויף „דו" און מיטן גענעראַל אַווע־רעסקו מוז ער יעדן טאָג טרינקען „צואיקא" (אַזאַ רומענישער שנאַפּס), ווייל מיט אים איז ער באַפריינדעט נאָך פון דער צייט, ווען אַווערעסקו איז געווען אין גענעראַל־שטאַב בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, און ער, קרעמעניצער הייסט עס, האָט אים מיט זיינע עצות געהאָלפן באַזיגן די דייטשן אין דער שלאַכט ביי מאַראַשעשט... און, אַז דער גאַנצער מיניס־טאָרן־קאַבינעט ליגט ביי אים אין קעשענע, וכדומה אַזעלכע גוזמאות און באַרימערייען...

ווען מ'האָט אים געפרעגט, אויב ער איז שוין יאָ אַזאַ חשוב ביי מלכות, פאַרוואָס־זשע קריגט ער נישט עפּעס אַ העכערן פּאָסטן ווי נאָר ביי דער „סיגוראַנצע"? האָט ער געענטפערט: ערשטנס, האָט ער ליב דאָס פאַך ביי דער „סיגוראַנצע"; צווייטנס, האָט אים בראַטעאַנו פאַרגעלייגט

דעם אַמט פון אינערן־מיניסטער, מיטן תנאי, ער זאָל זיך נאָר וועלן שמדן, — אָבער אַזאַ זאַך וועט ער קיינמאָל נישט טון...

צו יענער צייט האָב איך באַדאַרפט פאָרן קיין אַמעריקע און האָב געמוזט האָבן אַ ספּעציעלן פּאַס, וועלכן איך האָב באַדאַרפט אַרויסקריגן פון אויסערן־מיניסטעריום. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פּראָצעדור פון אַ שיינע פּאָר חדשים און אַזוי לאַנג וואַרטן האָב איך נישט געקאָנט. איך בין עטלעכע מאָל געפאָרן קיין בוקאַרעשט וועגן דעם זעלבן ענין, געזוכט פּראָטעקציע און זיך אַלע מאָל אומגעקערט מיט גאָרנישט.

דאָס לעצטע מאָל ווען כ׳בין געקומען קיין בוקאַרעשט, האָב איך אין דעם זעלבן פרימאָרגן אים געטראָפן אין קאַפע וווּ עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען אַקטיאָרן און גלאַט טעאַטער־מענטשן. ווי ער האָט מיך נאָר דערזען, האָט ער מיך באַלד צוגערופן צו זיין טיש, מיר דערלאַנגט די האַנט און מיר אַ זאָג געטון אין אַ וויציקן טאָן, אַז עס זענען אים עפּעס אויפּפאַלנד מיינע צו־אָפטע וויזיטן אין בוקאַרעשט. איך האָב אים דערציילט דעם אמת, די סיבה פון מיין אָפטן קומען. ער איז אויפגעשפּרונגען און אַ זאָג געטון:

— „ברע האַמעליי!" (אַזאַ רומעניש אויסדרוק) וואָס־זשע האָט איר געשוויגן? קומט שוין מיט מיר! — האָט ער באַפעלעריש אַ זאָג־געטון.

כ׳האָב גענומען אַ „פיאַקער" און מיר זענען ביידע אַוועק אין אויסערן־מיניסטעריום. מיר זענען דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן קאָרידאָר מיט אַ רייע טירן פון ביידע זייטן. ביי איינער פון די טירן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געקלערט אַ ווילע, גענומען ביי מיר מיין פּאַס וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער פּאָליציי און איז געווען גילטיק בלויז פאַר אייראָפּע און מיך געהייסן וואַרטן, ווייל ער גייט אַריין גלייך צום מיניסטער... אָבער אין דער אמתן איז ער אַריינגעגאַנגען צו אַ קליינעם באַאַמטן, זיך פאַרזוימט דאָרטן אַ צען מינוט און איז אַרויס פון דאָרט אַ שיינענדיקער, מיט דער בשורה, אַז ער האָט נאָר־וואָס גערעדט מיטן מיניסטער אַליין און אין דריי טעג אַרום וועל איך האָבן אַ פּאַס, אָבער עס דאַרף קאָסטן פינף הונדערט דאָלאַר...

איך בין געבליבן אַ ביסל איבערראַשט און אים געזאָגט, אַז אַזאַ סומע

פֿאַרמאָג איך נישט. ער האָט נישט לאַנג געקלערט און מיר געענטפֿערט, אַז עס קאָן זיי, עס זאָל אים געלונגען אַראָפּצודינגען אַ הונדערטער... איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז ער וויל ביי דעם דאָזיקן געשעפֿט „אָפּלעקן אַ פּעט ביינדל״ — צו יענער צייט איז דער ווערט פֿונעם דאָלער געווען ביי די צוויי הונדערט רומעניש לעי..— האָב איך אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דערווייל האָב איך קיין געלט נישט און אַז מיר וועלן דאָס לאָזן אויף אַ צווייט מאָל...

דער סוף איז געווען, אַז דעם זעלבן טאָג האָב איך געטראָפֿן אַ באַקאַנטן שניידער, אַ יונגערמאַן וואָס האָט געקענט גוט רומעניש און דערוויסנדיק זיך אין וואָס עס האַנדלט זיך, נאָך דעם ווי איך האָב אים דערציילט וועגן קרעמעניצערן, ווען ער האָט גוט געקענט... איז ער, אָן שום דריידלעך, מיט מיר אַוועק אין מיניסטעריום און מיר זענען ביידע אַריין צום סוב־סעקרעטאַר פֿון מיניסטער. ער האָט זיך פֿאַר אים פֿאָרגעשטעלט, אַז מיר קומען רעקאָמענדירט פֿון דעם און דעם —אָנרופֿנדיק אַ נאָמען פֿון דער הפּטורה— אים דערקלערט, אַז איך בין אַן אַקטיאָר און דאַרף פֿאָרן קיין אַמעריקע און אים אָנגעבאָטן פֿאַר דער טירחה די סומע פֿון פֿינף הונדערט לעי... איך בין רויט געוואָרן, ווייל וואָס ער האָט אים פֿאָרגעלייגט, האָט אַפֿילו נישט באַטראָפֿן קיין גאַנצע צוויי דאָלאַר. אָבער דער באַאַמטער האָט זיך נישט באַליידיקט און אים געענטפֿערט בלויז איין וואָרט, וואָס איך האָב גוט פֿאַרשטאַנען: „פּוציין״ (ווייניק). דער יונגערמאַן האָט אים גלייך איבערגעגעבן מיין פּאַס מיט אַ באַנקנאָט פֿון טויזנט לעי. דער באַאַמטער האָט אַ קוק געטון און געענטפֿערט: „ביני״ (גוט) און אונדז געהייסן קומען מאָרגן צען אַ זייגער אינדערפֿרי.

אויפֿן צווייטן טאָג, פּונקט צען, זענען מיר שוין ביידע דאָרט געווען. מיר האָבן אים אין זיין ביוראָ נישט געטראָפֿן. אויף אונדזער פֿראַגע, האָט מען אונדז געענטפֿערט, אַז ער קומט באַלד. מיר האָבן נישט לאַנג געוואַרט, ווייל אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך באַוויזן מיט אַ גאַנצן שטויס פּעסער, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען מיינער, אונטערגעשריבן פֿון מיניסטער מיט אַ שטעמפּל: „גילטיק פֿאַר אַמעריקע״.

פֿאַר קרעמעניצערן האָב איך זיך שוין געמוזט היטן. כ׳האָב פּשוט מורא

געהאַט פאַר אַ מסירה. דער פּאַס איז טאַקע געווען אַ לעגאַלער, אָבער... אַ קשיא אויף אַ מעשה...

און אַט דער דאָזיקער קרעמעניצער איז געווען איינער פון די הויפּט דעה־זאָגערביים יידישן טעאַטער אין בוקאַרעשט.

י אַ ס י

כמעט די יידישסטע שטאָט אין רומעניע, וואָס ליגט ביי דער גרענעץ מיט בעסאַראַביע. אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן געוועלטיקט גאַנצע דריי קאָנצעסיאָנערן, וואָס אָן זיי איז כמעט געווען אוממעגלעך צו שפּילן יידיש טעאַטער, דאָס הייסט, מ׳האָט אויך דאָרטן געקאָנט שפּילן אויף אַ צווייטנס קאָנצעסיע, אָבער זיי האָבן דערפאַר געמוזט זיין באַטייליקט אין געשעפט! אויב איינער האָט געוואָלט זיין אַ חכם און דווקא שפּילן אָן זייער באַטייליקונג, האָבן די דריי פאַרשוויגען אָנגעטון אַזעלכע צרות, אַז מ׳האָט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן מיט זיי זיך נישט צו פאַרטשעפּען. זיי האָבן שוין געהאַט זייערע מיטלען ווי אַזוי צו טון שלעכטס.

אייגנטלעך האָט די קאָנצעסיע געהערט בלויז צו איינעם און די אַנדערע צוויי זענען געווען שותפים, ווו יעדער האָט געהאַט זיין פונקציע און ספּעציאַליטעט. אָבער צוערשט וועלן מיר רעדן וועגן קאָנצעסיאָנער גופא, מיטן נאָמען משה גראָסמאַן (מ׳האָט אים אויך גערופן: „משה פּאָנפּאַטש״, ווייל ער האָט אַ ביסל צוגעפּאָנפּעט). אַליין פון פאַך איז גראָסמאַן געווען אַ ברויט־בעקער און איז געווען דער מבין סיי אויפן אַקטיאָר, סיי אויף די פּיעסן. אַז אַן אַקטיאָר איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער זיך אין אים פּשוט פאַרליבט. ער איז פאַר דעם דאָזיקן אַקטיאָר געווען גרייט צו לויפן אין פייער און אין וואַסער. יעדע נאַכט, נאָך דער פאָרשטעלונג, האָבן זיי ביידע געמוזט טרינקען „אַ גוט גלעזעלע וויין״ און ווי אַ פאַרליבטער, האָט ער אים געקוקט אין די אויגן אַריין. דאָס ערשטע האָט ער דעם אַקטיאָר איינגעלאַדן אויף זיין חשבון אין באָד אַריין און ער אַליין האָט אים געגעבן אַ „פּלייצע״ אויף דער אויבערשטער באַנק (ער האָט אַפּנים געוואָלט זען ווי זיין ליבלינג זעט

אויס נאַקעטערהייט...) זיינע שותפים האָבן שוין געוווסט: אויב משה גראָסמאַן האָט איינגעלאַדן אַן אַקטיאָר אין באָד אַריין, איז אַ סימן, אַז ער איז עפּעס... איך האָב געהאַט דאָס גליק איינגעלאַדן צו ווערן פון אים. מיר האָבן אָפּגע־רעדט, אַז מאָרגן נאָכמיטאָג זאָל איך זיין ביי אים אינדערהיים, וועט ער מיך מיט אַ פיאַקער פירן אין באָד אַריין.

אויפן צווייטן טאָג נאָכמיטאָג בין איך אַוועק צו אים אַהיים. עס האָט מיך גאַנץ פריינטלעך באַגעגנט זיין פרוי. אויף מיין פראַגע צו דער הער גראָסמאַן איז דאָ, האָט זי מיר מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— יאָ, יאָ, קומט אַריין, זייט מוחל, אין בעקעריי, ער האָט זיך נאָכמיטאָג צוגעלייגט אַ ביסל.

— ניין, ניין! צו וואָס אים שטערן?! איך וועל אַריינקומען שפּעטער!...

—חלילה! —איז זי צוגעשטאַנען— ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ווען איר וועט קומען זאָל איך אים אויפוועקן. קומט!

מיר זענען ביידע אַריין אין בעקעריי. גראָסמאַן איז געלעגן אויף אַ מעלי־קער באַנק און אָנשטאָט אַ קושן צוקאָפּנס, איז ער געלעגן אויף אַ גרויס שטיק טייג, איבערגעדעקט מיט אַ מעל־זעקל... דאָס ווייב האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט:

— זע נאָר דעם משוגענעם, אויף אַ שטיק טייג האָט ער זיך גאָר אַוועק־געלייגט... שטיי שוין אויף! —האָט זי אים גענומען וועקן— אַ מענטש איז צו דיר געקומען!...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט פאַרשלאָפענע אויגן:

— האַ? וואָס?... ווער?... האַ, איריס? — האָט ער פאַנפענדיק מיר אויס־געשטרעקט די האַנט. — איר זעט, איך וואַרעם אויס די ראָשטשינע אויף מאָרגן... שוין, איך בין שוין פאַרטיק! איר וועט טרינקען אַ גוט גלאָז ווין? איך האָב היינט באַקומען עטלעכע פלעשער פון דעם אמתדיקן —און זיך גלייך געווענדט צום ווייב— וואָס שטייסטו? דערלאַנג אַהער!

— איך ווייס... פאַר דער באָד ווין גאָר?... — האָב איך געשטאַמלט.

— דער מענטש איז דאָך גערעכט —האָט דאָס ווייב זיך אַריינגעמישט—

וואָס פאַר אַ וויין אין מיצקע דערינען? האָסט דאָך ערשט ביים מיטאָג אויס־
געטרונקען אַ גאַנצע פלאַש!..

— אָט האָסטו דיר! —האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל— לאַנגע האָר
און קורצער שכל... הכלל דערלאַנג אַהער! —האָט ער שוין מיט אַ שטרענגן

„פּינטשיק" — אין ב. רעסלערס „שיך", — איינע פון
ש. איריסעס טראַגיש־קאָמישע פּערסאָנאַזשן.

מאַן באַפוילן—, דאָס ווייב איז אַרויס אַ ביסל אַ פאַרשעמטע. — איר פאַר־שטייט? —האָט ער נאָך אַ האַלב־פאַרשלאָפענער מיר דערקלערט— איך בין געוווינט יעדן נאָכמיטאָג, ווען איך הייב זיך אויף פון שלאָף, אויסצוטרינקען אַ גוט גלאָז ווייַן. עס איז זייער געזונט! עס האַלט מיך אויף די פיס...

ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן, כ׳האָב געמוזט כאָטש „פאַרזוכן״ פון דעם ווייַן, דווקא פאַר דער באָד, און שפּעטער, נאָך דער באָד, האָב איך זיך אַזוי פיין „פאַרשניאַשקעט״, אַז ביינאַכט, בעת דער פאַרשטעלונג, האָב איך ניט געוווּסט וואָס מיט מיר טוט זיך, די צונג איז מיר געלעגן אין קימפּעט און אויף יעדן וואָרט האָב איך זיך „פאַרבולבעט״ (נישט גערעדט צו דער זאַך), בעתן זינגען אַ קופּלעט האָב איך פאַרגעסן די ווערטער און איך בין ביי אים אין די אויגן שיעור נישט דורכגעפאַלן...

נאָך דער פאַרשטעלונג איז די טרופּע געגאַנגען עפּעס „איבערכאַפּן״. איך האָב זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דעם ענין, אָבער עס איז מיר נישט געלונגען. משה גראָסמאַן האָט מיך שוין אָפּגעהיט און ממש אויף כוח מיך גענומען, מיך אַוועקגעזעצט נעבן זיך און ביי אַ פרישׁ גלעזל ווייַן האָט ער מיר מיט זיין פאַנפעוואַטן לשון „אַריינגעקיבעצט״:

— צו־וואָס דאַרפט איר זינגען קופּלעטן, אַז איר קאָנט נישט? — און טאַקע באַלד אַליין זיך צעזונגען מיטן נוסח פון ימים־נוראימדיקן דאַוונען: — אַז מ׳קען נישט און מ׳ווייסט נישט נעמט מען זיך נישט אונטער... איי־איי־איי... און מיר יעדעס מאָל געגעבן אַזאַ קיצל מיט אַ פינגער צווישן די ריפּן, אַז איך האָב עס גוט געהאַט צו פילן... אַלעס האָט געלאַכט. ער האָט מיך אַזוי אָפּגעפייניקט די גאַנצע נאַכט און פון דעמאָלט אָן, האָב איך אים אָנגעהויבן אויסמיידן, — ווייל איך האָב זיך שוין אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר אַזעלכע צערטלעכקייטן...

די אַנדערע צוויי שותפים צו גראָסמאַנען זענען געווען: דער קצב בער־קאָוויטש און דער גוט־באַקאַנטער הערש בראַנשטיין, וועלכן מ׳האָט גערופן „דרעליע״, —הערש דרעליע— און צוזאַמען האָבן זיי געבילדעט אַ מין טריומ־ווירעט... דאָ האָט שוין דאָס פאַרדינסט געמוזט זיין אַ דרייפאַכיקס, האָט מען טאַקע געשינדן די הויט און געריסן פון טויט און פון לעבעדיק.

בערקאָוויטשעס יחוס ביים ייִדישן טעאַטער ציט זיך נאָך פון זיין פאָטער. דער אַקיטאָר „יחיאל בולבע”, וואָס האָט נאָך געשפּילט מיט גאָלדפאַדענען אין יאַסי. אַליין איז בערקאָוויטש געווען אַ גראָבער נפש, אַ בלינדער אויף איין אויג, דערפאַר אָבער האָט ער מיטן זעעוודיקן אויג געזען אַ סך בעסער ווי אַן אַנדערער מיטביידע. ער האָט אַלץ געזען און אַלץ געוווסט. געווען אַליין אַ מענטש אַ באַהאַלטענער אין זיך, געערעדט האָט ער זייער ווייניק, שטענדיק אַן אָנגעכמורעטער און זעלטן האָט מען ביי אים געזען אַ שמייכל אויפן פּנים. אויף אים האָבן זיינע שותפים געזאָגט, אַז ער האָט אַ „ווייסע לעבער”. אַ קאַלטבלוטיקער, און מיט זיין קאַלטבלוטיקייט האָט ער געקאָנט יענעם אַרויסנעמען די נשמה. געווען אַ גרויסער זולל־וסובא און וויין האָט ער געקאָנט אויסטרינקען אַ גאַנצע פאַס. אויף אים האָט מען געזאָגט, אַז ער קאָן בלויז מיט איין זופּ אויסטרינקען אַזוי פיל וויין, וויפל אַ קליין לאָשיקל וואַסער...

משה גראָסמאַן האָט אים צוגעצויגן צום געשעפט, ערשטנס, צוליב זיין יחוס (יחיאל בולבעס זון) צווייטנס, האָט ער געוווסט די קונץ ווי אַזוי צו גנבענען ביי דער „פּערטשעפּציע” (שטייערן). אַ דאַנק דעם איז בערקאָוויטש געווען דער „קאַפּיטאַליסט” פון דעם טריומוויראַט, ווו מ'האָט באַדאַרפט אויסלייגן געלט ביים דינגען אַ טעאַטער אָדער אַרויסשיקן אַ טרופּע אויף רייזע־הוצאות פון וועלכן ער האָט באַקומען אַ היבשן פּראָצענט. ער איז אויך געווען אַן אייגענער מענטש ביי דער פּאָליציי, סיגוראַנצע, פּערטשעפּציע און מ'האָט דעריבער געדאַרפט מיט אים זיין פּאַרזיכטיק...

דער דריטער איז געווען הערש בראַנשטיין („דרעליע”), אַן אונטערוועלט־מענטש, אַן אָפּיציעלער אַגענט פון דער סיגוראַנצע און אַן עקלהאַפטע בריאה, סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך. אַ קיילעכדיק פליישיק פּנימל מיט אַ שפּיציק גלאַנציק נעזל, צוויי קליינע קאַסאַקע אייגעלעך וואָס האָבן אויסגעזען ווי מייזלשע, גרויסע געדיכטע וואָנצעס וואָס האָבן געגרייכט ביז צו דער גאָמבע און פאַרשטעלט זיין היגטערשטע צעשפּאָלטענע ליפּ, פון מיטעלן וווקס, מיט אַ געגוג גראָבן בויך, שטענדיק אַ שמייכלדיקער, כסדר רויט אויפן פּנים פון דעם רומענישן וויין פאַר וועלכן ער האָט אין קיין שום קרעטשמע נישט

געצאָלט... און אַזוי, מיטן אייביקן שמייכעלע, פלעגט ער אָפּטון די גרעסטע געמיינהייטן. דאָס וואָרט רחמנות האָט ביי אים נישט עקזיסטירט, אַפילו צו זיין בעסטן פריינט און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען אַן אַקטיאָר האָט אים עפּעס דערווידערט, האָט ער שמייכלדיק אַ זאָג געטון:

— „עסט ביי מיר גיין אין קייטעלעך"!...

און ער האָט געהאַלטן וואָרט! נישט איין יידישער אַקטיאָר איז אַ דאַנק אים געזעסן וואָכנלאַנג אין תפיסה.

פאַר דער סיגוראַנצע האָט ער געאַרבעט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אינטענסיוויטעט, כאָטש ער האָט אַפילו רעכט נישט געקאָנט שרייבן און גע־רעדט אַ פּראָסטן רומעניש, וואָס איז געווען ענלעך צו וואָלעכיש. ער איז געווען דער דאָלמעטשער ביי די יידישע „בעזשענצעס" (היימלאַזע) און נישט איינמאָל פלעגט זיין שעף לאַכן פון זיינע איבערזעצונגען וואָס זענען געווען פול מיט גרייזן.

ביים אויספרעגן די אַרעסטירטע האָט ער שוין אויסגעפונען, צו זיי האָבן געלט אָדער רייכע קרובים, דעמאָלט זענען שוין זיינע איבערזעצונגען געווען פונקט דער היפּוך פון דעם וואָס די אַרעסטירטע האָבן דערקלערט, דאָס האָט ער שוין געטון מיט דער אויסרעכענונג אויסצופרעסן „באַקשיש" (כאַבאַר) פון זיין קרבן. און אין יענעם שטיקל צייט איז זיך געווען ביי וואָס אָנצוכאַפּן, — דאָס איז געווען דאָס וואָרט: „באָלשעוויק" (וואָס „דרעליע" פלעגט עס אַרויסזאָגן מיט אַ האַרטער „למד"). האָט ער אויסגענוצט די קאָניוק־טור און פלעגט אַרומגיין נישטערן און זוכן נאָר „באַקשיש" און זייער אַ גרויסע צאָל מענטשן אומגליקלעך געמאַכט...

אָבער זיין סוף — ווי פון דעם גרעסטן טייל מוסרים, — איז געווען זייער אַ פּאַסקודנער: די רומענישע סיגוראַנצע וועלכע האָט געשמט מיט איר ברו־טאַליטעט, האָט זיך דאָך געגעבן רעכענונג וועגן בראַנשטיינס געמיינהייטן, וועגן זיינע פאַרדרייטע דערקלערונגען ביים אויספרעגן די „בעזשענצעס". דאָס איז געקומען אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון אַן אַדוואָקאַט פון אייניקע אַרעסטירטע. די זאַך איז געוואָרן אויסגעפאָרשט און באַשטעטיקט. דאַן האָט אים זיין שעף, אין אַ שיינעם טאָג, געלאָזט רופן צו זיך אין קאַבינעט און אין

דער אַנוועזנהייט פון עטלעכע אַגענטן איז אַזוי צעפּליאַסקעט זיין חזרישע מאָרדע, אַז בלוט האָט געררונען, איז באַזייטיקט פון זיין פּאָסטן מיטן שטרענגן אָנזאָג, אַז זיין פוס זאָל נישט וואַגן אַפילו דורכצוגיין די גאַס ווו די סיגוראַנצע געפינט זיך...

טשערנאָוויץ

די ערשטע קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער, נאָך פון די אַלטע עסטרייכישע צייטן האָט געהערט צו אברהם אַקסעלראַד. אַ סאָלידער און בכבודיקער מענטש, אַ פּראַקטישער טעאַטער־דירעקטאָר, אַ גרויסער וויצלער און אַ פיינער אַקטיאָר. ווען איך האָב אים באַקענט האָט ער שוין קיין טעאַטער נישט געשפּילט, ווייל ער איז געווען פּאַראַליזירט אויף ביידע פיס. דערפאַר האָט זיין ווייב רחל, וועלכע איז אַמאָל געווען אַ גוטע פּרימאַדאָנע מיט אַ שיינער סאָפּראַן־שטימע, אָנגעפירט מיטן טעאַטער אויף איר שטייגער, ווו עס זענען כסדר פאָרגעקומען קריגערייען און סקאַנדאַלן, אַזוי אַז קיין גרויסער נחת פון איר „אָנפירונג" איז נישט געווען.

רחל איז געווען אַ יידענע אַ קאָזאַק, מיט „אַ פּיסק אויף שרויפן". אַז זי פלעגט געבן אַ זאָג: „איך הייס רררחל אַקסלררראַד"! האָבן ביי איר די „רשין" געקלונגען גלייך מ׳וואָלט געדרייט מיט טויזנט גראַגערס... זי האָט געקאָנט פאַרדרייען אַ וועלט און פאַרשרייען דעם גרעסטן קעגנער. אירע קללות זענען געווען אַזעלכע מאָדנע אויסטערלישע, דרייאַרנדיקע, אַז מ׳האָט עס זעלטן ווו געקענט הערן. זי פלעגט, למשל, אַ זאָג־טון מיט איר גראַגער:

—זע נאָררר דעם אַקטיאָררר! קוק אים נאָררר אָן! —און באַלד צוגעגעבן מיט אַ קללה— עס זאָל דיר שווענדזשען דער נאָפּל און עס זאָלן דיר „פּאָולן" (פוילן) די נעגל, אַז זאָלסט זיך נישט קאָנען קררראַצן!...

און דאָס פלעגט זי אַרויסזאָגן הויך אויפן קול און דווקא צווישן מענטשן אָדער אין אַ געדיכט־באַזעצטן קאַפע־הויז, ווו אחינו־בני־ישראל זענען זיך צונויפגעקומען אין דער פּאַרנאַכטיקער שעה, און דער אַקטיאָר

איז געזעסן און געשפּילט אַ „דאָמינע“ אָדער אַ „קלאָבעריאַש“ (אַזאַ שפּיל אין קאָרטן), אָדער ווען דער עולם איז געווען פֿאַרזאַמלט אין פֿאָיע פֿון טעאַטער און אַ פֿאַרשפּעטיקטער אַקטיאָר האָט זיך דורכגעשטופּט אויף דער בינע און זי האָט עס באַמערקט, האָט ער שוין קיין חיבוט־הקבר נישט באַדאַרפֿט...

אין „דויטשן האַוז“, ווו זי האָט אָנגעפֿירט מיטן טעאַטער, פֿלעגט זי שטיין אויבן אויף די טרעפּ נעבן דער קאַסע (דאָס טעאַטער איז געווען אויפֿן ערשטן שטאָק) און איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מין „דירנדל“ (אַ געבלימלט קורץ קליידל, מיט קורצע אויפֿגעפּוישטע אַרבל, אַ גרין אָדער בלוי פֿאַרטעכל, אַרומגעליאַמעוועט מיט אַ רויטן אָדער געלן פּאַס), וואָס דאָס איז געווען זייער אין דער מאָדע, אָבער פֿאַר יונגע מיידלעך... די הענט האָט זי געהאַלטן שטענדיק „פֿאַדבאָקאָם“, מיט אַ גרויסן בינט שליסלען אַריינגעשטעקט אין גאַרטל, דעם רעכטן פֿוס אַרויסגעשטעקט אויף פֿאָרנט און צוגעקלאַפּט מיט אים, ווי מוזיקער קלאַפּן צום טאַקט בעתן שפּילן... און אַזוי האָט זי אויפֿגענומען די געסט וואָס זענען מיט די טרעפּ געגאַנגען אַרויף אין טעאַטער און אויף דעם טראַדיציאָנעלן: „גוטן אָבענד פֿראַו דירעקטאָר“, האָט זי — אָנשטאָט צו ענטפֿערן אויף דער באַגריסונג — „אַרויסגעגראָגערט, צוקלאַפּנדיק מיטן פּיסל:

— האָ!.. גוט שבת געלע!... זיך קוים אויסגעקראַצט צו קומען!... ווו זענט איר געווען אין די גררויסע פּררעסט?!...

אָדער ווען עס האָט פּאַסירט, אַז אַ גאַסט האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער פּרייז פֿון די בילעטן איז אַ צו הויכער, האָט זי קיין צייט נישט פֿאַרלוירן און אין דער קעגנוואַרט פֿון גאַנצן עולם, אין אַ האַלב־וויציקן טאָן, אים אַריינגעזאָגט גלייך אין פּנים:

— נישקשה, איר זענט נישט קררראַנק צו באַצאָלן! איר האָט צוויי אייגענע הייזערער אויפֿן מעל־פּלאַץ, חוץ וואָס איר זענט אַ פּרראַצענטניק און רררייסט די הויט פֿון די אָרררעמעלייט!...

דער גאַסט איז געבליבן פֿאַרשעמט. ער האָט גוט געוווּסט, אַז איר צו ענטפֿערן איז „אַ מעשה ביז מאָרגן“, — האָט ער שוין בעסער פֿאַר־

שוויגן. און די איבעריקע וואָס זענען געשטאַנען אין דער ריי נאָך בילעטן, האָבן שוין מורא געהאַט ס'מויל צו עפענען...

אברהם אַקסלראַד, וואָס איז געזעסן דערנעבן, „צוגעקאָוועט" צו אַ שטול איבער זיינע געליימטע פיס און צוגעזען די סצענע ווי די דירעקטאָרשע באַהאַנדלט די געסט און גאָרנישט געקאָנט מאַכן, האָט אין גרויס איפּרעגונג, מיט דער הילף פון ביידע הענט אַריבערגעוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס, אַקוראַט ווי מ'וואַרפט איבער עפּעס אַ ווייכע שמאַטע, אַ ווונק געטון צום געטראָפענעם גאַסט און בעת יענער האָט זיך דערנענטערט, האָט אים אַקסלראַד מיט אַ וויץ, ווי זיין שטייגער איז געווען, שטיל אַ זאָג געטון:

— אייך איז גוט, איר קומט איין מאָל אין פּורים אין טעאַטער... וואָס זאָל איך טון, אַז איך דאַרף זיין מיט איר צוזאַמען אַ גאַנץ יאָר?...

אַקסלראַדס וויצן זענען בכלל אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל צווישן יידישע אַקטיאָרן.

איין מאָל אין אַ זומער —דערציילט מען— בשעת ער האָט נאָך געהאַט זיין אייגן סטאַביל טעאַטער (אַ מין הילצערנע צירק־מעסיקע בודע), איז ער געזעסן ביי זיך אין גאַרדעראָב־צימער פולשטענדיק אַ נאַקעטער. עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אויף זיין פראַגע: „ווער איז?" האָט אַ פרויען־שטימע געענטפערט: — „ס'איז איך!".

— איין מאָמענט! באַלד! איך וועל עפּעס אַרויפנעמען אויף זיך, איך בין נאַקעט, —האָט ער געזאָגט— און האָט אַראָפּגענומען פון דעם הענגער אַן אַלטן פראַק, אים אָנגעטאָן אויפן נאַקעטן קערפּער און אַ געשריי געטון: „אַריין!"...

געווען איז אויך א. אַקסלראַד אַן אַקטיאָר וואָס אויף דער בינע האָט ער זיך קיינמאָל נישט פאַרלוירן און קיין „פּראָזע" (ווערטער) האָט אים קיינמאָל נישט געפעלט. זיינע וויצן האָבן אַראָפּגעהילכט פון דער בינע און דער עולם האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

איין מאָל, בעת ער האָט געשפּילט אין דער פּיעסע „שלמה גאָרגל", האָט ער אויף דער בינע באַדאַרפט באַגלייטן אויפן פידל דער פרימאַדאָנע

—טאַקע זיין אייגן ווייב— דאָס באַרימטע ליד „ומפני חטאינו". נו, אַזוי ווי ער אַליין האָט קיין פידל נישט געשפּילט, האָט ער בלויז מאַרקירט מיט דער פידל און הינטער דער בינע האָט אַ מוזיקער געשפּילט אויף דעם דערמאָנטן אינסטרומענט. איין מאָל אין אַן אָוונט איז דער פידלער נישט געקומען צו דער פאָרשטעלונג, האָט דער געהילפס־רעזשיסער, אין לעצטן מאָמענט, געכאַפּט דעם פלייטיסט. אַקסלראַד האָט דערפון נישט געוווּסט און ווען ער האָט גענומען די פידל צו שפּילן, האָט די פלייט אָנגעהויבן צו פייפן... אין טעאַטער איז אויסגעבראָכן אַ גרויס געלעכטער, די פּרימאַ־דאָנע איז געוואָרן נערוועז. אָבער אַקסלראַד האָט זיך נישט פאַרלוירן און ווען דאָס ליד האָט זיך ווי עס איז געענדיקט און דאָס געלעכטער אין טעאַטער האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע, פאַרגלאָנצט די אויגן און מיט פּאַטאָס אויסגעשריגן:

— איך דאַנק דיר גאָט וואָס מיין פידעלע האָט שוין אָנגעהויבן צו פייפן!...

דער גאַנצער עולם האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט.

איין מאָל, אַ נאָכמיטאָג, ווען ער איז געזעסן ביים טעאַטער, איבער־געלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, האָט זיך צו אַקסלראַדן דערנעענטערט אַ פרעמדער אומבאַקאַנטער אַקטיאָר מיט דער בקשה, אַז ער זאָל אים אַריינ־נעמען אין זיין טרופּע. באַטראַכטנדיק זיין הלבשה מיטן „שיינעם" אויסזען, האָט שוין אַקסלראַד פאַרשטאַנען מיט וועמען ער האָט צו טון. און צווישן זיי האָט זיך פאַרבונדן דער ווייטערדיקער שמועס:

אַקטיאָר: — הער אַקסלראַד! פיליישט קאָן איש האַבען איינען פּאָסטן אין אירען טעאַטער"?

אַקסלראַד: — קודם רעדט צו מיר ייִדיש, נישט קיין דייטש! איך פאַרשטיי ייִדיש אויך. וואָס פאַרלאַנגט איר?

אַקטיאָר: — הער דירעקטאָר, איך האָב אייך געוואָלט בעטן, פילייכט קאָן איך האָבן אַ פּאָסטן ביי אייך אין טעאַטער?

אַקסלראַד: — וועלכן אַמפּלואַ שפּילט איר?

אַקטיאָר: — איך בין אַ „ליבהאַבער"...

אַקסלראַד: — מיט דעם פּנים? — האָט ער מיט אַ געוויסן חוזק אָנ־געוויזן אויפן אַקטיאָר. — זייער פיין! און וואָס וועל איך טון מיטן רויטן?

אַקטיאָר: — איך שפּיל קאָמישע ראָלן אויך.

אַקסלראַד: — אַ קאָמיקער? און וואָס וועל איך טון?

אַקטיאָר: — איר פאַרשטייט, הער דירעקטאָר... מיין סיטואַציע איז... איר פאַרשטייט?... איז... נעמט מיך אַריין אין כאָר...

אַקסלראַד: — כ'האָב גענוג כאָריסטן, כ'האָב צוויי משוררים פון טעמפּל, גוטע „אָנלייגער"; הלוואי וואָלט איך פון זיי אויך פּטור...

דער אַקטיאָר האָט שוין געזען, אַז ער האָט נישט מער וואָס צו טון, איז ער געשטאַנען אַ ווײַלע און געשלונגען די טרערן. דערנאָך זיך פאַר־נייגט, אָן ווערטער און זיך געלאָזט אַוועקגיין.

אַקסלראַדן האָט עס אַ ביסל גערירט, ער האָט דעם אַקטיאָר צוריק־גערופן און אים אַ פרעג־געטון:

— זאָגט מיר נאָר, יונגערמאַן, ייִדיש לייענען קאָנט איר?

דער אַקטיאָר האָט זיך גערויטלט, געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ניין? —האָט אַקסלראַד פריילעך אַ געשריי־געטון,— איר בלייבט אין דער טרופּע! איר וועט זיין סופליאָר!...

אַזוי האָט אַקסלראַד מיט זיין ווייב רחל יאָרנלאַנג אָנגעפירט זייער מלוכה, זייענדיק די איינציקע קאָנצעסיאָנערן אויף ייִדיש טעאַטער, — ביז עס איז אונטערגעקומען אַ געוויסער הער בענדעט מיט אַ פרישער קאָנצעסיע און דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן רייסערייען, מיט זידלערייען, מיט שטענדיקע סקאַנדאַלן, אַז גאַנץ טשערנאָוויץ איז געגאַנגען מיט זיי כאָדאָ־ראָם. בענדעט און רחל האָבן זיך קעגנזייטיק מכבד געווען מיט די גע־מיינסטע זידל־ווערטער. עס זענען אויך פאָרגעקומען צווישן זיי געריכט־לעכע משפטים מיט מסירות, אַזוי ווייט, אַז דער אַלטער אברהם אַקסלראַד איז צוליב אַ מסירה געגאַנגען אין קייטן מיט זיינע צוויי געליימטע פיס... עס האָט זיך געווענדט אין דעם, וועמענס צד עס איז צו יענער צייט געווען שטאַרקער ביי דער סיגוראַנצע...

בענדעט איז בטבע נישט געווען קיין שלעכטער מענטש, פאַרקערט,

ער איז געווען אַ גוטהאַרציקער, אַפּילו אַ סענטימענטאַלער. אַקטיאָרן האָט ער ליב געהאַט דאָס לעבן. פֿאַר אַ גוטן אַקטיאָר איז ער געווען גרייט אָוועקצוגעבן ס׳חיות. און ביי אים אין טרופּע זענען תמיד געווען אַנגאַזשירט די בעסטע אַקטיאָרן וואָס האָבן זיך געפֿינען אין רומעניע: די באַקאַנטע שוישפּילערין דינאַ קעניג, דער פֿיינער שוישפּילער יאַקובאָוויטש, ישראל פעלדבוים, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער עלעגאַנטסטער בעסט־געקליידטער בוף־קאָמיקער, זינגער און טענצער און נאָך אַ סך אַנדערע. אָבער בענדעטס וועגן זענען נישט געווען קיין גלייכע... זיין אופֿן פֿון אָנפֿירן מיטן טעאַטער איז ביי אים געווען אַ קרומער. קיינעמס עצות האָבן אים נישט אינטערעסירט, צוליב זיין עקשנות. האָט ער זיך פֿאַרלייגט אויף אַ זאַך, — האָט ער זי געמוזט דורכפֿירן, זאָל עס געווען זיין אַפּילו פֿאַרבונדן מיט די גרעסטע שוועריקייטן. ער האָט זיך פֿאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט און פֿאַר קיין זאַך נישט געשראָקן, האָט דער וועג געמעגט זיין דער קרומסטער, פֿאַרבינדן אַפּילו מיט געפֿאַרן, איז אים געווען אַלצאיינס. זיין געוואַגטקייט האָט קיין גרענעץ נישט געהאַט. ער האָט געטון פֿאַלשע זאַכן, נישט־רעכענענדיק זיך מיט די קאָנסעקווענצן. ער האָט זייער שנעל געטראַכט און נאָך שנעלער געטון און אַזוי אַרום האָט ער טאַקע באַקומען די קאָנצעסיע אויף ייִדיש טעאַטער. ער האָט עס געמאַכט אויף פֿאָלגענדן אופֿן:

ווען דער אַלטער רומענישער קעניג פערדינאַנד האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט דאָס אָקופּירטע טשערנאָוויץ און בעת די קעניגלעכע קאַרעטע איז פֿאַרבייגעפֿאָרן דעם „רינג־פּלאַץ״, נאָענט צום פּלאַץ ווו ער איז געשטאַנען, האָט ער מיט איין אויגנבליק זיך דורכגעריסן דעם קאָרדאָן סאָלדאַטן און איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער זיך געוואָרפֿן פֿאַר די פֿערד, ריזיקירנדיק ממש מיט זיין לעבן. דער קוטשער האָט מיט אַלע כוחות קוים איינגעהאַלטן די צעשראָקענע פֿערד. בענדעט האָט זיך בליץ־שנעל אויפֿגעהויבן און אַריינגעוואָרפֿן אין דער קאַרעטע אַ פּאַפּיר, מיט דער ביטע וועגן אַ קאָנצעסיע אויף ייִדיש טעאַטער, וואָס דאָס איז געווען זיין לאַנג־יעריקער חלום. ער איז, נאַטירלעך, גלייך אַרעסטירט געוואָרן

און אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים באַפרייט, מיט דער בשורה, אַז דער קעניג אַליין האָט, פאַר זיין דרייסטקייט, אים באַוויליקט זיין בקשה. צו זיין גדולה איז קיין גלייכן נישט געווען און טאַקע באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די צאַנקערייען צווישן אים און רחל אַקסלראַד.

באַקומענדיק די קאָנצעסיע האָט ער אָנגעהויבן קלערן וועגן אַ טעאַ־טער־זאַל. זיין אויג איז געפאַלן אויף דער „טוימבעהאַלע", ער האָט אָבער געוווּסט, אַז דאָס איז אַ פעסטונג צו וועלכער עס איז אוממעגלעך צוצו־טרעטן.

די „טוימבעהאַלע" איז געווען אַ ציכטיקער סאַלאָן, מיט אַ גאַנץ פיינער בינע און האָט געדינט פאַר פאַרוויילונגען, אונטערנעמונגען בלויז פאַר די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. צו קיין פרעמדע האָט מען דעם סאַלאָן נישט געטאָרט פאַרדינגען, איבערהויפּט פאַר יידיש טעאַטער, אַזוי האָט זיך בפירוש געשריבן אין די סטאַטוטן פון דער געזעלשאַפט, סיידן אין אַ זעלטענעם פאַל, און דאָס נאָר פאַר אַ „אָנצערט פון די גאָר גרויסע קאָנצערטיסטן. אָבער בענדעט האָט זיך פאַרלייגט נאָר אויף דעם טעאַטער. ער האָט נישט גערוט, טאָג און נאַכט האָט ער געאַרבעט נאָר וועגן דעם. ער איז געווען אין דער היים ביי יעדן פאַרוואַלטונגס־מיטגליד עטלעכע מאָל אין טאָג. ער האָט זיך אַריינגעריסן אין סאַלאָן און ממש נישט גע־לאָזט פירן זייערע פאַרוואַלטונגס־זיצונגען. מ'האָט אים עטלעכע מאָל משלח געווען מיטן גוטן, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן, — ביז מ'האָט אים איין מאָל מיט כוח אַרויסגעוואָרפן. בענדעט איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן. ער איז געקראָכן דורך אַ צווייטער טיר, דורך אַ פענצטער און זיי געבראָכן ממש די טריט... האָט די פאַרוואַלטונג אָנגעהויבן צו מאַכן געהיימע זי־צונגען אויף אַ צווייטן פלאַץ, — האָט ער אַהין אויך געטראָפן... דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן דעם פרעזידענט פון דער געזעלשאַפט. יעדן פרימאָרגן, ווען דער פרעזידענט האָט באַדאַרפט גיין אין זיין געשעפט אָדער ביוראָ, איז בענדעט שוין ביי זיין טיר און לאָזט אים נישט גיין... ער האָט אים ממש געהאַלטן ביי די לאַצן, אים באַגלייט ביז זיין ביוראָ, צוריק פון ביוראָ — אויך דאָס זעלבע. אַזוי עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו קומען צום פּרעזידענט אַהיים, פּונקט צום מיטאָג, און אין דער קעגנוואַרט פון דער גאַנצער פאַמיליע גערעדט און געוויינט און געדראָט... און צום סוף האָט ער זיך מיישב געווען און אָנגעהויבן צו חלשן... מ׳האָט אים געמונטערט, געגאָסן אויף אים וואַסער, אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס. דער פּרעזידענט האָט גוט געוווסט, אַז דאָס איז אַן אָנשטעל, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכן. ביז ענדלעך, איז דעם פּרעזידענט נמאס געוואָרן די גאַנצע געשיכטע, האָט ער פאַררופן אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג און געמאָלדן אולטימאַטיוו: אָדער מ׳פאַרדינגט בענדעטן דעם סאַלאָן אויף פיר חדשים, אָדער ער רעזיגנירט פון זיין אַמט, ווייל ער האָט שוין קיין כוח נישט צו קעמפן מיט אים...

און אויף אַזאַ אופן האָט בענדעט באַקומען די „טוימבעהאַלע".

ער האָט זיך אין דעם טעאַטער גאַנץ פיין איינגעאָרדנט. פון דער ציכטיקער בינע, ווו מ׳האָט, לויטן קאָנטראַקט, נישט געטאָרט אַפילו אַריינקלאַפּן אַ טשוואַק, — האָט מען צעהאַקט די ווענט, אָנגעוואָרפן שטריק, מיט האָלץ, מיט דעקאָראַציעס, מיט פאַרבן, געמאַכט פון דער ציכטיקער בינע אַ חזיר־שטאַל...

ווען די פיר חדשים האָבן זיך געענדיקט, האָט מען אים באין־אופן נישט געקאָנט פּטור ווערן, — ביז די געזעלשאַפט האָט אים געמוזט אויסבאָרגן אַ גרויסע סומע געלט, אַז ער זאָל זיך בויען אַן אייגן טעאַטער. ער האָט עפּעס אָנגעטראָפן אַ גלח פון קרימינאַל, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן ליידיקן הויף אויף דער „רוסישער גאַס", האָט ער אים פאַרקויפט דאָס פּלאַץ אויף ראַטעס, פאַר אַ געצוג־הויכן פּרייז, דערנאָך האָט ער אַריינבאַקומען אַ בוימייסטער וואָס האָט זיך אונטערגענומען אויסצובויען מיט זיינע מאַטעריאַלן, אַ הילצערנע בודע און מיט אים אָפּגעמאַכט צו צאָלן יעדע נאַכט אַ געוויסן פּראָצענט פון די איינגאַמעס.

מילא, די ערשטע פּאָר חדשים, נאָכן פאַרענדיקן די געביידע, האָט ער אים רעגלמעסיק געצאָלט, דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צרות.

וואָס שייך דעם גלח, איז דער ענין געווען נאָך ערגער. ווען דער גייסטלעכער איז געקומען מאָנען זיין ראַטע, איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל, —

ביז אין אַ טאָג האָט אים בענדעט גוט אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעוואָרפן פון טעאַטער. פון דעמאָלט אָן, ווען ער האָט באַדאַרפט קומען נאָך געלט, האָט ער פּשוט מורא־געהאַט אַריינצוקומען אין הויף פון טעאַטער ווען

שמואל איריס אַלס „מיראָפּאָלער צדיק" אין „דיבוק" פון ש. אַנסקי.

בענדעט איז דאָרט געווען, נאָר ער פלעג זיך נאָכפרעגן ביים שומר, אָדער ביי די אַקטיאָרן צו „דער דירעקטאָר איז דאָ״.. און אויב בענדעט איז געווען, האָט ער געוואַרט אויפן גאַס, ביים טויער פון טעאַטער, אויף דער פרוי פון דירעקטאָר, ווייל נאָכן לעצטן סקאַנדאַל האָט זי אים ביסלעכווייז אָנגעהויבן צאָלן.

איין מאָל בעתן מאַכן פּראָבע, אין דער אַפּוועזנהייט פון בענדעטן, האָט זיך באַוויזן דער גלח. מיר האָבן אים אַלע אַרומגערינגלט... עס האָט זיך ביי אים דאָסמאָל צעבונדן די צונג און ער האָט גענומען רעדן פריי, אָן מורא:

— איך בין גייסטלעכער אין קרימינאַל —האָט ער געזאָגט— און איך האָב צו טון מיט די גרעסטע מערדער, מיט די ווילדסטע פאַרברעכער און איך דאָמיניר אַלע, — אָבער דער דירעקטאָר... דאָס איז.. דאָס איז...

אויף די לעצטע ווערטער איז אומבאַמערקט אָנגעקומען בענדעט און אַ געשריי געטון:

— וואָס פּלאַפּלסטו?! דו שווינקערל!..

דער גלח איז בלאַס געוואָרן און אָנגעהויבן שטאַמלען:

— „גאַרניקס״, הער דירעקטאָר... — און הינטערווײלעכטס זיך אַרויסגערוקט פון טעאַטער.

בענדעט האָט אויך געהאַט אַ שוואַכקייט צו בייטן די נעמען פון די פּיעסן. קיין פּיעסע האָט ער נישט אַנאָנסירט מיטן אָריגינעלן נאָמען, נאָר שטענדיק פאַרקערט, מיט אַן אַנדערן נאָמען, וואָס ער אַליין האָט פאַרטראַכט. צי דער נאָמען איז געווען צוגעפּאַסט צום אינהאַלט צי ניין, — דאָס האָט אים קיינמאָל נישט אינטערעסירט. און דאָס האָט זייער אָפט געפירט צו פּראָטעסטן פון פּובליקום, וועלכע האָבן די פּיעסע נישט לאַנג געזען אונטער אַן אַנדערן נאָמען (דעם אָריגינעלן) און דערמיט האָט ער ביסלעכווייז פאַרלוירן דעם צוטרוי פון עולם, אָבער ער האָט זיך געטון זיינס.

איין מאָל האָב איך אים פאָרגעלייגט אַ פּיעסע מיטן נאָמען: „די צוויי

משוגעים״ פון איינעם אַ סאָקאָלאָווסקי. גראָד צו יענער צייט איז געווען אַנאָנסירט דורך די צייטונגען און גאַסן־אַפישן דאָס אָנקומען פון ד״ר נחום סאָקאָלאָוו, אויף וועמען גאַנץ טשערנאָוויץ האָט געוואַרט. איז פונקט דעם טאָג פון זיין אָנקומען, צו אַלעמענס איבערראַשונג, דערשינען אַן אַפּיש, אַז היינט ווערט אין יידישן טעאַטער געשפּילט די גרויסע דראַמע די „צווי פילאָזאָפן״ פון דעם גרויסן ציוניסטישן מנהיג נחום סאָקאָלאָוו. עס איז פאַרשטייט זיך, געוואָרן אַ גרויסער סקאַנדאַל, די צייטונגען האָבן גע־טאַדלט דאָס יידישע טעאַטער מיט זייער דירעקטאָר פאַר אַזאַ ווילדער חוצפה. אויף אַזוי פיל האָט דער דאָזיקער מענטש געוואָגט.

נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג, האָב איך אים שוין דעם ריכטיקן נאָ־מען פון קיין פּיעסע נישט אָנגעגעבן. האָט ער ווידער געזוכט אַ נייעם נאָמען, האָב איך אים צוגעהאָלפן און אַזוי לאַנג געדרייט, ביז מיר זענען אַרויף אויפן אָריגינעלן נאָמען...

צו אַקטיאָרן, ווי שוין געזאָגט, האָט זיך בענדעט באַצויגן מיט ליבע און צו גוטע אַקטיאָרן אַפילו מיט דרך־ארץ. זייענדיק אַליין אַן אַקטיאָר, האָט ער דאָך ביי זיך אין געשעפט געוואָלט האָבן די בעסטע כוחות, אָבער אַזוי ווי איבער זיין שלעכטער פירונג זענען די געשעפטן מערסטנטייל געווען שלימזלדיקע, האָט ער אפשר, קעגן זיין ווילן, געמוזט זיין אַ שלעכטער צאָלער. און פון דעם טאָקע האָבן זיך גענומען אַלע צרות. מיר האָט ער דווקא געצאָלט צו דער צייט, נאָר די איבעריקע אַקטיאָרן פלעגט ער אָפּשלעפּן. האָבן זיי דערקלערט אַ שטרייק. איך האָב זיך, פאַר־שטענדלעך, מיט זיי סאָלידאַריזירט. איז ער געקומען צו מיר מיט אַ טענה:

— דיר צאָל איך דאָך!

— דאָס איז ריכטיק —האָב איך אים געזאָגט— מ׳דאַרף אָבער צאָלן אַלעמען!..

— איך האָב נישט! — האָט ער זיך געהיצט.

— וועט מען נישט שפּילן — האָב איך געענטפערט גאַנץ רויק.

— זעסט דאָך, אַז די געשעפטן זענען שלעכטע — האָט ער זיך גע־קאָכט.

— איבער דיין אייגענער שולד —האָב איך אים געלאָסן געענטפערט,

— איבער דיין שלעכטער פירונג! דו פאַרטרייבסט דעם עולם מיט דיינע בלאָפן און ליגנס!

— וואָס־זשע זאָל איך טון?! — האָט ער שוין גענומען שרייען.

— צומאַכן דאָס טעאַטער!! — האָב איך שוין אויך געשריגן.

דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן עטלעכע טעג. צום סוף איז ער אונדז אַלעמען געלאָפן פאַרמסרן צום קאָמענדאַנט פון דער זיבעטער דיוויזיע. מ׳האָט אונדז גערופן אַהין, מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזער דערקלערונג, אַז אונדזער שטרייק איז אַ ריין פּראָפעסיאָנעלער: פשוט, ער צאָלט אונדז נישט, — ווילן מיר נישט אַרבעטן. איז ער געלאָפן אין סיגוראַנצע, — ווידער דאָס זעלבע. דער ענין איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט. די צייטונגען האָבן געשריבן, אַז מ׳טאָר נישט אָננעמען קיין פּאָליציייִשע מיטלען ווען אָנגעשטעלטע פאַרלאַנגען זייערע שכירות: „מ׳קאָן קיינעם נישט צווינגען צו ארבעטן אומזיסט״, — האָט געשריבן דער „פאָרווערטס״.

בענדעט האָט זיך געוואָלט רייניקן און אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף מיר. איז ער צוזאַמען מיט זיין פרוי אַוועק צום רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, דאָקטער פיסטינער. די דירעקטאָרשע, אַן אַסימילירטע ייִדענע, וועלכע האָט קיין וואָרט ייִדיש נישט געקענט, האָט גענומען וויינען פאַרן רעדאַקטאָר:

— „דער הער איריס וואָלטע דאָך אונדז אונגליקליך מאַכען״!...

— מיט וואָס דען אייגנטליך?״ — האָט ד״ר פיסטינער זי געפרעגט.

— „וואָס הייסט? —האָט זי כמעט אין היסטעריקע געשריגן— ער וואָלטע דאָך נור שפּילן ליטעראַריש טעאַטער״!

דער ד״ר פיסטינער איז געוואָרן אָנגעצונדן און זיי ביידן געבעטן צו פאַרלאָזן זיין קאַבינעט.

אויף צומאָרגנס האָט ער קאָמענטירט אין זיין צייטונג וואָס די פאַרשטייערס פון ייִדישן טעאַטער שטעלן מיט זיך פאָר...

קעשענעוו

מיין געבורטסשטאָט ווו איך האָב דורכגעמאַכט מיינע ערשטע דער־פאַלגן ביים יידישן טעאַטער און פון וואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבן מיין וואַנדער־וועג. דעריבער איז מיר טאַקע שווער צו שרייבן וועגן מיין לאַנדסמאַן פּנחס איזבעזשסקי, וואָס האָט געהאַט די קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער און איז אַליין נישט געווען קיין אַקטיאָר, נאָר אַ פּשוטער אַגענט פון דער סיגוראַנצע און דווקא יידן געטון טובות...

איזבעזשסקי האָט געשטאַמט פון אַ פרומער אָנגעזעענער משפּחה, געווען, ווי מ׳זאָגט „אַ טאַטנס אַ קינד" און די פאַמיליע האָט זיך טאַקע געשעמט מיט זייער „תכשיט", דערצו נאָך האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ רומענישע שיקסע פון ציגיינערישן אָפּשטאַם, אַ סך יונגער פון אים און דערצו נאָך אַ פאַרביסענע אַנטיסעמיטקע און איז אויך געווען אַן אָנגע־שטעלטע אין דער פּאָליציי. און זי האָט אים פולשטענדיק דאָמינירט און ער האָט פאַר איר, אין אַ געוויסער מאָס, מורא געהאַט. זי איז געווען פון די דאָזיקע פּרויען וואָס זי האָט „געטראָגן די הויזן". ערשטנס, האָט זי געהאַט ביי זיך אַלע געלטער וואָס זענען אַריינגעפלאָסן פון די איינגאַ־מעס, און ווען ער האָט באַדאַרפט צאָלן די טעגלעכע אויסגאַבן, ווי: טעאַ־טער, רעקלאַמע, מוזיק און אַנדערע הוצאות, האָט זי נאָך ווי עס איז גע־צאָלט, אָבער, אַז עס איז געקומען צו צאָלן די אַקטיאָרן, האָט זי בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס זיי קומט געלט... זיי שפּילן דאָך טעאַטער, מ׳פּאַטשט דאָך זיי בראַוואָ? וואָס נאָך דאַרפן זיי?... און זי האָט זיך טאַקע אין מיין קעגנוואַרט אויסגעדריקט:

— אויב אַלע הוצאות דאַרף איך צאָלן און די אַקטיאָרן „אויך", — וואָס־זשע וועט שוין בלייבן פאַר אונדז?..

— וואָס הייסט? —האָב איך איר געגעבן צו פאַרשטיין— זיי דאַרפן דאָך עסן!

— זיי שפּילן דאָך טעאַטער, מען אַפּלאָדירט דאָך זיי, איז עס פאַר זיי ווייניק? — האָט זי זיך געהאַלטן ביי אירע טענות...

איר ציגיינערישער קאָפּ האָט גאָרנישט תופס־זיין, אַז אַקטיאָרן מאַכן אַ לעבן פון טעאַטער, אַז דאָס איז זייער פּרנסה און אַז זיי שפּילן נישט קיין טעאַטער בלויז צוליב פאַרגעניגן. זי איז געווען זיכער, אַז די אַקטיאָרן זענען „לוביטעלעס" (ליבהאבער) און זיי דאַרפן נישט נעמען קיין געלט פאַר טעאַטער־שפּיל...

דעם דאָזיקן איזבעזשסקין האָב איך ווי ווייט מעגלעך געזוכט אויסצו־מיידן, נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין מגע־ומשא, אָבער ער פלעגט מיך כסדר פאַרפאָלגן און יעדעס מאָל ווען ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע, האָט ער נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל זיין אין געשעפט.

איך האָב צו יענער צייט אָנגעפירט אַ חברים־טרופּע פון געקליבענע אַקטיאָרן, גאַסטראָלירנדיק איבער דער בעסאַראַבער פּראָווינץ. געשפּילט האָבן מיר אַ בעסערן רעפּערטואַר און זיך גאַנץ פיין אַדורכגעלעבט.

פּלוצים איז איזבעזשסקי אויסגעוואַקסן אין דעם שטעטל און מיך צוויי טעג ממש געמוטשעט אַז איך מוז מיט אים פאָרן קיין קעשענעוו, ווו ער דאַרף אָנהייבן אַ סעזאָן מיט מישאַ פישזאָנען בראש. ער האָט מיר צוגע־זאָגט גאָלדענע גליקן. ער איז אויך גרייט געווען צו נעמען די גאַנצע טרופּע אַזוי ווי זי שטייט און גייט. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז ער האָט שוין מיט אַלע גערעדט, אָבער זיי האָבן געענטפערט, אַז וואָס שייך צו זיי איז קיין מניעה נישט פאַראַן, ער דאַרף נאָר זען פּועלן ביי מיר.

איך האָב די טרופּע שפּעטער פאַרזאַמלט און זיי אויפגעקלערט וואָס איזבעזשסקי שטעלט מיט זיך פאָר און ווער עס וויל זיך צו אים אַנגאַזשירן, קאָן עס טון. איך שטער קיינעם נישט. אָבער איך נישט, — האָב איך זיי קאַטעגאָריש דערקלערט. נאָך לאַנגע דעבאַטן פון דער טרופּע, איז גע־בליבן, אַז אַז מיר ווערלן זיי זיך נישט אַנגאַזשירן, — און מיר גייען אָן מיט אונדזער אַרבעט.

אויפן צווייטן טאָג גאַנץ פרי, איז איזבעזשסקי ווידער געקומען צו מיר און דעם גאַנצן טאָג נישט אָפּגעטראָטן, מיר געשטופּט געלט אַלס „פאַרשוס", צוגעזאָגט פאַר אַלעמען גוטע גאַזשעס. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער האָט געפּרוווט אַ סטראַשע־טון, — האָב איך אים געזאָגט,

אַז מיר שרעקן זיך נישט! דער סוף איז געווען, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן מיט גאָרנישט.

דערפאַר אָבער, אויפן צווייטן טאָג, נאָך איזבעזשסקיס אַוועקפאָרן, האָט מען מיך געשיקט רופן פון דער סיגוראַנצע און מיר געמאָלדן, אַז מיר קאָנען ווייטער נישט שפּילן, ביז מיר וועלן נישט צושטעלן פּיעסן, וועלכע זענען צענזורירט פונעם יידישן צענזאָר אין בוקאַרעשט. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז אין דער פּראַקטיק האָט מען פאַר טעאַטער־שפּילן אַזעלכעס נישט געפאָדערט. האָב איך געפּרוווט רעאַגירן, — עס האָט נישט געהאָלפן. האָבן מיר ווידער געפּרוווט דורך אַ פּאָר אָנגעזעענע בעלי־בתים „אונ־טערשמירן", — איז דאָס אָבער געווען אַ פּעולה נאָר אויף אַ פּאָר טעג...

אויפן פערטן טאָג, פונקט שבת־צונאַכטס, איז געקומען אַ פּאַראַרדע־נונג פון דער מאַכט צו שליסן דאָס טעאַטער. אויף דער אינטערווענץ פון די אָנגעזעענסטע יידן פון שטעטל, אַז אונדזערע פאָרשטעלונגען זענען נאַציאָנאַלע און האָבן גאָרנישט צו טון מיט פּאָליטיק, האָט דער קאָמיסאַר געענטפערט, אַז די פּאָליציי האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז מיר שפּילן פּיעסן, וואָס זענען נישט גענוג מאָראַליש און ער פאָדערט נאָר צענזורירטע עק־זעמפּליאַרן.

די טרופּע איז געבליבן זיצן אָן אַרבעט און כאָטש מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר קאָנען דורכזעצן אונדזער רעכט, אָבער זיך־געבנדיק חשבון אַז דאָס איז איזבעזשסקיס אַ שטיקל אַרבעט, האָבן מיר אויך פאַרשטאַנען אַז ער וועט אונדז שוין אָנטון צרות ווו מיר זאָלן זיך נישט געפינען, — האָט דעריבער כמעט די גאַנצע טרופּע באַשלאָסן, אַז איידער צו ליידן אַזעלכע פאַרפאָלגונגען, וועלן זיי זיך שוין בעסער אַנגאַזשירן צו איז־בעזשסקין. איך האָב זיי נישט געשטערט. פאַרקערט, איך האָב זיי געראַטן זיי זאָלן אים טעלעגראַפירן.

אין צוויי טעג אַרום איז ער געקומען, מיך באַגעגנט אַ לאַכנדיקער, אַז ער האָט שוין אָפּגעמאַכט מיט דער גאַנצע טרופּע און היינט ביינאַכט פאָרן אַלע קיין קעשענעוו. איך האָב אים געווונטשן גליק צו פאָרן געזונ־טערהייט, נאָר אָן מיר. ער האָט אַפילו וועגן דעם נישט געוואָלט הערן:

— וואָס הייסט אָן דיר? וואָס רעדסטו? פישזאָן האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אָן דיר זאָל איך נישט קומען און מיר גלייך איבערגעגעבן אַ בריוו פון פישזאָנען, וועלכער עצהט מיך צו קומען און נישט צעשטערן אונדזער אַלטע פריינטשאַפט...

בקיצור, ער איז צו מיר אַזוי צוגעשטאַנען, אַז איך האָב בלית־ברירה מיט אים אָפּגעמאַכט צו ווערן שותף צום געשעפט.

מיר האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן אָבער קיין חשבון און קיין געלט האָב איך נישט געזען... ווען איך האָב געמאָנט עפּעס געלט, האָט ער געהאַט איין טענה: דאָס גאַנצע געלט איז ביי איר... בין איך צוגעשטאַנען צו איר, אַז מ׳דאַרף מאַכן חשבון, זיך אָפּרעכענען, האָט זיך די שיקסע געמאַכט נישט־וויסנדיק. האָב איך אָנגעהויבן צו רעדן ערנסטער, האָט זי מיך גענומען סטראַשען מיט סיגוראַנצע...

אַזוי זענען פאַריבער צוויי חדשים, אָן געלט און אָן חשבון, — ביז אין אַ טאָג, פאַרן אַרויספאָרן אין אַ צווייטער שטאָט, בין איך „פאַרשלאָפט" געוואָרן און די טרופּע איז אַוועקגעפאָרן אָן מיר. אָבער דאָס געשעפט האָט שוין סיי־ווי לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ביי די ערשטע צוויי וואָכן שלעכטע געשעפטן אויף דער פּראָווינץ, האָט מען שוין קיינעם נישט באַצאָלט און די טרופּע איז פון זיך אַליין אויפגעלייזט געוואָרן.

אָבער פאַר מיר פּערזענלעך האָט זיך נאָך די זאַך נישט געענדיקט. דער דאָזיקער פאַרשוין מיט דער שיקסע האָבן מיך אָנגעהויבן צו פאַר־פאָלגן, אַז איך זאָל זיי געבן געלט צו דעקן דעם דעפיציט וואָס איז גע־מאַכט געוואָרן אין מיין אָפּוועזנהייט... עס איז געווען אַ מעשה אָן אַן עק. די זאַך איז מיר נמאס געוואָרן, איבערהויפּט ווען עס האָט אויף מיר אָנ־געהויבן צו קומען מסירות איינע נאָך דער אַנדערער, — ביז אין אַ שיינעם טאָג בין איך אוועק פון רומעניע — ביז היינטיקן טאָג...

אָט אַזעלכע אונטערוועלט־מענטשן און מוסרים האָבן זיך אויך געפינען אין אַ פּאָר קלענערע שטעט. און טרויעריק איז געווען די לאַגע פון אַזאַ טרופּע וועלכע איז אַריינגעפאַלן צו די דאָזיקע בלוטזויגערס —וועלכע

„די פּוסטע קרעטשמע״ פון פּרץ הירשביין, אויפגעפירט אינעם אָדעסער מלוכה־טעאַטער אין יאָר 1919. איריס אַלס „שכנא״.

זענען, פאַרשטייט זיך, געווען נאָענטע שמעלקעס מיט די זיגוראַנצע— אין די הענט אַריין...

— —

און אָט ביי אַזעלכע לייט אין די הענט איז געלעגן דאָס יידישע טעאַטער אין רומעניע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אמת, עס זענען געווען צווישן די קאָנצעסיאָנערן אויך אָנשטענדיקע מענטשן, אָבער לײדער איז זייער צאָל געווען אַ גאַנץ קליינע. די מערהייט זענען געווען עם־הארצים, גראָבע יונגען, ממש גנבים, וועלכע האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט קאָנצעסיעס און אַבי זיי האָבן זיך נאָר „אויסגעטויגט“, — זענען זיי שוין געווען באַווארנט מיט פרנסה, אַ סך מער ווי דער בעסטער אַקטיאָר.

מיט יעקב פּ. אדלער

— געדענקט איריס, טאָמער וועט אײַך שײַנגאָלד פרעגן צי איר זענט אַ געשפּילטער „קלמן־משה“ אין „פרעמדן“, זאָלט איר זאָגן יאָ! איר הערט וואָס מ׳רעדט צו אײַך ?!! — אַזוי האָט מיר אין אַ פרימאָרגן אָנגעקלונגען דורכן טעלעפאָן אָסקאַר אָסטראָוו.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך, אָסטראָוו? — בין איך געווען נײַגעריק.

— איך קאָן אײַך אויפן טעלעפאָן גאָרנישט זאָגן, —האָט ער מיט אַלע כוחות אַרײַנגעשריגן אין טרײַבל— קומט שוין צו אין דער „יוניע“ (אַרטיסטן־פאַריין), וועל איך אײַך אַלץ אויפקלערן! פאַרלירט נישט קיין צײַט!

כ׳האָב קיין „צײַט נישט פאַרלוירן“, „געכאַפּט“ גלײַך די „סאָבוויי“ (הינטערגרונט־באַן) און אַוועק אין דער „יוניע“. אָסטראָוו האָט שוין געוואַרט אויף מיר אַן אומגעדולדיקער. ער האָט מיך גלײַך אַוועקגענומען אין אַ ווינקל פון גרויסן קאַפּע־הויז (די „יוניע“ האָט זיך דעמאָלט געפינען אויף סעקאָנד־עוועניו אין אַ גרויסן קאַפּע) און שלינגענדיק אויף גיך די ווערטער, אַזש פאַרכליניענדיק זיך, מיר גענומען דערקלערן:

— איר פאַרשטייט? יעקב אַדלער האָט דעם זונטיק אַ פאָרשטעלונג אין באָסטאָן, ער שפּילט „דער פרעמדער“ פון יעקב גאָרדין און לויט ווי איך האָב געכאַפּט אַ וואָרט פון שײַנגאָלדן, פעלט אים אויס צו דער פּיעסע די ראָל פון „קלמן־משהן“. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך קאָן אים רעקאָמענדירן אַ גרינעם אַקטיאָר, וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון אייראָפּע און איז אַ געשפּילטער „קלמן־משה“, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער וויל אײַך זען... דעריבער, אַז ער וועט אײַך פרעגן צי איר זענט אַ געשפּילטער, זאָלט איר זאָגן: יאָ! איר פאַרשטייט?... אויב איר...

— איר זענט משוגע געוואָרן? —האָב איך אים איבערגעשלאָגן— וואָס הייסט איך זאָל זאָגן יאָ? ערשטנס, בין איך נישט קיין געשפּילטער; צווייטנס, ווי קאָן איך זיך פאַרמעסטן מיט פּיטער גראַף, וועלכער האָט געשפּילט מיט אַדלערן די ראָל פון „קלמן־משה" כמעט דאָס גאַנצע לעבן, זייט גאָרדין האָט אָנגעשריבן די פּיעסע?... איר ווייסט דאָך, אַז דאָ אין אַמעריקע הייבן זיך אָן באַלד די פאַרגלייכענישן! וואָס־זשע ווילט איר, אַז איך זאָל טאַקע שוין דורכפאַלן? איבעריקנס, פאַרוואָס שפּילט נישט גראַף די ראָלע?... ניין, ניין! איך האָב מורא!...

אָסטראָוו האָט מיך אַ ווײַלע באַטראַכט, געשאָקלט מיטן קאָפּ און פּלוצים אויפן קול אַ געשריי געטון אַז פון די אַרומיקע טישלעך האָט מען זיך אַרומגעקוקט אין אונדזער זייט:

—איר זענט אַ יאָלד! אַ פּרייער!... איר האָט איצט די בעסטע געלעגנהייט צו שפּילן מיט יעקב אַדלער און מאַכן סוקסעס! איר פאַרשטייט נישט —האָט ער שוין רויקער פאַרגעזעצט, ציילנדיק די ווערטער— אַז אין אַמעריקע באַשטייט דאָס גאַנצע לעבן נאָר פון אַ גוטער געלעגנהייט, פון אַ צופאַל; ווילט איר איצט די געלעגנהייט דורכלאָזן?! גלייבט מיר — האָט ער זיך געקלאַפּט אין האַרצן — ווען איך זאָל נישט זיין זיכער, אַז איר וועט זיין אויסגעצייכנט אין דער ראָלע, וואָלט איך אייך אסור צוגערעדט. איר פאַרשטייט? גראַף איז קראַנק און איך האָב שיינגאָלדן זייער אַ סך אָנדערציילט וועגן אייך, אַז ער איז געוואָרן נייגעריק אייך צו זען; ווילט איר מיך איצט שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט?... דעריבער זאָג איך אייך נאָך אַמאָל, אַז איר זאָלט נישט זיין קיין „פּרייער" און אָננעמען דעם דזשאַב!... שאַ!... אָט גייט ער! —האָט ער אַ געשריי געטון— און נאָך איידער איך האָב באַוויזן עפּעס צו זאָגן, איז ער שוין געווען נעבן שיינגאָלדן.

***

כ'בין געבליבן זיצן מיט האַרץ־קלאַפּעניש. כ'האָב באַטראַכט פון וויטן דעם יונגן בחור וואָס איז מיט אַמאָל אַזוי לעבעדיק און באַרע־

דעוודיק געוואָרן. כ׳האָב זיך דערמאָנט, ווען נישט לאַנג צוריק איז ער געווען סופליאָר ביי אונדז אין דער טרופּע און פלעגט אָפט פאַרשפּעטיקן צו פּראָבע און ווען מ׳האָט אויף אים אָנגעשריגן, איז ער געווען אַזוי אומבאַהאָלפן, שעמעוודיק און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. און ווען איך האָב, אַהיימגייענדיק פון פּראָבע, אים געפרעגט אויף דער סיבה פאַר וואָס ער פאַרשפּעטיקט זיך תמיד צו פּראָבע און דערצו קומט ער נאָך אַ פאַרשלאָפענער, האָט ער מיר געגומען פילאָזאָפיש דערקלערן:

— איר פאַרשטייט? (דער „איר פאַרשטייט״ איז ביי אים געווען אַ מין הילפס־וואָרט) איר פאַרשטייט, איריס, איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, שוין אַזוי עטלעכע נעכט, אַז איך שלאָף נישט, עס הייסט: איך ווער אַנטשלאָפן זייער שפּעט און דערצו כאַפּ איך זיך אויף עטלעכע מאָל אין דער נאַכט...

— וואָס־זשע פּאַסירט מיט אייך ביינאַכט? — פרעג איך אים תמעוואַטע.

— ווייל... איך וויל זען ווי אַזוי אַ מענטש ווערט אַנטשלאָפן —ענט־פערט ער מיר גאַנץ נאַיִוו— איר פאַרשטייט? איך וויל וויסן דעם סוד וואָס אַ מענטש פילט ווען ער ווערט אַנטשלאָפן... אַזוי מאַטער איך זיך אָפּ אַ גאַנצע נאַכט און ווען כ׳האַלט שוין אָט־אָט ביים דערוויסן זיך, ווער איך פּלוצים אַנטשלאָפן...

— טפו! —בייטל איך אויס צו אים אַלע חלומות— ווען איר זאָלט אָבער זיין אַ מענטש, וואָלט איר זיך לייכט געקאָנט דערוויסן, ווי אַזוי אַ מענטשן ווערט אַנטשלאָפן... נאָר איר זענט דאָך נישט קיין מענטש, נאָר...

— וואָס הייסט איך בין נישט קיין מענטש? —האָט ער נאַיִוו פּראָ־טעסטירט— וואָס דען בין איך?

— אַ סופליאָר, — האָב איך געלאַכט...

— גייט, איר מאַכט חוזק... — האָט ער זיך שיעור נישט צעוויינט.

**
*

אָט אַזוי בין איך געזעסן פאַרטיפט אין מחשבות, זיך דערמאָנט

בילדער פון נישט־לאַנגער פאַרגאַנגענהייט. מיט אַמאָל איז ער אויסגע־וואַקסן נעבן מיר, מיך אַנגענומען פאַרן אָרעם און ממש געשלעפּט איבער דעם גרויסן סאַלאָן:

— קומט, איריס, שיינגאָלד זיצט דאָרט ביים טישל! און גייענדיק אַזוי האָט ער אין מיר אַריינגעשעפּטשעט: — געדענקט, איר זענט אַ גע־שפּילטער „קלמן־משה״!

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום טישל ווו שיינגאָלד איז געזעסן מיט נאָך אַ פּאָר יונגעלייט און אָסטראָוו האָט אויסגעשריגן:

— מיסטער שיינגאָלד! דאָס איז דער אַקטיאָר וואָס איך האָב אייך געזאָגט. באַקענט זיך: מיסטער שיינגאָלד, מיסטער „קלמן־משה״... כ׳מיין, מיסטער איריס... — האָט ער רויט־ווערנדיק זיך צוריקגעכאַפּט.

שיינגאָלד האָט אַפילו די „בולבע״ נישט געהערט. איך האָב זיך שיעור צעלאַכט. מיר האָבן זיך ביידע פאַרנייגט, עס הייסט, אייגנטלעך האָב איך זיך בלויז פאַרנייגט, שיינגאָלד איז געבליבן גלייכגילטיק, פאַרקערט, וועד־ליק זיין בליק אויף מיר, איז ער געוועזן אַ ביסל אַנטוישט. איך האָב גע־לייענט זיינע געדאַנקען: „ווער? אָט דאָס יינגל וועט שפּילן „קלמן־משהן״?..

ער האָט געכאַפּט אַזאַ האַלב־שטרענגן בליק אויף אָסטראָוון, וועלכן איך האָב געמאַכט זיך נישט זען. אָסטראָוו ווידער האָט צוגעלייגט די רעכטע האַנט צום האַרצן און געגעבן אַ באַדייטנדיקן שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ״, ווי איינער זאָגט: „מיסטער שיינגאָלד, זייט רויק! איך גאַראַנ־טיר!״... שיינגאָלד האָט מיט אַן ערנסטן בליק מיך באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ, פּונקט ווי אַ פערד־סוחר באַטראַכט אַ יינגן זשערעבעץ וועלכן ער וויל קויפן, דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט זיין טענאָר־שטימע, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט:

— ווייסט איר, יונגערמאַן, אַז איר דאַרפט שפּילן מיט יעקב פּ. אַדלער „דער פרעמדער״ פון יעקב גאָרדין? זענט איר אַ געשפּילטער „קלמן־משה״?

— זיכער... אַוודאי... — האָב איך רויט־ווערנדיק, דאָך דרייסט גע־ענטפערט— אָבער.. איר פאַרשטייט דאָך אַליין, היינט איז מיטוואָך און

די פאָרשטעלונג גייט שוין זונטיק, איז... טאָקע אַ געשפּילטער, אָבער איך וואָלט באַדאַרפט האָבן כאָטש אַ צוויי פּראָבן.

— זיכער, זיכער! —האָט ער שוין פריינטלעכער געענטפערט— אַלזאָ, פּרייטיק וועלן מיר מאַכן אַ פּראָבע ביי אַדלערן אין דער היים! — און זיך ווענדנדיק צו אָסטראָוון:— איר ווייסט דאָך ווו אַדלער וווינט?

— יעס, יעס, מיסטער שיינגאָלד! — האָט אַ שיינענדיקער אויסגערופן אָסטראָוו.

כ׳האָב זיך פאַרנייגט און מיר זענען אַרויס אויפן גאַס. אַ לייכט ווינטל האָט אַ ביסל אָפּגעקילט מיין צעהיצט פּנים. אָסטראָוו האָט אַזש אונטער־געטענצלט פאַר פרייד. איך בין געגאַנגען זייער שנעל, גלייך ווי כ׳וואָלט אַנטלאָפן פון אַ קאָשמאַר. אָסטראָוו איז כמעט געלאָפן, מיך צוהאַלטנדיק ביים אָרעם. כ׳האָב זיך געפילט שלעכט. דער אופן פון באַטראַכטן מיך האָט אויף מיר געווירקט. כ׳האָב שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק. אָסטראָוו האָט מיך באַגלייט אַהיים און דעם גאַנצן וועג אין הינטערגרונט־באַן מיך געטרייסט און געמאַכט גוט פילן.

איך בין שוין דעם מיטוואָכדיקן טאָג, ווי אויך דאָנערשטיק געבליבן אינדערהיים, גוט אויסגעלערנט מיין ראָלע און געוואַרט אויף מיין גורל...

פרייטיק אינדערפרי איז צו מיר געקומען אָסטראָוו און מיר זענען אַוועק אויף ריווערסייד־דרייוו, צו יעקב אַדלער אַהיים.

ביז צו יענער צייט האָב איך אַדלערן פערזענלעך קיינמאָל נישט געזען. איך האָב נאָר געהערט וועגן אים פאַרשידענע מעשיות און לעגענ־דעס און געקענט האָב איך אים נאָר פון די פאַרשידענע פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען כמעט יעדן פרייטיק דערשינען אויף די שפּאַלטן פון דער יידישער פּרעסע אין ניו־יאָרק.

יעקב אַדלער האָט שוין דעמאָלט קיין פּערמאַנענטן טעאַטער נישט געשפּילט, ווייל ער איז געווען האַלב־פּאַראַליזירט. ווען מיר זענען אַריין אין דער וווינונג וואָס אַ דינסט האָט אונדז געעפנט און דערוויסנדיק זיך דעם צוועק פון אונדזער באַזוך, איז זי גלייך פאַרשוווּנדן אין די איבעריקע צימערן. אַ היבשע ווילע זענען מיר געשטאַנען און פאָדער־צימער. מיין

נייגעריקייט צו זען דעם גרויסן יעקב אַדלער איז געווען אומגעהויער. פּלוצים האָבן מיר באַמערקט אַן אָפּענע טיר. מיט שטילע טריט האָבן מיר זיך דערנעענטערט צו איר און איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען דעם שיינעם אַדלער־קאָפּ מיט די ווייסע, ווייכע לאַנגע האָר. אַדלער איז געזעסן ביי אַ טישל אין אַ גרויסער ליכטיקער קיך, געהאַלטן אויף די קני אַ טעפּעלע און פון דאָרטן מיט אַ פּאַראַליזירטער האַנט, אַרויסגעשקראָבעט מיט אַ לעפל אַ מין מאכל און עס לאַנגזאַם, מיט אַ ציטערדיקער האַנט, צוגעטראָגן צום מויל. אַדלער איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין דער אכילה און אונדז נישט באַמערקט. איך האָב געהאַט צייט צו באַטראַכטן און באַוווּנדערן דעם נשר הגדול, פון וועמען אַקטיאָרן האָבן אַזוי פיל דערציילט, וועגן זיינע דערפאָלגן אַלס דירעקטאָר און שוישפּילער, וועגן זיינע אומגעהויערע ליבע־אַוואַנטורעס, וועגן זיין גרויסקייט, זיין שיינקייט, זיין קאָנען זיך אימפּאָנירן איבער דראַמאַטורגן, קריטיקער, אַקטיאָרן און אַפילו פרייוואַטע פּערזאָנען, וואָס האָבן צום טעאַטער קיין שייכות נישט געהאַט; ווי אַלץ האָט זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אַ געוויסער מורא; ווי אַלץ האָט אים אָפּגעגעבן כבוד, אים געחנפעט און זיך ממש געבוקט פאַר אים; ווי ער האָט געקיניגט אין דער טעאַטער־וועלט ווי אַ זעלבסטהערשער, ווי אַ מאָנאַרך, ווי אַ דיקטאַטאָר; וועגן זיין אופן פון קליידן זיך: די שענסטע אַנצוגן, שיך, העמדער, קראַוואַטן, קאַפּעליושן, שטעקנס פאַרשידענע מיט זילבערנע, גאָלדענע, מיט בריליאַנטן געפּאַסטע מאָנאָגראַמען; ווי ער פלעגט עטלעכע מאָל אין טאָג בייטן די קליידער, סתם אַזוי, צו ווייזן זיך פאַר מענטשן, זיך געפילט גליקלעך ווען ער האָט געקאָנט אַרויסרופן קנאה צוליב זיין הלבשה מיט זיינע גאָלדענע זייגערס, רינגען, טאַבאַק־דאָזעס, פּעלערינעס, צילינדערס אאַז״וו.

אַ זייער אינטערעסאַנטן פאַל האָבן אַקטיאָרן דערציילט וועגן אים:

איין מאָל אין אַ נאָכמיטאָג איז ער געגאַנגען שפּאַצירן אויף אַ רוישיקער גאַס אין ניו־יאָרק, ווען אַ שיכורער מאַטראָז האָט באַלעסטיקט די פאַרבייגייער און זיי טעראָריזירט. אַדלער איז פונקט אָנגעקומען, בעת דער מאַטראָז האָט פאַרפאָלגט צוויי עלעגאַנטע פרויען. דעמאָלט האָט ער

אויסגענוצט זײַנע אַקטיאָרישע פֿעיִקייטן און „אַרויסכאַפּנדיק‟ אַ געוויסן מאָמענט פֿון אַ מעלאָדראַמע, האָט ער געגעבן אַ געשריי:

— „שאַד אַפּ יו‟! (שווייג דו) — און פֿאַרענדיקט מיט אַ מיאוס וואָרט...

דער מאַטראָז איז מבולבל געוואָרן, זיך גלייך אויסגעניכטערט, אים סאַלוטירט ווי אַ גענעראַל און זיך גלייך אָפּגעטראָגן.

אַלע פֿאַרזאַמלטע האָבן אַדלערן לאַנג אַפּלאָדירט פֿאַר דער דראַמאַטישער סצענע. ער האָט זיך לײַכט פֿאַרנייגט ווי אויף דער בינע, אַרויסגענומען אַ ווייס טיכעלע, אַראָפּגענומען דעם צילינדער, זיך אָפּגעווישט דעם שטערן, די דינע נאָז און איז אַוועק אונטער רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן...

און נאָך אַזעלכע ענלעכע מעשיות האָט מען וועגן אים דערציילט. איז טאַקע דערפֿאַר געווען פֿאַר מיר גרויס די איבעראַשונג, ווען איך האָב אים פּלוצים דערזען פֿאַר מיר אַז איינגעהויקערטן, פּאַראַליזירטן זקן, וואָס האָט אַמאָל אַזוי „געברענט אַ וועלט‟.

— העלאָ, מיסטער אַדלער! — האָט אַסטראָוו פּלוצים אויסגעשריגן.

אַדלער האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן פֿון דעם אומגעריכטן „העלאָ‟, ער האָט לאַנגזאַם אויסגעדרייט צו אונדז דעם קאָפּ און אונדז דורכגע־שטאָכן מיט אַ בייזן בליק.

—איך... —האָב איך געשטאַמלט— ס׳הייסט מיר... זענען געקומען צו פּראָבע... מיסטער שיינגאָלד האָט... אַנטשולדיקט!...

ער האָט עפּעס געמורמלט אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער, אַנוויזנדיק מיטן קאָפּ אויף אַהין, דאָס הייסט: „ער ווייסט גאָרנישט, דאָרטן וועט מען אונדז שוין דערקלערן‟...

איך האָב זיך אַביסל פֿאַרלוירן, זיך נאָך אַמאָל אַנטשולדיקט און הינטערווײַלעכץ זיך צוריקגעצויגן פֿון דער אָפֿענער טיר.

— יעס! — האָט אָפּגעקלינגען אַ פֿרויען־שטימע הינטער אונדזערע פּלייצעס.

מיר האָבן זיך שנעל אויסגעדרייט און דערזען פֿאַר זיך סערע אַדלער, די פֿרוי פֿון יעקב אַדלער. אַן עלטערע פֿרוי מיט שפּורן פֿון אַמאָליקער

שיינקייט, וועלכע האָט כסדר געשאָקלט מיטן קאָפּ: „ניין ניין". זי האָט גלייך אָנגעהויבן אויף ענגליש, מיר זאָלן איר דערקלערן וואָס מיר פאַרלאַנגען. מיר האָבן איר אויף יידיש דערקלערט די סיבה פון אונדזער באַזוך, דאָס הייסט, אַז מיסטער שיינגאָלד האָט אונדז באַשטעלט אויף פּראָבע און צו ער איז שוין דאָ?

— אַך, פּראָבע? האַ? יעס! — האָט זי געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ: „ניין ניין". — אָלרייט, קומט אַריין!

זי האָט אונדז אַריינגעפירט אין שלאָף־צימער, אַליין האָט זי זיך געזעצט אויף איינעם פון די צוויי בעטן, אונדז האָט זי געהייסן זיך זעצן קעגנאיבער אויפן צווייטן בעט. מיר האָבן אויטאָמאַטיש אויסגעפאָלגט אַלץ וואָס זי האָט געהייסן.

— ווער איז דאָס דער עקטער (אַקטיאָר) —האָט זי געפרעגט— איר צו איר?

אַסטראָוו האָט אָנגעוויזן אויף מיר.

— איז וועמען דאַרפט איר שפּילן, יונגערמאַן?

— „קלמן־משהן" — האָב איך רויט־ווערנדיק געענטפערט.

— אָלרייט! איר האָט די פּיעסע? —האָט זי זיך געווענדט צו אַסטראָוון,— איר זענט סופלער? אָלרייט, הייבט אָן!

כ׳האָב זיך מיט אַסטראָוון איבערגעקוקט, נישט אָנהייבנדיק צו פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר און וואָס פאַר אַ סאָרט פּראָבע דאָ וועט זיין. כ׳האָב זיך אָנגעהויבן צו דענערווירן. אַסטראָוו האָט פאַרשטאַנען מיין אויפרעגונג, ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך אַ ביסל פאַרלוירן. איך האָב זיך נישט דרייסט געווענדט צו סערע אַדלער:

— אַנטשולדיקט, מיסעס אַדלער!... און... ווו איז מיסטער שיינגאָלד?..

— ס׳אָלרייט —האָט זי שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מיר געענטפערט— איך וועל מאַכן פּראָבע מיט אייך. הייבט אָן! — האָט זי שוין געזאָגט מער באַפעלעריש.

אין איר האָט זיך דערוועקט די אַמאָליקע דירעקטאָרשע, וועלכע איז געווען געוווינט צו הערשן און באַפעלן. דאָס האָט מען באַלד באַמערקט



ש. אידיס אין אַ כאַראַקטער־ראָלע אין דער פּיעסע „ייד זיס" פון פויכטוואַנגער.

אין דער גרימאַסע וואָס זי האָט געמאַכט און אָנגעהויבן מיט אַ טאָן פון אַ שטרענגן רעזשיסאָר. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, צערעכט געמאַכט אירע שוין גענוג גרויע האָר, די אויגן האָבן זיך ביי איר צעפינקלט, כאָטש זיי זענען געווען ביי איר אַביסעלע פאַרזשמורעט. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ געוויסע נערוועזיטעט, שטאַרקער געשאָקלט מיטן קאָפּ: „ניין ניין" און אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן די פּראָבע, זיצנדיק אויףביידע בעטן.

איך האָב זיך מוראדיק געערגערט פון דער גאַנצער סצענע.

אַזוי ווי זי האָט געקענט כמעט אַלע ראָלן פון דער פּיעסע זייער גוט, האָט זי פאַרטראָטן דעם גאַנצן אַנסאַמבל. זי האָט גערעדט פאַר אַלעמען. באַלד ביי די ערשטע פּאָר ווערטער וואָס איך האָב אַרויסגערעדט, האָט זי מיר גלייך געמאַכט אַ באַמערקונג. איך האָב זיך געפילט אומבאַקוועם. זי האָט מיך ווידער אָפּגעשטעלט מיט אַ באַמערקונג. איך האָב זיך אָנ־געהויבן אויפרעגן. אָסטראָוו האָט מיך געצויגן ביים אַרבל איך זאָל זיך פאַרהאַלטן רויק און האָבן געדולד. איך האָב פאַרגעזעצט די פּראָבע שוין אין גרויסער אויפרעגונג, אַזוי, אַז איך האָב שוין נישט געוווסט וואָס איך רעד. זי האָט זיך אויף מיר צעשריגן:

— ניין, יונגערמאַן!... נישט אַזוי דאַרף מען באַטאָנען דעם זאַץ, נאָר אַזוי... — און האָט גלייך אָנגעהויבן רעדן די פּראָזע פון מיין ראָלע.

כ'האָב געפילט ווי דאָס בעט ברענט אונטער מיר. כ'האָב שוין לענ־גער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך געווענדט צו איר, צומאַכנדיק די פּיעסע וועלכע אָסטראָוו האָט געהאַלטן אויף די קני:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מיסעס אַדלער, דאָס איז דאָך קיין פּראָבע נישט!... איבערהויפּט ביי די דאָזיקע אומשטענדן, זיצנדיק אויפן בעט און... עס האָט דאָך נישט קיין זין...

זי האָט, משמעות, דערפילט, אַז איך לאָז זיך נישט מער דאָמינירן, אַז איך נעם ביי איר צו די רעזשיסאָרישע קרוין. זי האָט זיך אַ ווײַלע אויפגערעגט, זייער שנעל געשאָקלט מיטן קאָפּ, ענדלעך האָט זי באַהערשט איר נערוועזיטעט, ווידער צערעכט־געמאַכט אירע האָר, אַ וויש־געטון מיט

צוויי פינגער אירע פאַרשנורעוועטע ליפּעלעך און אַ באַליידיקטע אַ זאָג־געטון:

— מיסטער, איך דאַרף זיין אַ גרויסער כבוד, ווען סערע אַדלער מאַכט מיט איך פּראָבע!...

— עס איז פאַר מיר זיכער נישט קיין אומכבוד — האָב איך מיט אַ געמאַכטן שמייכל איר געענטפערט, — אָבער איך בין נישט געקומען אַהער איר זאָלט מיך עקזאַמינירן...

— ס'אָלרייט — האָט זיך געזאָגט, זיך אויפהייבנדיק פון בעט און דערמיט געגעבן אָנצוגעהערן, אַז די פּראָבע איז געענדיקט.

אויף אונדזער „גודבאַי" האָט זי שוין נישט געענטפערט און מיר זענען ווי פאַרשולדיקטע אַרויס פון הויז.

אינדרויסן האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט, אָבער נאָך אַלץ אונטער דעם איינדרוק פון דער שיינער „פּראָבע", האָב איך מיין ביטער האַרץ אויסגעלאָזט צו אַסטראָוון, דעם שולדיקן אין גאַנצן עסק.

— עס איז אָבער פאַרט פאַר איך אַ גרויסע זכיה — האָט ער זיך פאַרענטפערט — איר ווייסט וואָס עס מיינט פאַר איך צו שפּילן מיט יעקב אַדלער?

— יאָ, — זאָג איך — אַ גרויסע זכיה און דורכפאַלן מיט אַ קנאַק...

— ניין! — איז ער איינגעשפּאַרט — צו מאַכן אַ גרויסן סוקסעס און ווערן פּאָפּולער! ס'איז אַמעריקע!...

— אַמעריקע? אַזאַ יאָר אויף... — האָב איך שיעור נישט פאַרענדיקט מיט אַ קללה. — אָלרייט, קומט אין דער „יוניע" וועלן מיר זען שיינגאָלדן.

— אָבער געדענקט, זיך נישט אויפרעגן מיט אים! — האָט מיך אַסטראָוו געוואָרנט.

— גוט, גוט; קומט!

מיר האָבן אַזוי געוואַרט אַ פּאָר שעה אין קאַפע, ביז שיינגאָלד איז ענדלעך געקומען. איך בין גלייך צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ טענה וועגן פּראָבע.

ער האָט זיך זייער פריינטלעך אַנטשולדיקט און מיך באַרויִקט, אַז

מ׳וועט שוין אין באָסטאָן מאַכן פּראָבע, אין טעאַטער... ער האָט מיר געגעבן אַ באַן־בילעט מיט אַ בעט צום שלאָפן און מיר אָנגעזאָגט נישט צו פאַרשפּעטיקן צו דער באַן, וועלכע גייט־אָפּ שבת אַכט אַזייגער מיט מינוטן אין אָוונט. זיך מיט מיר זייער וואַרעם געזעגנט און איך בין אַ באַרויִקטער אַוועק אַהיים זיך צוגרייטן צו דער רייזע קיין באָסטאָן.

כאָטש די רייזע איז געווען אַ גוטע, מיט אַ ווייך באַקוועם בעט צום שלאָפן, פונדעסטוועגן האָב איך אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטון קיין אויג. איך בין אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון די לעצטע געשעענישן און פול מיט דאגות פאַר דער מאָרגנדיקער פאָרשטעלונג. כ׳בין עטלעכע מאָל „דורכגעגאַנגען" אין געדאַנק מיין ראָלע, וועלכע איך האָב כמעט געקענט אויף אויסנווייניק, אָבער מיין האַרץ האָט זיך געשראָקן: פאָרט נישט געווען קיין געשפּילטער אין דער פּיעסע, חוץ דעם האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די פּראָבע וועט זיין אַ לייכטע, ווייל דער גאַנצער אַנסאַמבל איז דאָך אַזוי פיל מאָל אַ געשפּילטער, וועט מען נאָר „דורכגיין" מיינע סצענעס... און די שוישפּילער זענען דאָך אַלע פאַר מיר אומבאַקאַנטע, וועלכע איך האָב אין מיין לעבן קיינמאָל נישט געזען... און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, — איז עס אַזוי געווען. דער אַנסאַמבל איז באַשטאַנען בלויז פון די מיטגלידער פון דער אַדלער־פאַמיליע: יעקב אַדלער, סערע אַדלער, סטעלאַ אַדלער, לוטער אַדלער, פרענציס אַדלער, יאָזעף שיינגאָלד (אַדלערס איידעם), — אַלע געשפּילטע אין דער פּיעסע זייט לאַנגע יאָרן, איז וואָס פאַראַ אינטערעס קאָנען זיי שוין אַלע האָבן צו קומען מאַכן פּראָבע מיט עפּעס אַ גרינעם וואָס דאַרף שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע ווי „קלמן־משה"?...

וואָס אַנבאַלאַנגט די ראָלע פון „נפתלי־הערץ", וואָס אַדלער האָט באַדאַרפט רעפּרעזענטירן, האָב איך זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן: ווי אַזוי קאָן, כמעט אינגאַנצן אַ פּאַראַליזירטער שוישפּילער, וואָס רעדט קוים אַרויס אַ וואָרט, זיך ספּראַווען מיט אַזאַ אויפגאַבע?

אָט מיט אַזעלכע מחשבות, פון אַ גאַנצער נאַכט נישט שלאָפן, בין איך אין דעם זייער קאַלטן זונטיקדיקן פרימאָרגן אָנגעקומען קיין באָסטאָן. כ׳בין אַראָפּ פון דער באַן זייענדיק זיכער, אַז עס וועט מיך ווער אָפּוואַרטן

און מיך נעמען ערגעץ אין אַ האָטעל. אָבער ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז מיין האָפענונג געווען אַן אומזיסטע. כ׳בין אַזוי געשטאַנען אויפן וואָקזאַל גוטע פופצן מינוט, אָדער אפשר מער, ווייל די צייט האָט ביי מיר אויסגעזען אַן אייביקייט... די אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן זענען זיך שנעל צעפאָרן און איך בין געבליבן אַליין. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, זוכנדיק מיט די אויגן עפּעס אַ מענטשן, וועמען צו פרעגן וווהין צו גיין, — אָבער ליידער האָבן זיך אַזעלכע נישט באַוויזן.

פון יענער זייט וואָקזאַל איז געשטאַנען אַ טאַקסי און מיך גערופן מיט דער האַנט, אָבער איך האָב זיך נישט געקאָנט באַשליסן. געטראַכט: אפשר וועט פּאָרט עמעצער קומען מיך אָפּוואַרטן... ס׳קאָן דאָך אַנדערש נישט זיין! אָבער ווען כ׳האָב זיך איבערצייגט, אַז מיין וואַרטן איז אומזיסט, בין איך צוגעגאַנגען צום שאָפער, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען און אים געזאָגט אויף אַ שלעכטן ענגליש:

— „פּליז, איי וואָנט טו גאָ וואָ פּלעי דזשויש טודעי״ — אויף יידיש הייסט עס: איך וויל גיין ווו מ׳שפּילט היינט יידיש...

דער שאָפער האָט געזען מיט וועמען ער האָט צו טון, האָט ער מיר אויפגעעפנט די טיר פון דער טאַקסי און מיך געהייסן אַריינקריכן. איך האָב אים געפאָלגט און מיר זענען אַוועקגעפאָרן. און געפאָרן זענען מיר לאַנג. יעדע מינוט האָט מיר אויסגעזען אַ שעה. איך האָב געקוקט אויפן זייגער וואָס ציילט די מיילן און קלאַפּט אויס דעם פּרייז, און יעדער קלאַפּ האָט מיר געגעבן אַ טיאַקקע אין האַרצן, ווייל מיין גאַנץ פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון קנאַפּע צוועלף דאָלאַר. ענדלעך, ווען דער זייגער האָט שוין אָנגעוויזן ביי די זעקס דאָלאַר, האָט זיך דער שאָפער אָפּגעשטעלט נעבן אַ געביידע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ביליקער קינאָ, אָדער עפּעס אַ סאַלאָן. אויף די ווענט זענען געווען צעקלעפּט יידישע אַפישן און פלוגבלעטלעך פון אַ נישט יוניע־טרופּע —ווי איך בין שפּעטער געוויר געוואָרן— וואָס האָט נישט לאַנג דאָ געשפּילט יידיש טעאַטער. איך האָב זיך געווענדט צום שאָפער ווידער אויף ענגליש:

— נאָ, סער! —האָב איך געשריגן— „איי וואָנט טו גאָ וואָ פּלעי

אַדלער! דזשייקאָב אַדלער!" — (ניין, איך וויל גיין ווו עס שפּילט אַדלער, יעקב אַדלער...)

איך בין געווען זיכער, אַז ער ווייסט ווער אַדלער איז, אָבער אַ נעכ־טיקער טאָג! דער גוי הייבט נישט אָן צו וויסן! האָב איך נאָך אַ מאָל גע־שריגן און געמאַכט מיט די הענט: „אַדלער!" „עדלער!". ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע עפּעס געזאָגט, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען, און ענדלעך אַרויסגעברומט: „קאָם אָן!". איך בין אַרײַן צוריק אין טאַקסי און מיר זענען ווידער לאַנג געפאָרן, דאַכט זיך נאָך לענגער ווי פריִער, ביז ער איז געבליבן שטיין ביי אַ גרויסן טעאַטער און גלייך האָט זיך מיר גע־וואָרפן אין די אויגן ריזיקע אַפישן אויף ייִדיש, מיט דעם נאָמען יעקב פּ. אַדלער אין „דער פרעמדער".

איך בין מיט פריידן אַראָפּגעשפּרונגען פון דער טאַקסי, באַצאָלט דעם שאָפער פאַר דער רייזע. דאָס טעאַטער איז געווען פאַרמאַכט. בין איך צו־געגאַנגען צו אַ זייטיקער טיר אויף וועלכער ס'איז געווען אָן אויפשריפט: „סטיידזש" (בינע) און האָב אָנגעקלאַפּט, — קיינער האָט נישט געענטפערט. כ'האָב געפּרוּווט די טיר, — זי איז געווען פאַרשלאָסן. אינדרויסן איז געווען זייער אַ קאַלטער פרימאָרגן. איך האָב שטאַרקער אָנגעקלאַפּט. נאָך אַ פּאָר מינוט האָט די טיר זיך געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן דער פּאָרטער פון טעאַטער, אַ פאַרשלאָפענער, אַ בייזער און מיך עפּעס גע־פרעגט, וואָס איך האָב, נאַטירלעך, נישט פאַרשטאַנען. האָב איך ווידער געשריגן: „אַדלער", „עדלער"! דער פּאָרטער איז נאָך בייזער געוואָרן, מיר געוויזן זיין האַנט־זייגער און דערביי געזאָגט אַ מיאוס וואָרט, וואָס איך האָב גראָד יאָ פאַרשטאַנען... און מיר פאַרקלאַפּט די טיר פאַר דער נאָז.

איך בין געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענער און ערשט זיך גע־געבן רעכענונג, אַז עס איז אינגאַנצן ערשט אַכט אַ זייגער אינדערפרי און וועלכעס טעאַטער עפנט זיך אויף פאַר צען? כ'האָב זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס אַלס טעאַטער־מענטש זאָל איך נישט וויסן אַזאַ עלעמענ־טאַרע זאַך. כ'האָב נישט געוווסט וואָס צו טון. בלייבן וואַרטן ביים טעאַטער אין אַזאַ פראָסטיקן פרימאָרגן ביז צען אַ זייגער, איז אוממעגלעך און

איבעריקנס האָט עס נישט קיין זין. וווהין צו גיין ווייס איך נישט; קיין סך געלט אין קעשענע האָב איך אויך נישט, כ׳האָב עס כמעט אין גאַנצן אַוועקגעגעבן פאַר דער טאַקסי. כ׳האָב זיך אויף אַ מינוט פאַרלוירן. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן זוכנדיק הילף. פּלוצים האָב איך אויף דער צווייטער זייט גאַס דערזען אַ שילד מיטן וואָרט „האָטעל״. האָב איך באַשלאָסן: וואָס ס׳וועט זיין זאָל זיין! כ׳בין גלייך אַריין אַהין, מ׳האָט מיר באַלד געגעבן אַ וואַרעם צימער מיט אַ ווייך בעט, כ׳האָב געבעטן אַ גלאָז טיי, זיך דערוואַרעמט און פון מידקייט און פון די לעצטע איבערלעבונגען, האָב איך זיך אינעם אָנגעטועכץ אַריינגעוואָרפן אין בעט און געשמאַק איינגעשלאָפן.

דער עול וואָס איז אויף מיר געלעגן האָט מיך ניט געלאָזט רוען און נאָך אַ שעה צייט האָב איך זיך אַן אומרויִקער אויפגעכאַפּט, געמיינט מי־יודע ווי שפּעט ס׳איז שוין. עס איז געווען אַ פערטל נאָך ניין. כ׳בין באַלד אַראָפּ צום טעאַטער און אים ווידער געטראָפן פאַרמאַכט. בין איך שוין ווידער געוואָרן פאַרצווייפלט: דער טאָג גייט אַוועק און מ׳דאַרף מאַכן פּראָבע... און אפשר וואַרט אויף מיר שייגאָלד און איז באַאומרויִקט וואָס איך בין נישטאָ?...

איך בין געשטאַנען ביים טעאַטער, פאַרטיפט אין אַזעלכע געדאַנקען, ווייל איך האָב די זאַך גענומען צו־ערנסט, פיל ערנסטער ווי מ׳וואָלט אפשר באַדאַרפט... פּלוצים האָט זיך צום טעאַטער דערנעענטערט אַ יונגער־מאַן און גענומען לייענען די גרויסע קאָלירטע אַפישן וואָס זענען געווען אויסגעקלעפּט אינעם פראָנט פון טעאַטער. כ׳האָב זיך דערפרייט; זיכער אַ ייִד! כ׳האָב זיך גלייך געווענדט צו אים מיט דער פראַגע צי ער איז טאַקע אַ ייִד? ער האָט אַ שמייכל־געטון און באַשטעטיקט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. כ׳האָב אים אויף שנעל דערציילט די גאַנצע מעשה, אַז איך בין אַ גרינער אַקטיאָר, געקומען פון ניו־יאָרק צו שפּילן היינט אין אָוונט מיט יעקב אַדלער און איך מוז נאָך מאַכן פּראָבע און כ׳ווייס נישט ווו אים צו גע־פינען; וואָלט איך אים געפאָרן זוכן, — האָב איך פּשוט קיין געלט נישט, ווייל כ׳האָב באַצאָלט היינט פאַר אַ טאַקסי קנאַפּע צען דאָלאַר.

דער יונגערמאַן האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און איז געווען זייער צופרידן וואָס ער קאָן עפּעס טון פאַר אַן אַקטיאָר, וואָס דאַרף שפּילן מיט יעקב אַדלער און מיך גלייך באַרויִקט:

— דאָס אַלץ זענען קלייניקייטן, —מאַכט ער צו מיר— קומט מיט מיר!

מיר זענען געפאָרן זייער לאַנג מיט דער הינטערגרונט־באַן, דערנאָך מיט אַ טראַמוויי, — ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ טעאַטער אין וועלכן עס האָט געשפּילט אַ פּערמאַנענטע טרופּע, אונטער דער דירעקציע פון יוליוס נאַטאַנזאָן. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ פּאָר אַקטיאָרן.

דער יונגערמאַן וואָס האָט מיך באַגלייט האָט זיך באַלד דערוווסט אין וועלכן האָטעל אַדלער שטייט איין. מיר האָבן קיין צייט נישט פאַרלוירן און זענען באַלד אַוועק אין אָנגעוויזענעם האָטעל, וועלכער האָט זיך גע־פינען טאַקע אויפן וואָקזאַל גופא, דאָס הייסט, די געביידע פון האָטעל איז געווען אונטער איין דאַך מיט דער געביידע פונעם וואָקזאַל, מיט וועלכן איך בין מיט צוויי שעה צוריק אָנגעקומען...

מיר זענען ביידע אַריין אין האָטעל. איך האָב אָנגעקלאַפּט צו שיינ־גאָלדן אין צימער. ער האָט זיך מיט מיר דערפרייט ווי מיט אַן אַלטן פריינט:

— מיסטער איריס! ווו זענט איר? איך האָב שוין איבערגעקלערט וועגן אייך. איך האָב דאָך פאַר אייך צוגעגרייט אַ צימער אין דעם האָטעל.

איך האָב אים דערציילט די גאַנצע מעשה וואָס מיט מיר האָט פּאַ־סירט פאַר די לעצטע צוויי שעה.

— איי, איי, אַ גרינער בלייבט אַ גרינער —האָט ער געלאַכט— אָבער עס איז אָלרייט, זאָרגט נישט, עס וועט זיין גוט, —האָט ער מיך באַרויִקט— איר זייט פּינקט אַ זייגער אין טעאַטער, וועלן מיר מאַכן אַ גוטע פּראָבע אויף דער בינע.

דער יונגערמאַן וואָס האָט מיך באַגלייט האָט מיך שוין נישט אָפּגע־לאָזט. מיר האָבן צוזאַמען געמיטיקט אין אַ גוטן רעסטאָראַן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זענען גאָר לאַנדסלייט. און מיין פּנים איז אים

באַלד געװוען באַקאַנט, װוען ער האָט מיך געזען שטײן נעבן טעאַטער. און איצט, װוען ער האָט געהערט װי שײנגאָלד האָט מיך אָנגערופן בײם נאָמען, איז ער ממש גליקלעך װאָס ער האָט זיך מיט מיר געטראָפן אין אַמעריקע:
— עפּעס אַ קלײניקײט, אונדזער שמואל איריס! — האָט ער מיט באַ־

ש. איריס אין דער ראָל פון פּאָטער אין „בערטשיק אין אַמעריקע"

גײַסטערונג אויסגערופֿן— איך געדענק נאָך ווען איר האָט געשפּילט מיט די „לוביטעלעס" אין ריידלס זאַל!

— אַזוי, איר געדענקט? —בין איך געווען צופֿרידן— איר זענט שוין לאַנג אין אַמעריקע?

— שוין דאָס אַכטע יאָר —האָט ער געענטפֿערט,— אָבער איצט איז נישט די צייט צו רעדן וועגן דעם, ווייל איך זע אין אייך, אַז איר זענט זייער מיד, איר מוזט זיך אויסרוען, איר דאַרפֿט דאָך בייַנאַכט שפּילן מיט יעקב אַדלער, ס'איז נישט קיין קלייניקייט! אַלזאָ, מיר וועלן זיך זען בייַנאַכט אין טעאַטער, וועלן מיר שמועסן, קומט!

ער האָט מיך אָפּגעפֿירט אין מיין האָטעל, זיך מיט מיר וואַרעם גע־זעגנט און איז אַ צופֿרידענער אַוועק. כ'האָב זיך באַלד אַרייַנגעלייגט אין בעט, געוואָלט נאָכאַמאָל דורכקוקן מיין ראָל, אָבער ביי די ערשטע פּאָר שורות בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן. כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט נאָך פֿיר אַ זייגער, זיך אָפּראַזירט, געמאַכט זיך אין אָרדענונג און בין אַוועק אין טעאַטער צו פּראָבע און גלייכצייטיק זיך באַקענען מיט די אַקטיאָרן מיט וועלכע איך דאַרף אין אַ פּאָר שעה אַרום שפּילן.

דעם פּאָרטער האָט איך געטראָפֿן ביי דער אָפֿענער טיר, אָנגעטאָן אין זיין אוניפֿאָרם. ער האָט מיך עפּעס געפֿרעגט, איך האָב אים געענטפֿערט: „עקטער", „סטיידזש" (אַקטיאָר, בינע) און אים געוויזן מיט די הענט, אַז איך דאַרף אַרויפֿגיין אויף דער בינע צו פּראָבע. ער האָט מיר אָנגעוויזן וווהין צו גיין און איך בין אַרויף גלייך אויף דער בינע. די בינע איז געווען ליידיק און ריזיק־גרויס, ווערדליק פֿאַר אַן אָפּערע. דאָס טעאַטער האָט טאַקע אַזוי געהייסן: „באָסטאָן אָפּערע האַוז". איך בין געשטאַנען אַ ווײַלע אויף דער טונקעלער בינע, פּלוצים דערהער איך אַ געשפּרעך פֿון מער מענטשן. איך קוק זיך אום און דערזע אַ פּאַס ליכט וואָס האָט אַרויס־געשיינט אויף דער בינע דורך אַן אָפֿענער טיר. איך האָב זיך געלאָזט גיין גלייך אַהין און בין אַריין אין אַ זייער גרויסן צימער, וואָס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט דעקאָראַציעס. אין אַ ווינקל פֿון דעם צימער האָב איך באַמערקט דריי יונגעלייט, וועלכע האָבן געפֿירט אַ שמועס צווישן

זיך אויף ענגליש, לויטן אויסזען — יידישע אַקטיאָרן. זיי האָבן מיין אַריינ־קומען נישט באַמערקט. איך האָב זיך דערנעענטערט צו זיי און גלייך געפרעגט:

— אַנטשולדיקט, איר זענט יידן?

אַלע דריי זענען געוואָרן איבעראַשט פון מיין פּלוצימדיקן דערשיינען. איינער פון זיי, אַ לאַנגער, וואָס איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו מיר, האָט בלויז אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין מיין זייט און דורכן אַקסל מיך געפרעגט:

— „וואט דו יו וואנט״? (וואָס איך וויל).

— איר זענט יידן? יידישע אַקטיאָרן?

— „יעס סער״! — האָט דער זעלבער מיט אַ געוויסן גדלות געענט־פערט.

— איר פאַרשטייט, —זאָג איך— איך בין אויך אַן אַקטיאָר, נישט לאַנג אין לאַנד. איך בין היינט געקומען פון ניו־יאָרק. מיסטער שיינגאָלד האָט מיך באַשטעלט אויף פּראָבע; ער איז נישטאָ?

אַלע דריי האָבן מיך באַטראַכט אויפמערקזאַם. דער לאַנגער וואָס האָט געקוקט אויף מיר דורכן אַקסל, בלויז מיט איין זייט פּנים, האָט עפּעס געזאָגט אויף ענגליש און פאַרענדיקט אויף יידיש מיט אַ האַרטן אוקראַיִנישן אַקצענט:

— הם... אַ גרינער? אַ גרינער אַקטיאָר?..

— יאָ, אַ גרינער... אָבער שיינגאָלד?... איך מוז דאָך כאָטש האָבן איין פּראָבע — האָב איך געשטאַמלט.

קיינער האָט מיר נישט געענטפערט. דער לאַנגער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די אַנדערע צוויי און זיי האָבן פאָרגעזעצט זייער געשפּרעך אויף ענגליש און זיך אויף מיר מער נישט אומגעקוקט. די דאָזיקע באַנע־מונג זייערע האָט מיך אַ ביסל שאָקירט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין באַציִונג פון חברים צו אַ חבר? און אַז איך בין אַ גרינער, דאַרף מען מיך איגנאָ־רירן? ניין! אין אייראָפּע איז צווישן אַקטיאָרן נישט געווען אַזאַ מין באַ־

נעמונג צו אַ פרעמדן אַקטיאָר, פאַרקערט, מ׳האָט אים ווי וויט מעגלעך מקרב געווען.

אָט אַזעלכע מחשבות זענען מיר געקומען אויפן געדאַנק. עס האָט מיך זייער שטאַרק פאַרדראָסן די איגנאָראַנץ, איבערהויפּט פון דעם לאַנגן אַקטיאָר מיטן אוקראַיִנישן אַקצענט און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן, איז צווישן זיי געווען איינער אַ סופליאָר, וואָס האָט טאַקע באַ־דאַרפט סופלירן די פאַרשטעלונג. דער לאַנגער האָט באַדאַרפט שפּילן עפּעס אַ קליינע ראָל אַן ווערטער —אַ רב, אין ערשטן אַקט— און דער דריטער איז גלאַט געקומען בייזיין די פּראָבע... אַלע דריי זענען געווען אַקטיאָרן פון דער אַרטיקער טרופּע, וועלכע נאַטאַנזאָן האָט „אויסגעבאָרגט“ צו דער היינטיקער פאַרשטעלונג.

די צייט איז דערווייל נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. איך האָב זיך ווידער אָנגעהויבן ערגערן: עס איז שוין נאַכט, שיינגאָלדן זעט מען נישט און קיין פּראָבע מאַכט מען נישט. צוויי פון די בייוועזנדע אַקטיאָרן האָבן פאַררויכערט. איך, קוקנדיק אויף זיי, האָב אויך געטון דאָס זעלבע. דער לאַנגער האָט צו מיר אויסגעדרייט דעם קאָפּ מיטן סיגאַרעטל אין מויל און דורכן אַקסל מיך שטרענג געוואָרנט, אַלץ אויף ענגליש:

— מיסטער, דאָ איז פאַרבאָטן צו רויכערן! — און מיר געוויזן אויף אַ צעטל וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צו דער וואַנט.

— פאַר וועמען איז פאַרבאָטן? בלויז פאַר גרינע? — האָב איך מיט געניוג איראָניע געפרעגט.

דער לאַנגער האָט זיך אַ ביסל אויפגערעגט, געצוקט מיט די אַקסל, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיינע חברים און אָנגעוויזן אויף מיר, וואָס פאַר אַ חוצפּהניק איך בין... איך האָב אָבער נישט אָפּגעטראָטן:

— ניין, מיסטער! איר ענטפערט מיר אויף יידיש, נישט אויף ענגליש! פאַר וועמען איז פאַרבאָטן?... פאַר מיר יאָ און פאַר אייך נישט?...

עס האָט געהאַלטן ביים אויסברעכן אַ שטיקל אינצידענט. דער סופ־ליאָר איז צוגעקומען צו מיר, כדי מיך צו באַרויקן.

— נו, מיסטער, נעמט עס נישט פאַר שלעכט, ער האָט געמאַכט אַ וויץ... אַנטשולדיקט, ווי איז אייער נאָמען?

איך האָב אים געזאָגט.

— זאָגט־זשע אַזוי! איר זענט מיסטער איריס? איך האָב געהערט פון אייך; לעבעדיעוו האָט וועגן אייך אַ סך גערעדט, פישזאָן אויך. אַזוי, אַזוי — האָט ער אַ צופרידענער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

ער האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט אויף געוויסע אַקטיאָרן פון אייראָפּע, וועגן צושטאַנד פון יידישן טעאַטער דאָרט און אַזוי ווייטער.

פּלוצים האָט זיך דערהערט שיינגאָלדס קלינגענדיקע שטימע, וועלכע האָט מיט עמעצן דיסקוטירט. מיר זענען אַלע אַרויף אויף דער בינע, וואָס איז שוין געווען אַ ביסל באַלויכטן און איידער מיר האָבן באַוויזן זיך צו באַגריסן, האָט אים עמעצער אָוועקגערופן. אויף דער פראַגע פון סופליאָר וועגן פּראָבע, האָט ער לויפנדיק געענטפערט:

— איין מינוט! איין מינוט! איך קום שוין צוריק. שטעלט דערווייל אויס די בינע! — און איז פאַרשוונדן.

— וואָס דען? —האָט געזאָגט דער סופליאָר— ער איז פאַרנומען ביי דער קאַסע קען אים ליגן אין זינען פּראָבע? יאָ, זאָגט נאָר, מיסטער איריס, איר זענט אַ געשפּילטער אין דער פּיעסע?

— הם... יאָ... —האָב איך נישט דרייסט געענטפערט— אָבער שוין זייער לאַנג... כאָטש איין שטיקל פּראָבע!... איך פאַרשטיי נישט, וואָס איז דאָס פאַר אַ באַציִונג?!

איך בין ווידער געוואָרן פאַרצווייפלט, בפרט ווען איך האָב געזען, אַז חוץ מיר און דעם לאַנגן אַקטיאָר וואָס דאַרף שפּילן אַ רב אָן ווערטער, איז קיינער נישטאָ. ווי אַזוי־זשע וועט מען מאַכן פּראָבע? עס וואָלט שוין פיל בעסער געווען —האָב איך געטראַכט— ווען איך וואָלט געווען גע־מאַכט פּראָבע מיט סערגע אַדלער ביי איר אין שטוב... אוי, ווען איך האָב איצט דעם אַסטראָוון וואָלט איך אים אויף שטיקער צעריסן! עס פעלט אינגאַנצן אַזעלכע צוויי שעה צו דער פאַרשטעלונג און די מענטשן מיט וועמען איך דאַרף שפּילן האָב איך אַפילו נישט געזען! איך וואָלט זיך

כאַטש געוואָלט באַקענען מיט זיי! און דאָס איז די פאַרשטעלונג וואָס איך דאַרף שפּילן מיט יעקב פּ. אַדלער? מיטן נשר הגדול? מיטן קעניג פון דער יידישער בינע, פון וועלכן איך האָב אַ גאַנצן לעבן געחלומט?

מיינע מחשבות זענען איבערגעריסן געוואָרן מיטן אָנקומען פון שיינ־גאָלדן, צוזאַמען מיט אַ זייער אויסגעפּוצטער דאַמע, וועלכע האָט כמעט היסטעריש געשריגן:

— וואָס רעדט איר, מיסטער שיינגאָלד —האָט זי געוויינט— איך בין דאָך נישט קיין געשפּילטע! ווי איז דאָס מעגלעך אינגאַנצן אָן פּראָבע! וואָס האָט עס מיר געטויגט? טאָמער בין איך פריי אין אַ פּיעסע דאַרף איך גאָר האָבן אַזעלכע צרות!

— ס'איז אָלרייט —האָט זי שיינגאָלד באַרויִקט— מיר מאַכן שוין פּראָבע. קאָם אָן!

— און ווער שפּילט „מיין מאַן"? —האָט די שוישפּילערין געוויינט— ווער שפּילט „קלמן־משהן"?

איך האָב זיך דערנעענטערט צו איר.

— איר? —האָט זי געגעבן אַ קוויטש— זענט איר כאָטש אַ גע־שפּילטער?

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווי איז צו מיר! —איז זי געוואָרן פאַרצווייפלט— וואָס זאָגט איר צו מיין אומגליק? מיסטער שיינגאָלד, ער איז דאָך אויך נישט קיין געשפּילטער!

— ווער?! —האָט שיינגאָלד געכאַפּט אַ קוק אויף מיר— ס'אָלרייט! איר זענט דאָך עפּעס אַקטיאָרן, איר וועט זיך שוין אָן עצה געבן. קאָם אָן! וועלן מיר „דורכלויפן" די פּראָבע, נאָר אייערע סצענעס, קאָם אָן! עס איז שפּעט!

מיר האָבן אָנגעהויבן די פּראָבע אין צווייען, — איך און די שוי־שפּילערין. זי האָט זיך געערגערט, — איך אויך. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו גלעטן אַ פרעמדע, אומבאַקאַנטע פרוי וואָס איך קען קוים פינף מינוט...

ביי דער ערשטער סצענע איז שיינגאָלד פאַרשוואונדן, מ׳האָט אים אָוועקגערופן צו דער קאַסע. איך האָב פּראָטעסטירט, די שוישפּילערין האָט געוויינט, דער סופליאָר האָט אונדז באַרויִקט:

— גייט אַליין דורך אייערע סצענעס, איר זעט דאָך, אַז שיינגאָלד איז באַשעפטיקט ביי דער קאַסע; איר ווייסט דען וואָס דאָרט טוט זיך? עס וועט היינט זיין אויספאַרקויפט! אפשר פינף טויזנט דאָלער איינגאַמע!...

— וואָס הייסט מאַכן אָן אים פּראָבע? —האָט די אַקטריסע געשריגן— מ׳דאַרף דאָך וויסן מיזאַנסצענעס? (שטעלונגען).

—ס׳איז אַלרייט —האָט דער סופליאָר געזאָגט— איר וועט שוין וויסן, איר וועט שוין וויסן.

מיר איז שוין געוועזן אַלצאיינס. מיר האָבן בלויז געמאַכט אונדזערע סצענעס פון די ערשטע צוויי אַקטן. די אַקטריסע האָט געקענט גלענצנד איר ראָלע. עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן שפּעט. כ׳בין אַריינגעלאָפן צו מיר אין האָטעל און צוזאַמענגענומען מיינע זאַכן צום שפּילן און בין גלייך אַריין אין גאַרדעראָב. דאָרט האָב איך שוין געטראָפן דעם לאַנגן אַקטיאָר, גריי־טנדיק זיך צו גרימירן. איך האָב זיך שנעל אויסגעטאָן און זיך געזעצט נעבן אים צו גרימירן אין זעלבן לאַנגן שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און גרימירנדיק זיך האָב איך נאָכגע־פאָלגט דורכן שפּיגל אַלע זיינע באַוועגונגען:

קודם־כל האָט ער אויפגעמאַכט אַ פרישע, נאָך נישט גענוצטע שאַכטל שמינק, אַרויסגענומען אַלע אַכט אָדער ניין קאָלירן און זיי אָוועקגעלייגט אויפן טיש, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַ קלאָר־ווייס האַנטעכל. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען בערשטעלעך פאַרשידענע, פּודער, פּעטס און נאָך אַנדערע קלייניקייטן און זיך גענומען גרימירן מיט אַזאַ גדלות, מיט אַזאַ שטאָלץ, גלייך ווי ער גייט דאָ מאַכן מי־יודע וואָס...

דאָס ערשטע האָט ער אָוועקגעלייגט אויפן פּנים דעם שאַבלאָנעם „נומער דריי״, פיין צעשמירט איבערן גאַנצן פּנים; דערויף האָט ער אַרויפ־געגעבן „יונג־רויט״, אונטערגעפירט זייער שאַרף די אויגן מיט שוואַר־צער פאַרב, געמאַכט זיך רויט די ליפּן, די ווינקלען פון די אויגן,ביידע

נאָלעכער, די אויערן־לעפּלעך, וואָס דאָס פּאַסט אפשר פאַר אַ „סובּרעטן״, אָבער אויף קיין פאַל נישט פאַר אַן אַלטן רב, ווען ער דאַרף פאַרשטעלן.

באַטירלעך, האָב איך באַלד געזען מיט וועמען איך האָב צו טון... נאָר דאָס ערגסטע איז געווען, ווען ער האָט זיך גענומען קלעפּן די באָרד פון „קרעפּע״ (האָר) און אָנשטאָט אויסציִען גוט די „קרעפּע״ האָט ער גאָר אָפּגעשוירן דאָס צעפּל מיט אַ שערל, — דעמאָלט האָב איך שוין געוווּסט אויף זיכער, אַז די מלאכה יכולת ער אויך נישט... איז טאַקע פון קלעפּעכץ אַרויסגעקומען אַ קליאַטשע־באָרד, נישט קיין נאַטירלעכע, געקלעפּט דאָרט וווּ מ׳דאַרף נישט, ווו עס וואַקסט גאָר קיין האָר נישט.

איך, דאַקעגן, האָבן אַן שום קונצן, אַן „פּאַסן״ און „שטריכן״ אויפן פּנים, פון דער זעלבער „קרעפּע״, זיך צוגעקלעפּט אַ בערדל, — האָט עס „געלעבט״, עס האָט אויסגעזען ווי אַ נאַטירלעכס...

דער סופליאָר וואָס איז געשטאַנען צווישן אונדז ביידן און זיך צוגעקוקט ווי מיר גרימירן זיך, האָט דעם לאַנגן געשטאַרקעט מיטן עלנבויגן, אים אָנווייזנדיק אויף מיר. דער לאַנגער האָט טאַקע יעדעס מאָל געכאַפּט אַ גנבישן קוק אין שפּיגל אויף מיר און איז אַ ביסל —ווי מ׳זאָגט אויף אַקטיאָרישן לשון— צעפּאַנפעט געוואָרן...

איך בין שנעל פאַרטיק געוואָרן, בעת ער האָט זיך נאָך אַלץ געמוטשעט מיט דער באָרד. איך האָב שוין לענגער נישט געקאָנט צוזען זיין אומבאַהאָלפנקייט. בין איך צוגעגאַנגען צו אים, אַן אַ וואָרט אויסצורעדן, האָב אים אָנגענומען ביי די פּלייצעס, אים אויסגעדרייט צו זיך און אים אַראָפּגעריסן די קליאַטשעוואַטע באָרד. ער האָט נישט רעאַגירט, געקוקט אויף מיר ווי אַ פאַרשולדיקטער, מיט צוויי שמייכלדיקע קעלבערנע אויגן... כ׳האָב גענומען פרישע „קרעפּע״, זי גוט אויסגעצויגן און איינס און צוויי אים אָנגעקלעפּט אַ באָרד, וואָס אין זיין לעבן, דאַכט זיך מיר, האָט ער אַזוינס נישט געהאַט. ער האָט מיר געדאַנקט מיט די אויגן. די ערשטע פּאָזיציע איז דורך מיר איינגענומען געוואָרן. דער סופליאָר האָט מיר גוטברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע. בכלל איז דער סופליאָר געוואָרן צו מיר צוגעלאָזן, נאָך דער ערשטער סצענע וואָס איך האָב געמאַכט אויף

פּראָבע. ער האָט טאַקע שפּעטער, נאָך דער פאָרשטעלונג, אין רעסטאָראַן, ביים ערשטן גלעזל וויין, זיך צו מיר אויסגעדריקט:

— איך האָב באַלד געזען אין אייך, אַז איר זענט אַ כלי!...

דאָס גלעקל פון טעאַטער האָט געקלונגען צום ערשטן מאָל. עס איז געבליבן אַזעלכע פּופצן מינוט צום אָנהייב. איך בין אַרויף אויף דער בינע, כאָטש וויניקסטנס צו זען די אַקטיאָרן וואָס איך דאַרף מיט זיי שפּילן.

שיינגאָלד האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שמייכל, געווען, זעט אויס, צופרידן פון מיין גרים און אויסזען. כ'האָב אַוועקגענומען דעם סופליאָר אין אַ זייט, אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל און אים געקוקט אין די אויגן מיט געבעט:

— הערט זיך איין, מיין ליבער פריינט! איר זעט דאָך, אַז איך בין אַן אַקטיאָר... איר פאַרשטייט?... די ראָל מיינע קען איך דאַכט זיך גוט, אָבער... דאָס איז אַ ביסל וויניק, איך דאַרף קענען דעם פּאַרטנערס ראָל אויך... כ'מיין די רעפּליקן. און... קיין געשפּילטער בין איך אויך נישט —האָב איך זיך מודה געווען— איז... דערפאַר בעט איך אייך: „האַלט מיך!".

דער סופליאָר האָט מיר וואַרעם געדריקט די האַנט און דעם אמת געזאָגט האָט ער מיך „געהאַלטן". ער האָט מיר געדינט ווי אַ חבר, ווי אַ פריינט, כאָטש איך האָב זיך אין אים נישט שטאַרק געניטיקט, ווייל מיין ראָל האָב איך געקענט כמעט אויף אויסנווייניק. ער האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט מיין שפּילן, נישט געשטערט מיינע פּויזעס און זיך געסטאַרעט, עס זאָלן נישט זיין קיין בלויזן אין מיין ראָל. ער האָט מיך אָפּגעהיט ווי אַ געטרייע מאַמע וואָס ציטערט איבער איר קינד, עס זאָל חלילה נישט געשטרויכלט ווערן. אגב, איז ער געווען זייער אַ גוטער און טאַלאַנטירטער סופליאָר, וועלכער האָט נישט גלאַט סופלירט, נאָר אויך מיטגעלעבט מיטן שוישפּילער. עס איז מיר נאָר אַ שאָד וואָס איך געדענק נישט גענוי זיין נאָמען.

די שוישפּילערין וואָס האָט געשפּילט אַלס מיין פּאַרטנערין האָט, פילנדיק זיך ווי אַן אומבאַהאָלפענע, ממש געקלעפּט אַרום מיר, פּשוט דערפאַר, ווייל זי האָט געזוכט אין מיר אַ שטיקל אָנהאַלט, ווייל מיך

זענעןביידע געווען פרעמדע אין דער פּיעסע און פון דער פּראָבע, מישטיינס־געזאָגט וואָס מיר האָבן געמאַכט, האָט זי געזען, אַז איך קען גוט מיין ראָל, און מער־ווייניקער אין פאַרלויף פון דער גאַנצער פּיעסע האָט זי געזוכט הילף און געהאָפּט ביי מיר די הילף צו געפינען, איבערהויפּט נאָכן ערשטן אַקט, אין וועלכן איך האָב איר גוט „אונטערגעשפּילט" און איר זייער אַ סך אַרויסגעהאָלפן, האָט זי מיר אַרויסגעוויזן אַן אינערלעכע צופרידנקייט און אַן אויסערלעכע דאַנקבאַרקייט.

איך אַליין האָב זיך געפילט ווי „אַ פיש אין וואַסער" קעגן אַלע דער־וואַרטונגען. עס איז פאַרשוווּנדן די פריִערדיקע שרעק, איך האָב באַ־הערשט מיין ראָל און געווונען אַלעמענס צוטרוי און אָנערקענונג. אַפילו דער לאַנגער וואָס האָט געשפּילט דעם „רבֿ" איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיר, ווען איך האָב זיך איבערגרימירט צום צווייטן אַקט. אויך נאָך דער פאָרשטעלונג, ביי דער וועטשערע אין רעסטאָראַן, האָט ער געוואָלט זיצן נאָר נעבן מיר און מיר דערציילט מעשׂיות און וויצן מיט אַן אוקראַיִנישן אַקצענט:

— עס איז מיר געווען אַ שאָד אָפּצורייסן אַזאַ טייערע באָרד וואָס איר האָט אָנגעקלעפּט, מיסטער איריס...

פון דעם סופליאָר איז דאָך אָפּגערעדט; ער איז געוואָרן מיין הייסטער חסיד. ער האָט טאַקע שפּעטער, אין ניו־יאָרק, ביי יעדער געלעגנהייט גע־רעדט מיט אַ סך אַקטיאָרן וועגן מיר און דערמיט מיר קיין גרויסע טובה נישט געטון...

עס האָט געפעלט אַ פּאָר מינוט צום אָנהייבן. פון דער טרופּע, דאָס הייסט, פון דער משפּחה, האָב איך נאָך קיינעם נישט געזען. זיי האָבן זיך אַלע אָנגעטאָן אויף דער צווייטער זייט פון דער ריזיקער בינע ווו עס איז געווען עטלעכע שטאָק גאַרדעראָבן. איך האָב געוואָלט לפּחות זיך באַקענען מיט זיי, חוץ דעם האָב איך געוואָלט זען אַדלערן ווי ער זעט אויס. מיין נייגעריקייט האָט נישט לאַנג געדויערט. ס'האָט זיך דערהערט דער דריטער קלונג, דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך באַוויזן סערע אַדלער, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ: „ביין

ניק". איך האָב זי באַגריסט מיטן שאַבלאָנעם „גוט איווינינג". זי האָט מיר נישט געענטפערט און אפשר האָט זי מיר יאָ געענטפערט, נאָר אַזוי ווי איך בין געווען אַ ביסל צעטומלט, האָב איך נישט גוט דערהערט. אויך האָב איך פּונקט אין דעם מאָמענט געטראַכט וועגן דער „פּראָבע", וואָס

צום אָפּפאָרן פון אַמעריקע, אין 1924:



פון רעכטס צו לינקס: אָסטראָוו, מ. אַרקאָ, א. אַרקאָ, מאַדאַם בראַגינסקאַ, ש. איריס און ווערא זאַסלאַווסקאַיאַ.

זי האָט מיט מיר געמאַכט מיט אַ פּאָר טעג פריִער... באַלד נאָך איר איז מיט שנעלע טריט געקומען לוטער אַדלער, אַ שיינער עלעגאַנטער בחור. ער איז פאַרבייגעגאַנגען און מיך אַפילו נישט באַמערקט. ער איז צוגע־גאַנגען גלייך צו שיינגאָלדן און אים עפּעס געזאָגט. שיינגאָלד איז געוואָרן אויפגערעגט און זיך צעשריגן אויף אים:

— „מאַנזשעראַן ביזנעס!" (נישט דיין עסק).

איך בין געוואָרן נייגעריק. דער סופליאָר האָט מיר באַלד געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז געקומען זאָגן שיינגאָלדן אַזוי ווי עס איז אַ גרויסער געדרענג ביי דער קאַסע זאָל מען וואַרטן מיטן אָנהייבן, האָט אים שיינ־גאָלד געענטפערט, אַז עס איז נישט זיין זאַך און מ׳פרעגט נישט ביי אים, ער ווייסט אַליין וואָס ער האָט צו טון.

— ווען מיר דאַך האָבן —זאָג איך— אַ גרויסע איינגאַמע!...

— וואָס פאַר אַ פראַגע? —האָט דער סופליאָר געענטפערט— איבער פינף טויזנט דאָלאַר!

— ווי אַזוי? — בין איך נייגעריק.

— עס איז „באָסטאָן אָפּערא האַוז״, עס נעמט אַריין איבער צוויי טויזנט מענטשן און דאָס טעאַטער איז געפּאַקט, אויסאַפּרקויפט! וואָס רעדט איר? מ׳וועט מאַכן אַ פאַרמעגן היינט ביינאַכט; די טרופּע קאָסט דאַך גאָרנישט, — בלויז משפחה, און מיר (געמיינט זיך, די שוישפּילערן און דעם לאַנגן) זענען פון דער אַרטיקער טרופּע, קיין געלט נעמען מיר נישט, עס איז דאַך עפּעס אַ פאַרשטעלונג פאַר יעקב אַדלער... אַזוי איז עס מיין פריינט — האָט ער פילדייטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

עס איז שוין פאַרביי גוטע פינף מינוט נאָכן דריטן קלונג און פון אָנהייבן די פאַרשטעלונג איז נאָך קיין רייד נישט. שיינגאָלד איז צערו־דערט: סיי פון דער בינע וואָס געוויסע רעקוויזיטן האָבן נאָך געפעלט, סיי פון דעם וואָס יעדע רגע איז געקומען אַן אַנדער „שטאָפּעט״ פון דער קאַסע און געהייסן וואַרטן.

וואָס עס האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט איז געווען דאָס, וואָס די דעקאָראַציע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן קוליסנמעסיק, דאָס הייסט, אַז די ווענטלעך פון דעם צימער זענען נישט געווען געשלאָסן איינס צום אַנדערן, נאָר זענען געשטאַנען שיף, מיט גרויסע שפּאַלטן, אַזוי, אַז מ׳האָט פון הינטער די קוליסן גאַנץ באַקוועם געקאָנט זען וואָס אויף דער בינע קומט פאָר.

איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָב הערד־אָגב געגעבן אַ דיפּלאָמאַטישן זאָג צו שיינגאָלדן:

— די מאַשיניסטן האָבן, ווייזט אויס, פאַרגעסן צו שליסן די ווענט.

— ס'איז נישט נייטיק! — האָט ער אָפּגעהאַקט.

דער סופליאָר וואָס איז געשטאַנען דערנעבן האָט מיר געגעבן אַ צי ביים אַרבל און מיר שטיל געזאָגט, אַז אַזוי באַדאַרף עס צו זיין.

— איר וועט שוין זען שפּעטער.

ענדלעך האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער קלונג, אַ פּאַטשעריי פון הענט, געשרייען: „קאָם אָן!" און די פאַרשטעלונג האָט זיך מיט מזל אָנגעהויבן.

עס איז איבעריק צו זאָגן ווי דאָס האַרץ האָט מיר געטיאַקעט אין די ערשטע פּאָר מינוט ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. אָבער באַלד, אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַלץ געגאַנגען ווי אויף פּוטער — ווי מ'זאָגט. מיין פּאַרטנערשע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ גוטע אַקטריסע, זי האָט זיך שנעל אָריענטירט און איז געווען זייער נאַטירלעך אין איר ראָל. בכלל איז דער אַנסאַמבל געווען אַ געלונגענער און אַ צוגעפּאַסטער: שיינגאָלד האָט געשפּילט די ראָל פון „פּיניע" און איז געווען זייער גוט; סערע אַדלער וואָס האָט געשפּילט זיין ווייב, כאָטש זי האָט אויסגעזען אַ ביסעלע עלטער פון אים, איבערהויפּט אין ערשטן אַקט, איז זי אָבער מיט דער טראַדיציע פון שפּילן יאָרנלאַנג די זעלבע ראָלע, געווען זייער צוגעפּאַסט. זי האָט גערעדט זייער פליסיק און אַפילו ווייניקער געשאָקלט מיטן קאָפּ. וואָס אַנבאַלאַנגט סטעלאַ און לוטער אַדלער, וואָס האָבן געשפּילט אָנהייבנדיק אין צווייטן אַקט, זענען זיי געווען וווּנדערלעך אין זייערע יוגנטלעכע ראָלן, איבערהויפּט סטעלאַ, וועלכע האָט ממש געשפּרודלט מיט יוגנט און טאַלאַנט. אָן אויסנאַם איז נאָר געווען דער לאַנגער אַקטיאָר וואָס האָט פאַרגעשטעלט דעם רב. ער האָט זייער שלעכט אויסגעזען מיט זיין לאַנגער פיגור און איז געווען אַזוי אומבאַהאָלפן אין זיין קליינער ראָל, אַז עס איז געווען אַ גאַנץ רחמנות אויף אים צו קוקן... עס איז אַ ראָל אָן ווערטער, אין וועלכער מ'דאַרף בלויז רעאַגירן און ווירקן מיטן שווייגן און צו דעם איז נייטיק אַ גוטער אַקטיאָר, — אָבער ער איז געווען ווייט פון דעם...

ענדלעך איז געקומען דער מאָמענט פון וועלכן איך האָב אַ סך יאָרן

געחלומט: צו זען דעם נשר הגדול, יעקב פּ. אַדלער, שפּילן טעאַטער. לויט דער פּיעסע האָט יעקב אַדלער, וועלכער האָט געשפּילט דער „פּרעמ־דער״ (נפתלי־הערץ), באַדאַרפט אויפטרעטן, נאָך אַ לאַנגן ענערגישן קלאַפּן אין טיר, ווען זיין „פּרוי״ בלייבט אַליין אויף דער בינע, נאָכדעם ווי אַלע זענען אָפּגעגאַנגען דורך אַ זייטן־טיר. איך בין שנעל צוגעלאָפן צו דער מיטלסטער טיר ווו איך האָב שוין געטראָפן אַדלערן, וואָס איז געשטאַנען אונטערגעהאַלטן פוןביידע זייטן פון סטעלאַ און לוטער אַדלער און אַ בינע־מייסטער האָט אים צוגעהאַלטן ביי די פּלייצעס. עמעצער האָט מיט אַ שטעקן געקלאַפּט אין טיר זייער שטאַרק. דאָס איבערגעפּאַקטע טעאַטער איז געוואָרן שטיל, אַז מ׳האָט געקאָנט הערן אַ פליג דורכפליען. דער עולם האָט ווייזט אויס פאַרשטאַנען, אַז באַלד דאַרף דערשיינען אויף דער בינע דער, צוליב וועמען זיי האָבן דאָס גרויסע טעאַטער אָנגעפּילט... איך בין געשטאַנען אַ ביסעלע ווייטער, נישט געוואַגט צוגיין נעענטער. אין דער טונקלקייט פון די קוליסן האָב איך אַפילו רעכט זיין פּנים נישט געזען, חוץ דעם האָט ער נאָך געטראָגן אַ ברייטן שוואַרצן הוט, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטעלט זיין פּנים. דער שטעקן האָט געקלאַפּט שטאַרקער; פון דער בינע האָט זיך דערהערט דער טראַדיציאָנעלער „אַריין״. די טיר האָט זיך געעפנט און אַדלער האָט זיך באַוויזן אין איר, ווערניק הינטן־אַרום לאַנגזאַם אַריינגעשטופּט אין צימער. אין טעאַטער האָט אויסגעבראָכן אַ מוראדיקער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן מיט געשרייען: אַדלער! אַדלער!!! וואָס האָט געדויערט אַ גוטע פּאָר מינוט. די גאַנצע משפחה האָט זיך געגעבן אַ וואָרף צו די זייטיקע האַלב־אָפענע ווענט פון דער דעקאָראַציע, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו זען אַלץ וואָס עס קומט פאָר אויף דער בינע און האָבן פאַרנומען סטראַטעגישע פּאָזיציעס, — און איך בתוכם. כאָטש איך האָב זיך געדאַרפט איבערטאָן און ענדערן פאַרן צווייטן אַקט. איך האָב אָבער נישט אָפּגעטראָטן... די נייגעריקייט האָט מיך צוגעשמידט צום אָרט...

די אָוואַציעס אין טעאַטער האָבן אָנגעהאַלטן. אַדלער איז געשטאַנען אויף דער בינע, געקוקט אויף אַלע זייטן, זיך געוואָלט, ווייזט אויס, פאַר־

PROSPECT THEATRE

Prospect Avenue and 161st Street

מיטוואָך אבענד, דעם 14טן מאַי, 1924
קונסט פאָרשטעלונג פון יאַקאָב פּ. אַדלער

דער פרעמדער

אין 4 אַקטן פון יעקב גארדין

ספּעציעל געשריבן פאַר

יאַקאָב פּ. אַדלער

פּערזאָנען:

נפתלי הערץ לעווין	יאַקאָב פּ. אַדלער
בלומע, זיין ווייב	שרה אַדלער
בענני, זייער זון	לוטהער אַדלער
ליליע, זייער טאָכטער	סטעללאַ אַדלער
קלמן משה	ה׳ איריס
שרה הענע	בעקי וויינטרויב
פּיניע סטאַראָדוב	יאָזעף שעהנגאָלד
ר׳ אהרן, אַ רב	א. עלגאַרד

Special Performance by JACOB P. ADLER

רעפּראָדוצירטער פּראָגראַם פון דער 2־טער פאָרשטעלונג פאַר י. אַדלער אין נ. יאָרק.

נייגן פאַרן עולם, אַפּדאַנקען, אָבער ער איז נישט געווען בכוח דאָס צו טון. ער איז געווען אַזוי אומבאַהאָלפן ווי אַ פּיצעלע קינד וואָס דאַרף מאַכן דעם ערשטן שפּאַן. איך האָב אים נענטער אָבסערווירט: כאָטש ער איז געווען פּאַראַליזירט איז זיין שכל און טאַלאַנט געבליבן דער זעלבער. זיינע שיינע גרויסע אויגן פול מיט טרערן, האָבן געגלאַנצט מיט אַ שטאַרקן פייער און ווילן. ער האָט געזען און געפילט אַלץ, אָבער עפּעס אַרויסברענגען איז ער נישט געווען בכוח...

ווען די אַפּלאָדיסמענטן אין טעאַטער האָבן זיך אָנגעהויבן איינשטילן האָט גענומען אַרבעטן סיי די בינע, סיי הינטער דער בינע. די ערשטע ווערטער, וואָס אַדלער האָט באַדאַרפט זאָגן זענען געווען: „איך האָב געוואָלט די טיר צעברעכן"! אָבער ער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט דאָס מויל עפענען. די קינדער פון איין זייט ביי די אָפענע ווענטלעך פון דער דעקאָראַציע, שיינגאָלד פון דער צווייטער זייט, דער סופליאָר פון סופליאָר־קאַסטן, — אַלע האָבן זיך געבעטן ביי אים, שעפּטשענדיק:

— מיסטער אַדלער, פּליז! רעדט! זאָגט: „איך האָב געוואָלט די טיר צעברעכן"!... — האָט אים דער סופליאָר אַריינגעלייגט די ווערטער אין מויל.

— פּאַפּאַ... פּליז!... —האָבן געשריגן די קינדער— „איך האָב געוואָלט די טיר צעברעכן"...

אַזוי פון אַלע זייטן. די שטימונג הינטער די קוליסן איז געווען אַ פּיינלעכע. די פּויזע האָט געדויערט אַ היבש שטיקל צייט, — ביז סערע אַדלער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פּובליקום און אים אַרייגעשעפּטשעט די ווערטער וואָס ער דאַרף זאָגן...

ער האָט מיט רחמנות־אויגן געקוקט אין אַלע זייטן, ביז ער האָט ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט:

— גגג...עוואָלט דדדי... טיר... צע...ברעכן...

איך האָב בשעת־מעשה געגעבן אַ טראַכט: „זע נאָר ווער עס וויל דאָ די טיר צעברעכן"...

אָבער נאָך די ערשטע אַרויסגעבראַכטע ווערטער איז אַדלער געקומען

אַ ביסעלע צו זיך. איך האָב דערנאָך געהערט פון אים נאָך אַ פּאָר ווערטער, וועלכע איך האָב קוים פאַרשטאַנען... און בין אַנטלאָפן צו מיר אין גאַר־דעראָב, כדי זיך איבערגרימירן צום צווייטן אַקט.

נאָך אַ פּאָר מינוט איז געפאַלן דער פאָרהאַנג און די אָוואַציעס און אַפּלאָדיסמענטן זענען געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט געמוזט זעקס מאָל הייבן דעם פאָרהאַנג.

אין גאַרדעראָב זענען באַלד אַריין דער סופליאָר און דער לאַנגער אַקטיאָר, מיר געקלאַפּט גוטברודעריש אין פּלייצע. עס איז אויך אַריין שיינגאָלד און אַ צופרידענער מיר געדריקט די האַנט. איך האָב זיך גע־פילט געשמייכלט און אויך אומבאַקוועם, ווייל קיין גרויסע קונצן האָב איך אין ערשטן אַקט נישט באַוויזן און איך האָב זיי געבעטן מיר טון אַ טובה און מיך אויפהערן צו נעמען אויפן זיכער...

— האָ, נאָ מיסטער איריס, אַן אַקטיאָר דערקענט מען באַלד אין די ערשטע פּאָר ווערטער — האָט דער לאַנגער געזאָגט מיט זיין אוקראַאינישן אַקצענט.

— גייט, גייט, איר טרייבט איבער — האָב איך באַשיידן געענטפערט.

איך בין שנעל פאַרטיק געוואָרן מיט מיין גרים, וועלכער איז מיר געראָטן. דאָס ווייסע בערדל וואָס איך האָב מיר אָנגעקלעפּט, איז געווען זייער געלונגען. בכלל האָב איך אין צווייטן אַקט באַדאַרפט אויסזען מיט אַזעלכע פּופּצן יאָר עלטער און דאָס האָט זיך מיר פולשטענדיק איינגעגעבן, אויסער דעם האָט זיך מיין ראָל פּאַקטיש ערשט אָנגעהויבן אין צווייטן אַקט. עס איז געווען אַקציע, פאַרשידענע סצענעס אויך מיט אַדלערן, וועלכער האָט מיט טרערנדיקע אויגן געקוקט אויף מיר מיט קנאה, — ווי מיר האָט זיך געדאַכט. בכלל האָט ער מקנא געווען יעדן איינעם וואָס האָט זיך געקאָנט באַוועגן, רעדן, וואָס ער האָט עס, ליידער, נישט געקאָנט באַווייזן... דאָס איינציקע וואָס איז אים פאַרבליבן אין זיין אומגליק, זענען געווען זיינע גרויסע, שיינע, ליכטיקע אויגן. אין זיין גרים האָט ער אויס־געזען אויסערגעוויינלעך שיין. די שיינע גאָרדין־באָרד האָט אים זייער געפּאַסט צום פּנים, דער פאַרוק וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין גרויסן

קאַפּ, האָט אים צוגעגעבן מאַיעסטעטישקייט. ער האָט געזען, געפּילט און פאַרשטאַנען אַלץ, אַ סימן — ער האָט מיר שפּעטער באַמערקט וועגן אַ „בולבע" וואָס איך האָב „געכאַפּט" אין צווייטן אַקט און דערביי גע־שמייכלט... ער איז געווען ווי אַ ווירטואָז, אַ פידלער, וואָס האָט פאַרלוירן זיינע הענט... ער האָט געזען די פידל, זי געפּילט, — אָבער שפּילן אויף איר האָט ער נישט געקאָנט... נאַטירלעך, איז די „פּראָזע" פון זיין ראָל געווען געשניטן ביזן מינימום. ער האָט אין דער פּיעסע בלויז פיגורירט, אָבער גערעדט האָט ער זייער ווייניק און דאָס אויך אין אַן אומפאַרשטענד־לעכער שפּראַך.

אין צווייטן אַקט האָבן זיך אויך באַטייליקט סטעלאַ און לוטער אַדלער. זיי האָבן געשפּילט אַלס מיינע אייניקלעך און מיר האָבן געהאַט צוזאַמען פאַרשידענע סצענעס.

בעת דער פּויזע איז צו מיר אין גאַרדעראָב אַריין דער סופליאָר און מיך געכאַפּט פאַר די פּלייצעס:

— קומט, מיסטער איריס, אַדלער וויל זיך מיט איך באַקענען.

מיר זענען ביידע אַריין אין גאַרדעראָב. די גאַנצע משפּחה האָט זיך דאָרטן געפונען. איך האָב מיט גרויס־דרך און אַ שטאַרק עמאָציאָנירטער אויסגעשטרעקט אַדלערן די האַנט. ער האָט מיר לאַנגזאַם געגעבן זיין האַנט און מיט זיין גאַנצן כוח זי לאַנג און וואַרעם געדריקט, קוקנדיק אויף מיר מיט זיינע שיינע גרויסע אויגן, פול מיט טרערן. איך האָב נישט אויס־געהאַלטן... אין האַלדז האָט מיר אָנגעהויבן וואַרגן און די טרערן האָבן מיר גערונען איבערן פּנים, גלייך אין דער צוגעקלעפּטער באָרד אַריין, עמעצער האָט געשנייצט די נאָז. סערע אַדלער האָט געווישט די אויגן, קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. שיינגאָלד האָט איבערגעריסן די שטימונג און אין אַ פריילעכן טאָן אויסגערופן:

— נו, פּאַפּאַ, וואָס זאָגט איר?

אַדלער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אָנגעהויבן שמייכלען. סערע האָט אים מיט אַ זויבער טיכעלע אויסגעווישט די טרערן. סטעלאַ האָט

זיך פּלוצים צו מיר געווענדט מיט דער פראַגע, צי איך בין אַ „יוניעמען" (פאַריינס־מיטגליד). איך האָב געשאָקלט אויף „ניין".

— „לוק מאַמאַ"! (זע מאַמע) — האָט זי עפּעס געזאָגט סערען אויף ענגליש, קוקנדיק אויף מיר.

— נו יאָ, אַזוי איז עס! — האָט סערע אַדלער פילדייטיק און זייער פריינטלעך געשאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ.

מיר האָבן זיך קעגנזייטיק איבערגעביטן מיט עטלעכע קאָמפּלימענטן און זיך צעגאַנגען פאַרענדיקן די פאָרשטעלונג.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון אָוונט איז געווען דער שלוס פון דריטן אַקט, ווען אויף דער בינע איז דערשינען אַ דעלעגאַציע פון באָסטאָנער ייִדן, מיט אַ פערגאַמין און אַ מאַסע אונטערשריפטן אויף איר, אַלס אָנער־קענונג פאַר יעקב אַדלער.

אין טעאַטער איז געוואָרן ליכטיק און דער איבער צוויי־טויזנט־קעפּיקער עולם האָט געשטורעמט מיט אומאויפהערלעכע אַפּלאָדיסמענטן און אויס־געשרייען: אַדלער! אַדלער!

איך האָב, שטייענדיק אויף דער בינע, פּשוט באַוווּנדערט דעם עולם, וועלכער האָט אַזוי וואַרעם אויפגענומען און גלייכצייטיק אויך אַרויס־באַגלייט דעם נשר הגדול, דעם קעניג פון דער ייִדישער בינע, ווי עס האָט אַדלערן באַטיטלט דער פּרעזידענט פון דער דעלעגאַציע אין זיין רעדע דווקא אויף ענגליש.

שיינגאָלד האָט אין אַ שיינער רעדע אויף ייִדיש געדאַנקט די ייִדן אין נאָמען פון זיין גרויסן שווער און צוגעזאָגט אינגיכן נאָכאַמאָל צו באַ־זוכן באָסטאָן.

פאָטאָגראַפן האָבן געאַרבעט, פאָטאָגראַפירט סיי די בינע, סיי דאָס פּובליקום. אַדלער איז געשטאַנען אינדערמיט בינע, אונטערגעהאַלטן פון זיין פאַמיליע, אַ שטאַרק עמאָציאָנירטער.

דער לעצטער אַקט האָט זיך פאַרענדיקט מיט די זעלבע אָוואַציעס ווי די פריִערדיקע. נישט קוקנדיק אויף דער שפּעטער שעה, האָט דער עולם נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס טעאַטער, כאָטש מ'האָט כמעט גאָרנישט

פאַרשטאַנען וואָס אַדלער האָט גערעדט אין דער פאָרשטעלונג, אָבער זיי זענען געווען זיכער, אַז די ראָל פאָדערט אַזוי...

נאָך דער פאָרשטעלונג איז די גאַנצע טרופּע, אויף דער איינלאַדונג פון דער דעלעגאַציע, אַוועק אין אַ רעסטאָראַן —אַדלערן, נאַטירלעך, האָט מען אָפּגעפירט אַהיים— און מ׳האָט גאַנץ פיין פאַרבראַכט. עס איז מיר נאָר געווען אַ שאָד וואָס שיינגאָלד האָט מיך געאיילט צו דער באַן מיט וועלכער מיר האָבן באַדאַרפט פאָרן אין דרייפערטל שעה אַרום קיין ניו־יאָרק. די קורצע צייט וואָס איך האָב פאַרבראַכט צווישן לאַנגן אַקטיאָר און סופליאָר בין איך באַשאָטן געוואָרן מיט קאָמפּלימענטן.

ענדלעך איז געקומען די צייט פון פאָרן. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אַלעמען און איך מיט שיינגאָלדן זענען אַוועק צו דער באַן. אַדלער מיט די איבעריקע פון דער פאַמיליע זענען געבליבן נעכטיקן אין באָסטאָן.

אין דער פּרעכטיקער באַן האָבן מיר פאַרנומען אַ קאַבינע פון בלויז צוויי בעטן. שיינגאָלד האָט מיר באַצאָלט אַ טאָפּלטן לוין לויט ווי מיר איז געקומען, ער האָט מיר אויך אומגעקערט די אַלע אויסגאַבן וואָס איך האָב געמאַכט. מיר האָבן נאָך אַ ביסל פריינטלעך געפּלוידערט וועגן טעאַטער און נאָך פאַרשידענע זאַכן. שיינגאָלד, זייענדיק מיד פון אַ גאַנצן טאָג אָנשטרענגונג, איז אין אַ קורצער ווײַלע אַרום געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן. איך, דאַקעגן, האָב זיך נאָך זייער לאַנג געדרייט אויף מיין געלעגער און אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט וועגן אַדלערן. —

אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער, האָט שיינגאָלד איינגעאָרדנט נאָך אַזאַ פאָרשטעלונג, „דער פרעמדער״, טאַקע אין ניו־יאָרק גופא, אין פּראָס־פּעקט־טעאַטער. איך בין גלייך איינגעלאַדן געוואָרן צו שפּילן די זעלבע ראָל. כ׳האָב, נאַטירלעך, באַלד אַקצעפּטירט: אַדרבא, איך בין געווען צו־פרידן, ווייל איך האָב געוואָלט געבן אַ געלעגנהייט מיין שוועסטער רחל און מיין שוואָגער משה, מיך צו זען כאָטש איין מאָל שפּילן טעאַטער, צו וואָס זיי האָבן אַזוי געשטרעבט. חוץ דעם זענען יענעם אָוונט געקומען זייער אַ גרויסע צאָל נייגעריקע אַקטיאָרן...

צו דער פֿאָרשטעלונג בין איך שוין געגאַנגען מער רויִקער, זיכערער, כמעט אָן נערוון, — ווייל איך בין שוין געווען באַקאַנט מיטן גאַנצן אַנ־סאַמבל; אויך מיין פּאַרטנערשע „שרה־העניע״ האָט געשפּילט מיינע אַ באַקאַנטע אַקטריסע נאָך פֿון אייראָפּע, זייער אַ פֿיינע שוישפּילערין, וואָס האָט שוין אַ סך מאָל געשפּילט די ראָלע.

די פֿאָרשטעלונג איז אַדורך זייער פֿיין; אַפֿילו אַדלער איז געווען רויִקער, גערעדט זיין ראָלע אַ סך לייכטער און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב אים בעסער פֿאַרשטאַנען. און אפֿשר איז עס געווען דערפֿאַר, ווייל ער איז געווען אויסגערוט און נישט באַדאַרפֿט זיך שלעפּן מיט אַ באַן אין אַ צווייטער שטאָט אַריין.

נאָכן דריטן אַקט, איז אַסטראָוו, צוזאַמען מיט מיין פֿאַמיליע אַרויפֿ־געקומען צו מיר אויף דער בינע, שיינענדיקע און גליקלעכע. איך האָב זיי אַריינגעפֿירט צו אַדלערן אין גאַרדעראָב. ער האָט געשמייכלט צו מיר, אייגנטלעך האָט מיך אַדלער געקענט נאָר אין דער מאַסקע פֿון „קלמן־משה״, אָבער ווי איך זע אויס אין לעבן, האָט ער קיין אַנונג נישט געהאַט. איך האָב אים פֿאָרגעשטעלט מיין שוועסטער און שוואָגער, אויך מיין ווייב, וואָס האָט אויסגעזען יונג, עלעגאַנט און זייער שיין.

אַדלער האָט לאַנג געהאַלטן איר האַנט אין זיינער, געקוקט מיט אויגן פֿול מיט טרערן אויף מיר און אויף איר... און שטיל, קוים אַרויסגערעדט בלויז צוויי ווערטער:

— ששש...יינע אויגן!...

אַסטראָוו איז געווען צופֿרידן.

ס ו ף

אידישער דראַמאַטישער מלוכע-טעאַטער

פ ר אָ ג ר אַ ם

ד ע ר ק ע נ י ג

פיעסע אין 4 אַקטן פון ש. יושקעוויטש

רעזשי פון כ׳ בערטאָנאָוו

פערזאָנען:

דאוויד גראָסמאַן, מיל־באַזיצער	— —	ליפּמאַן־סיגאַלעסקאָ
עטיל, זיין פרוי	— — — — — — — —	נ. ליפּמאַן
אַלעקסאַנדער	זייערע קינדער	אייזענבערג
זשעניע		מ. סיגאַלעסקאָ
מאַשע		רובינשטיין
פּעטיאַ		בריק
יאַקאָב ראָזענאוו, זשעניס מאַן	— — — —	בעניאַמינאָוו
ווייץ, אַ רעפּיטיטאר	— — — — — —	בן־אמי
הערמאַן, געשעפטס־1פירער	— — — — —	וואַרגאַטש
הערש, אַ שניידער	— — — — — — —	בערטאָנאָוו
ראָזע, זיין ווייב	— — — — — — —	ריטין
מיראָן	זייערע קינדער	סיגאַלעסקאָ־ליפּמאַן
בעטיאַ		קאַרק
שמול, אַ שוסטער	— — — — — — —	איריס
מאַני, עטעלס שוועסטער	— — — — — —	לוואָווסקאַיאַ
טשאַרנע, אַ שכיינע	— — — — — — —	נאָוואָגרעבאַלסקאַיאַ
יאָסקע	אַרבעטער ביי גראָסמאַנען	בושקין
אַרן		גאָלדבלאַט
סטעפּאַן		דאַשעווסקי
דאַווידקע		זילבערט

נאָכן צווייטן קלונג ווערט אין זאַל קיינער ניט אַריינגעלאָזט.

אַנאָנס! פרייטאָג, 21, שאַבעס 22 און זונטאָג 23:

„ד ע ר ק ע נ י ג".

אַ רעפּראָדוקציע פון אַ פּראָגראַם פון ערשטן מלוכה־טעאַטער אין אַדעס, אין 1918.
דער צוזאַמענשטעל פון דער טרופּע איז פון ערשטראַנגיקע קינסטלער,

פ אָ ר ט ר ע ט ן

אָט די „געלידלטע זאַכעלעך" מיינע, וועלכע זענען דערשינען אין דער חודש־אויסגאַבע „**טעאַטער**" פון אַרגענטינע, אונטער דער הויפּט־רעדאַקציע פון נ. צוקער, געהערן צו דער סעריע: „די וואָס לעבן און מוטשען זיך" און זענען פון אַ זייער באַגרענעצטער צאָל לייענער געלייענט געוואָרן. דעריבער דערלויב איך מיר אייניקע פון די „פּאָרטרעטן", וועלכע זענען דורכויס טעאַטראַליש, דוכט זיך, איבערצוגעבן פאַר די לייענער פון דאָזיקן בוך, אי־בערהויפּט ווען אייניקע פון די געשילדערטע געפינען זיך שוין אויפן עולם־האמת, וועמענס אָנדענק עס איז מיר טייער.

פ ס י י ד אָ ס ט אַ ר ן

עס פֿאָרן סטאַרן,
גייען סטאַרן,
קומען סטאַרן
ווי די האַרן,
מיט טרומייטן און פֿאַנפֿאַרן,
אויסגעפּוצטע ווי הוזאַרן
דרייען זיך ווי אויף בולוואַרן...

מ׳מאַכט רעקלאַמעס ביזן הימל
מיט אַ רעפּערטואַר פֿון שימל
און מ׳שטעלט זיי צו צום רימל:
פֿון אַרטיסטן און סטאַטיסטן,
עלעקטראַסיסטן און כאָריסטן,
רעקלאַמיסטן, מאַשיניסטן,
אוטילעריסטן, פּראָפּאַגאַנדיסטן
און נאָך אַלערליי דאָרט איסטן...
מיט אַ ראַש, אַ בלאָף אַ פּוסטן
און די אַקטיאָרן הוסטן
און זיי הוסטן און זיי הוסטן...
און די סטאַרן — גאָר קיין „נאַרן"
און זיי מאַכן די דאָלאַרן...

שמואל איריס

עס פאָרן סטאַרן,
בייע סטאַרן,
קומען סטאַרן
ווי די האַרן,
אַקטיאָרן קנעכט און זיי ווי צאַרן,
קומען זעקלעך אָנצושאַרן,
בייטן פּעזעס אויף דאָלאַרן
און די אַקטיאָרן דאַרן
און זיי דאַרן און זיי קוואַרן,
און די סטאַרן אָט די סטאַרן
אוי די סטאַרן גוואַלד די סטאַרן!
סטאַרן, סטאַרן, סטאַרן, סטאַרן!
דער קאָפּ הייבט אָן פון זיי צו דאַרן...

איז כאָטש אָנערקענטע סטאַרן,
נו, מילא, בע, וואָס קאָן אונדז אַרן?...
נאָר פּסיידאָ־סטאַרן, פּסיידאָ־שטערן, —
אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן!...

„וואַרשע ביינאַכט"

עס קאָכט
עס יאַרידלט
ביי אונדז דאָ
אין שטעטל,
מ'שפּאַרט זיך,
מ'קיבעצט,
מ'לאַכט..
כאָדאָראָם
גייט עס,
מיט „זאָגט ער'ס"
מיט „רעדט ער'ס"
און אַלץ
אַרום
„וואַרשע ביינאַכט"...

צוויי צדים
זיי לויפן
צום קאָנסול,
צום ריכטער,
מלחמה, —
אַן אמתע
שלאַכט!

אַ יעדערער
טענה'ט
אַז ער
האָט די
אמתע,
ריכטיקע
„וואַרשע ביינאַכט"...

מ'באַנוצט
אויך אַ חוץ
די נישט
„כשרע" מיטלען,
געטאָקטע
רכילות
אַ פּראַכט...
מען „ספּיטשט"
פון די בינעס:
— אוי, יידעלעך,
לויפט!
נאָר ביי אונדז
שפּילט מען
„וואַרשע ביינאָכט"!...

שמואל איריס

איינער
אַ בחור,
אַ קנאַקער,
אַ קינסטלער,
האָט פּאָרט
עפּעס דאָך
צוגעטראַכט:
אַ שטיק
„הינטער וואַרשע"
(„דאָס גאָלדענע הענטל")
נאָר ווי קומט
עס צו
„וואַרשע
ביינאַכט?"...

ליבענקע וואַרשע,
דו האָסט
מיט דיין
„נאַכט" אונדז,
קיין שיינס
און קיין גוטס
נישט געבראַכט!
האָסט אונדז,
נאָר פאַרשאַפט
עגמת נפש
און בושהס
מיט דיין
„קונסטווערקל"
„וואַרשע ביינאַכט"...

הערצמאַן

אין קאַפּע, אין
קיבעצאַרניע
ביי דאָמינע
קאַווע און געבעקס
שטודירן דאָרט
טעאַטער־מענטשן
דאָס פּראָבלעם פון...
„דובל זעקס"...

און די שפּראַך
איז דאָרט אַ פּיינע
אַ „ליטעראַרישע"
ביז גאָר...
מ'איז זיך מכבד
איינס דאָס צווייטע,
מעג היטלער האָבן
אַזאַ יאָר...

חבר הערצמאַן
צווישן אַלע
כעסט זיך ברוגזט זיך
און פּראַכט.

און מאַכט מען אים
אַ קאָמפּלימענטל
שטירעט ער די ציין
און לאַכט...

און די חברה
אַקטיאָרן,
„ציִען אים אָן"
גאַנץ געשמאַק
מ'שטופּט אַ „לאַפּע"
פון אַלע זייטן
ווער אַ שנאָל
און ווער אַ קנאַק.

ער „צינדט" זיך אָן
אויף אַ מינוט נאָר:
— יעי באָגו, טשטאָ ווי,
מאַכן אַן עק!
און ווי אַ לייב
גיט ער אַ רעווע
אַז עס פּאַלט אַזש
אָן אַ שרעק.

שמואל איריס

— זיי זענען מיך
מקנא אַלע
פאַר מיין אָרגאַן
פאַר מיין געשריי
מיין „רעשבער"
און מיין „סווענגאַלי"
היינט דער „פּאָטער"
העי, העי, העי!...

— איך האָב געשפּילט
מיט אסתּר רחלען,
מיט די גרעסטע,
אין קונסט־טעאַטער!
אין „דאָרפס־יונג"
זיך געמאַכט
אומשטערבלעך, מיט מיין
טראַסציאַ יעהאָ מאַטער!

אין איירָאָפּע און ביי אונדז

אין איירָאָפּע, אַן איירָאָפּעער
איז... אַן איירָאָפּעער
און ביי אונדז אַן איירָאָפּעער
קוקט אויס מאָדנע זייער...

אין איירָאָפּע אויב טעאַטער,
ווייסט מען ס'איז טעאַטער.
און ביי אונדז, איז דאָס אַ חולה,
הוסט און האָט דעם קאַטער.

אין איירָאָפּע, אויב טאַלאַנט,
איז דאָ כאָטש וואָס צו הערן
און ביי אונדז אַ דילעטאַנט,
ווערט אַ סטאַר, אַ שטערן...

דאָרט ביי זיי אַ טענצערן:
גיט נאָר אַ באַרעכן
און ביי אונדז אַ טענצערן
זעט אויס ווי אַ קעכן...

אין איירָאָפּע רעזשיסאָרן
מאַכן קיין העוויות.

שמואל איריס

און ביי אונדז אַ רעזשיסאָר
ווייסט נישט פון זיין חיות...

באַנקעטן מאַכט מען דאָרט פאַרדינטע.
נישט דעם וואָס מ׳טאָר נישט.
און ביי אונדז מאַכט מען באַנקעטז
יעדן „גאָלע גאָרנישט״...

אַ יידישע שעה אין ראַדיאָ דאָרט
צו הערן איז אַ חידוש.
ביי אונדז דאָ הערט מען אַלע שפּראַכן,
אַלע, — נאָר נישט יידיש...

צום בענעפיט קומט עולם דאָרט
דעם קינסטלער צו באַגריסן.
און ביי אונדז גייט ער צום עולם,
ערב... בענעפיסן...

אַ „סיזן״ שפּילט מען דאָרט אַ „שלאַגער״,
עס האַלט זיך אין איין קאָכן.
און ביי אונדז די בעסטע פּיעסן, —
דערלעבט זיך קוים צוויי וואָכן...

ק ע צ ע ל ע

מיט אַלע מעלות
איז ער דאָך
אַ בחור
אַ געראָטענער
חוץ דעם איז ער
(ס׳איז קיין סוד)
אַ ליטוואַק
אַ „געבראָטענער“...

ס׳פּליסט אַקטיאָרסקע
בלוט ביי אים
אין אַלע זיינע
אָדערן;
מיט לידלעך
איז ער אָנגעשטאָפּט
ווי אַ קאַבאַק
מיט יאָדערן.

מ׳לאַכט ווען מען
דערזעט אים נאָר,
דעם ווילנער
תנא בראַ׳לע.
ס׳ווערט נישט מיאוס
צו הערן אים
דעם העלד
מיט דער גיטאַרעלע.

עס שטראַלן אויף
די פּנימער:
זיין „פּיקניק“,
זיין „קאָלטשאָנדעלע“,
זיין „טוקומאַן“,
זיין „שעוודאָלעט“,
„ראַנצעראָ“
„קאַראַשאַנדעלע“...

פּאַר קינדער
מאָלט ער בילדעלעך;

שמואל איריס

צאַרטינקע
ווי פידעלעך,
„וואַלד־מעשיות"
און אַנדערע
האַרץ־געשמאַקע
לידעלעך.

קאָפּירט אַ יעדן
קונציק שיין:
אין ראַדיאָ,
אויף קאָנצערטעלע.
„סערווירט" די וויצן
מיט געשמאַק
ווי אַ באַטעמט
דעסערטעלע...

— — — — — — —
— — — — — — —

און פון לידלעך
פון קאָנצערטן
און פון אַלע
זיבן גליקן
פעלט אים אויס
צום דירה־געלט
און אויך גאַנץ אָפט
צו פּיקען...

שמואליק

— זאָג מיר נאָר, שמואליק,
איך וויל דיר וואָס פרעגן,
דו ביסט דאָך פון סאַטאַנאָוו
דאַכט מיר, צי ניין?
האָסטו פון טעאַטער
אַמאָל דען געחלומט
אין דער היים דאָרט,
ביי דיר? איך וויל עס
פאַרשטיין!

איך קען גוט דיין
טאַטן,
אַ ייד אַזאַ לאַנגער,
ב׳וועל קיינמאָל זיין פנים
פאַרגעסן.
פיל צרות, יסורים,
ר׳האָט איבערגעטראָגן,
ווען אין „ווזשנע דאָם“
ביסטו געזעסן...

שמואל איריס

מיר שיינט ביסט אַ פערטל
יאָרהונדערט אין לאַנד שוין,
און אַלץ ביי דער בינע
כסדר.
נאָר כ׳זע נישט
קיין גליקן ביי דיר,
גוטער ברודער,
נו, דערציייל כאָטש פאַר מיר,
נו, ווי גייט דיר?...

כ׳האָב געהערט דו האָסט
צרות פון ווייב,
פון די קינדער,
פון ראָלן,
פון כאָר און אָרקעסטער.
שלעפסט ווענטלעך, קלאַפסט טשוועקעס,
און צווישן אַקטיאָרן
ביסטו דאָך דער לענגסטער
דער גרעסטער...

וואָס־זשע איז מיט דיר
שמואליק?!
ביסט באַליבט, שיינט מיר, זייער,
דאָך דריקט אויס דיין פּנים
נאָר טרויער.
דיין גאַנג ווערט אַלץ שווערער,
דיין רוקן — ער בייגט זיך
און די קרייזעלעך גרויער
און גרויער...

אַט אַזוי האָט מען געשפּילט טעאַטער

און שמואליק, ער קוקט
אויף מיר לאַנג
מיט אַ שמייכל,
נאָר די אויגן
גייען איבער פון טרערן,
און שטיל און בנעומות,
מיט אַ זיפץ פונעם האַרצן,
נעמט ער מיר די אורזאַך
דערקלערן:

— — — — — — — — — — — —

ס'האָט מיר צוגעזאָגט דער עולם
און האַלט זיין צוזאָג גאַנץ געוויס
שטענדיק אַ געמוטשעט לעבן
דערפאַר אַ גוטן בענעפיס...

מיר וועלן דיך געדענקען

(ע ל ע ג י ע)

מ׳האָט
אוודאי
נישט געריכט
זיך, אויף
אַזאַ פּאַטאַלן
סוף.
אַזוי שנעל
דיין ליד
געענדיקט,
אַזוי גיך
דער לעצטער
סטראָף...

פעלסט אויף
טריט
און שריט
אונדז חבר,
ליבער, ליבער
מישע שוואַרץ!

מיר הערן מער
דיין וואָרט
נישט מישע,
אוי ווי ווי׳׳
עס טוט
דאָס האַרץ!

האָבן מיר
דען ווייניק
דאָרט שוין:
ליניערס,
סיודאַדעלאַ,
און טאַבלאַדאַ?
עס פעלט
נאָר דאָרט
דיר מאַכן
סקיצן
און באַפּוצן
די עסטראַדע.

אָט אַזוי האָט מען געשפּילט טעאַטער

גרוס זשע
די קאָלעגן אַלע!
זיי דער
מליץ
ווי ביים
לעבן,
האָסט דאָך
דיינע
שענסטע
יאָרן,
דעם טעאַטער
אָפּגעגעבן.

גריס דאָרט
כעוועלען
גאָר האַרציק!
זאָג אים
דאָרט, דעם
תנא־ברא,

דערווייל האָט
קיינער אים
פּאַרטראָטן,
עס ליגט
נאָך איינזאַם
זיין גיטאַרע...

און דיר
געטרייער
חבר מישע,
וואָס־זשע קענען
מיר דיר
זאָגן?
מיר וועלן
אייביק
דיך דערמאָנען,
מיר וועלן אייביק
נאָך דיר
קלאָגן!

נחמיה צוקער

נו, ווי פילסטו
סאַכאַרינקוס,
איז גוט
צו זיין
אַ יובילאַר?
ווען אַלעס
קוקט דיר
אין די אויגלעך
ווי אויף
אַ טעאַטער־סטאַר...

און דו טראַכסט
ביים טיש
דאָרט אויבן,
אין דער ראָל
פון יובילאַר:
— פינף און צוואַנציק
יאָר בלויז צרות
איז גענוג
דער לוין
דערפאַר?!...

אויף פאַרשידענע
געביטן
פייערט מען
דיין יום־טוב
היינט;
אַרומגערינגלט
פון אַקטיאָרן
ליטעראַטן
און פון
פריינט...

האָסט פיל פיעסן
אָנגעשריבן
(אין דעם פאַך
ביסטו נישט
פרעמד...)
נו, ליגן
דען נישט
דיינע פיעסן
אויף דער פאָליצע
פאַרשעמט?...

שמואל איריס

האָסט מיט
קינסטלער
זיך פאַרבונדן,
געמאַכט מיט דלות
אַ יד אחת...
אוי,
נחמיהלע,
מיין חבר,
כ'האָב פון דיר
אַ קליינעם נחת!...

וויפל צרות
אויסגעשטאַנען
ביסטו
פון פאַראיין
דער גרינדער,
האָבנדיק
צו טון מיט
קינסטלער,
מיט קאַפּריזנע
גרויסע קינדער...

געדענקסט
איך האָב דיר
„פּראָפּעצייעט",
(אויב נישט אויסגעדאַרט
ז'דיין קעפּל)

אַז אויף דיינע
קוואַרע באַקן
וועט מען
באַהאַלטן
לייכט אַן עפּל?...

האָסט פאַר דעם
פאַראיין
געאַרבעט,
דיין געזונט אָפּט
נישט געשוינט.
פאַר דיין
שווערער מי
און אַרבעט,
מעגסטו בעסער
זיין באַלוינט...

האָסט פאַרדינט
דיין יום־טוב
כשר:
פון אַקטיאָר
דער טרובאַדור...
דו, אַלס
דראַמאַטורג
און שרייבער
און אַלס טרעגער
פון קולטור!

פון וואָס שרייבן?

איך ווייס נישט
בפירוש,
פון וואָס
איך זאָל
שרייבן,
פון וועטער
פון קוואַס
צי פון
הייוון;
צי אפשר
גאָר שרייבן
פון ספינקס
אָדער ראַדיאָ,
אַז כ׳בין
אויף די
זאַכן
קיין מבין.

צי אפשר
גאָר שרייבן
פון ראָלן
פון פלאַסטיק
פּאָליטיק,
פרעזידענט
אָדער
קעניג;
פון קונסט,
מאַכערייקעס,
גרים
און פון
פּיעסן, —
פאַרשטיי איך
די זאַכן
גאַנץ
ווייניק.

פון אַקטיאָרן
און קריטיק
וואָלט איך
אפשר געשריבן
האָב איך
מורא —
צווישן אונדז
זאָל עס
בלייבן...
מ׳עט זאָגן;
— „רכילות״...
ער שרייבט ווייל
סע לוינט זיך...״
דעריבער
שוין בעסער
היינט גאָרנישט
צו שרייבן...

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL DIA 5 DE JUNIO
DE 1956, EN LOS TALL. GRAF.
"ZLOTOPIORO HNOS.", CALLE
GASCON 1231, BUENOS AIRES.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Copyright by:
SAMUEL IRIS - Bs. As.,
(Argentina)

SAMUEL IRIS

ASI SE HACIA TEATRO

★

BUENOS AIRES
1 9 5 6